NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04455

LEBEDIKE KLANGEN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן

מספרי
שלום און שפרה קרישטאלקעס
ביבליאָטעק

לעבעדיקע קלאַנגען

כרעסטאָמאַטיע
פאַרן צווייטן לערניאָר.

צווייטע פאַרבעסערטע אויפלאַגע

פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול“

ווילנע—1922

אַלע רעכט און אַלע לענדער
פאַרבאַהאַלטן די מחברים פאַר זיך.

געדרוקט אין 5000 עקזעמפּלאַרן

דרוקעריי ש. פּ. גאַרבער, זאַוואַלנע 25.

א יינגל ווי א פינגערל.

אמאָל איז געווען
אַ יינגל אַ שיינער,
ווי אַ פינגער אַ קליינער:
ס'געזיכט אַ פּאָרטרעטל,
ווי פונקען די אייגלאַך,
די הערלאַך אין בייגלאַך;
געוואוינט ט'ער אויף בייטן
פון גראָזן און קוויטן.

און אויף פלעגט ער זיין שוין
אַ בלאַסק אויף פרימאָרגן,
און פריילאַך אָן זאָרגן

זיך באָדן אין טויען,
און נאָכדעם זיך סטרויען
אין בלעטעלאַך ריינע
פון ליליעס שיינע.

דערנאָך פלעגט ער שפּאַנען
אַ בין, פלינק און גאָלדיק,
אין וועגעלע זיינעם
פון נוס-שאָלאַכן פיינעם,
די לייצעס אָנציען
און פליען און פליען...

אַנדערס נײַ היטעלע.

אַמאָל איז געווען אַ ייִנגעלע, אַנדערס האָט מען אים גע־רופֿן. האָט ער געהאַט אַ נײַ היטעלע. בײַ קיינעם איז ניט געווען אַזאַ היטעלע, וואָס זאָל זײַן שענער פֿאַר אַנדערס: די־דאָזיקע היטעלע האָט דאָך אויסגעאַרבעט אַנדערסעס מאַמע מיט אירע אייגענע הענט, און ווער קאָן עס מאַכן בעסער פֿאַר דער מאַמען?

געווען איז דאָס היטעלע אינגאַנצן אַ רויטס, נאָר דאָס דעניקל איז געווען אַ גרינס: ניט געסטאַיעט קיין רויטע וואָל מער. און דאָס קוטאַסל איז געווען אַ בלויס.

די ברידערלאַך און שוועסטערלאַך זײַנען נאָכגעלאָפֿן אַנדערסן און אָנגעקוואָלן פֿון זײַן היטעלע. אַנדערסן האָט דאָס אָבער גאָר ניט גע־רירט. ער האָט אַרײַנגעלייגט די הענט אין די קעשענעס און איז זיך אַוועק אויפֿן שפּאַציר, און פֿון גאַנצן האַרצן באַדויערט יעדערן, וואָס האָט ניט פֿאַרמאָגט אַזאַ היטעלע.

דער ערשטער, וועמען ער האָט באַגעגנט, איז געווען אַן אַרבע־טער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך אַ וואָגן טאָרף און פֿלײַסיק אונטער־געשמיצלט דאָס פֿערדל. דער אַרבעטער האָט זיך אַזוי נידעריק פֿאַר־נייגט פֿאַר אַנדערסן, אַז ער האָט זיך שיִר האַלז און נאַקן ניט געבראָכן, נאָר אַנדערס איז שנעל דורכגעלאָפֿן פֿאַרבײַ אים. דאָרט, וואו מע פֿאַר־קערעוועט בײַם שליאַך, האָט ער אָנגעיאָגט דעם שוסטערס זון, לאַבסן. לאַבס איז שוין געווען אַ גאַנץ היפּשער יונג און האָט שוין געטראָגן הויכע שטיוול און געהאַלטן אַ טאַשנמעסערל אין קאַלעווע. לאַבס האָט פּשוט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פֿון היטעלע. ער האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און אַ ריר געטאָן דאָס בלויע קוטאַסל.

— הער נאָר, לאָמיר זיך בײַטן! — האָט ער געזאָגט, — איך וועל דיר געבן מײַן טאַשנמעסערל, און דו גיב מיר דײַן היטעלע.

בײַ לאַבסן איז געווען אַ זעלטן מעסערל, נאָר דאָס קלינגל איז געווען צעבראָכן אויף דער העלב, און דאָס קלעצל איז געווען אַ ביסל קאַליע. אַנדערס האָט געוואוסט, אַז ווער עס האָט אַ טאַשנמעסערל, הייסט שוין כמעט אַ גרויסער, דאָך אָבער קומט עס ניט צום היטעלע, וואָס די מאַמע האָט אויסגעאַרבעט.

— ניין, איך וויל ניט, — האָט אַנדערס געענטפֿערט, — האָט אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אָפּגעזעגנט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען ווײַטער.

באַלד נאָכדעם האָט אַנדערס באַגעגנט אַ שוואַכע אַלטע פרוי. די פרוי האָט אַזוי נידעריק זיך אַ בוק געטאָן פאַר אים, אַז איר קלייד האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי אַ פּענכער. זי האָט געזאָגט אַנדערסן, אַז דאָס היטעלע פּאַסט אים אַזוי, כאָטש נעם גיי צום קייסער אויפן באַל.

— און פאַרוואָס טאַקע ניט? — האָט אַנדערס אַ טראַכט געטאָן, — אויב איך בין יאָ אַזוי שיין, פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט צוגיין צום קייסער?

און ער איז אַוועק צום קייסערס פּאַלאַץ. פאַרן פּאַלאַץ זײַנען געשטאַנען צוויי גרענאַדירן אין בלאַנקענדיקע קאַסקעס און מיט ביקסן אין די הענט. אַז אַנדערס איז צו זיי צוגעקומען, האָבן זיי אויסגעצויגן די ביקסן און אָנגעשטעלט אויף אים.

— האַלט! — ווער גייט? — האָט איין גרענאַדיר אַ געשריי געטאָן.

— דאָס בין איך, — האָט אַנדערס געענטפערט, — איך גיי צום קייסער אויפן באַל.

— מע טאָר ניט, — האָט דער צווייטער גרענאַדיר אַ זאָג געטאָן און געמאַכט אַ שריט אַפריער, — אַהער לאָזט מען אַריין נאָר מענטשן אין מונדירן.

גראָד אין דער מינוט איז די פּרינצעסין אַרומגעשפּרונגען איבערן הויף, אָנגעטאָן אין אַ ווײַס זײַדן קליידל מיט אַ בלויען באַנד. דערזען אַנדערסן לעבן די גרענאַדירן, איז זי צו צו זיי.

— אַך, — האָט זי געזאָגט, — ער טראָגט אויפן קאָפּ אַזאַ שיין היטעלע, און דאָס איז אַלצאיינס ווי אַ מונדיר.

און זי האָט גענומען אַנדערסן פאַר דער האַנט און זיך געלאָזט גיין מיט אים איבער די ברייטע מאַרמאָר-טרעפּ. לענג אויס זײַנען געשטאַנען דאַמען און קאַוואַלירן, אויסגעפּוצט אין זייד און סאַמעט, און האָבן זיך נידעריק געבוקט פאַר זיי. זיי האָבן געזען דאָס היטעלע אויף אַנדערסן, און האָבן גערעכנט, עס דאַרף געוויס זײַן אַ פּרינץ.

אין סאַמע עק פונם גרויסן זאַל איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ סך גאָלדענע בעכערס און געפעס, און אויף גרויסע זילבערנע טאַצן זײַנען געלעגן גאַנצע בערג לעקאַך און טאָרט. די פּרינצעסין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול אונטער אַ בלויער חופּה, באַפּוצט מיט גירלאַנדעס רויזן, און האָט אויך אַנדערסן פאָרגעלייגט זיך זעצן אויפן צווייטן גאָלדענעם שטול.

— איידער דו וועסט זיך אָבער נעמען צום עסן, מוזטו אויסטאָן דאָס היטעלע, — האָט די פּרינצעסין געזאָגט, און עס געוואָלט בײַ אים אַראָפּנעמען פון קאָפּ.

—אָ, איך ווייס, ווי אַזוי מע דאַרף זיצן ביים טיש,—האָט אַנדערס געענטפערט און שטאַרק צוגעהאַלטן דאָס היטעלע מיט ביידע הענט־לאַך, ווייל ווער וואָלט אים געקאָנט עָרֵב זיין, אַז ער וועט עס באַקו־מען צוריק, אויב ער וועט עס אַוועקגעבן?

—הער נאָר,—האָט די פּרינצעסין געזאָגט,—גיסטו מיר דיין היטעלע, גיב איך דיר אַ קוש.

די פּרינצעסין איז געווען זייער אַ שיין מיידעלע, אירער אַ קוש איז געווען אַ פאַרגעניגן. אַנדערס אָבער וואָלט פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט ניט אָפּגעגעבן דאָס היטעלע, וואָס די מאַמע האָט אים גע־מאַכט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

—נו, טאָ וואַרט,—האָט די פּרינצעסין געזאָגט, און האָט אים אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט סטרודל, האָט אים אָנגעטאָן אויפן האַלז איר שווערע גאָלדענע קייט, דערנאָך האָט זי זיך איינגעבויגן און אים אַ קוש געטאָן. ער אָבער האָט זיך נאָך טיפער אַריינגעזעצט אין שטול און ניט אַראָפּגענומען זיינע הענטלאַך פונם היטעלע.

אינדעם האָט זיך די טיר ברייט געעפנט, און דער קייסער איז אַריינגעקומען מיט זיין סוויטע, אַלע אין בלאַנקענדיקע מונדירן און אין קאַסקעס מיט פעדערן. דער קייסער אַליין איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּורפּור־מאַנטל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט הערמעלין. דער מאַנטל און האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט מיט אַ שלייף איבער דער דיל. אויפן קאָפּ האָט דער קייסער געטראָגן אַ גרויסע, גאָלדענע קרוין.

דערזען אַנדערסן אויפן גאָלדענעם שטול, האָט דער קייסער אַ שמייכל געטאָן.

—יאָ, דו האָסט זייער אַ שיין היטעלע,—האָט ער געזאָגט אַנדערסן.

—יאָ,—האָט אַנדערס געענטפערט,—די מאַמע האָט עס מיר אויס־געאַרבעט פון דער בעסטער וואָל, און יעדערער האָט חֵשֶק דאָס אויס־נאַהן ביי מיר.

—נו, אָבער מיט מיר וועסטו געוויס זיך ביטן,—האָט דער קייסער געזאָגט און אַראָפּגענומען פון קאָפּ זיין גרויסע שווערע קרוין. אַנדערס האָט דערויף גאָרניט געענטפערט. ער איז אַלץ געזעסן און צוגעהאַלטן מיט ביידע הענטלאַך זיין היטעלע, וואָס יעדערער האָט חֵשֶק געהאַט ביי אים עס אויסנאַרן. נאָר אַז דער קיניג מיט דער גילדערנער קרוין אין די הענט איז צוגעגאַנגען צו אים נעענטער, איז אויף אַנדערסן אָנ־

געפֿאַלן אַזאַ שרעק, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געפּילט. דער קיניג קען דאָך טאָן אַלץ, וואָס ער וויל!

מיט איין שפּרונג איז אַנדערס אַראָפּ פון שטול און האָט זיך אַ לאָז געטאָן פייל אויסן בויגן דורך דעם זאַל, איבער די טרעפּ, איבערן הויף. ער איז געלאָפן אַזוי שנעל, אַז דער פּרינצעסינס קייטעלע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין האַלז און אַלע שטיקער סטרודל זיינען אַרויסגעפאַלן פון זיין קעשענע, נאָר זיין היטעלע איז ביי אים געבליבן גאַנץ. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געלאָפן אַהיים, האָט ער עס צוגעהאַלטן מיטביידע הענט.

געקומען אַהיים, איז ער אַרויף גלייך צו דער מאַמען אויף די קני און ער האָט איר דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, און ווי מע איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל אָפּגעבן זיין היטעלע.

די ברידער און שוועסטער זיינען געשטאַנען אַרום מיט אָפענע מיילער און געהערט, וואָס אַנדערס האָט דערציילט.

נאָר, אַז דער עלטערער ברודער האָט דערהערט, ווי ער האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן דאָס היטעלע אפילו דעם קיניג פאַר דער גאָלדענער קרוין, האָט ער געזאָגט, אַז אַנדערס איז אַ נאַר: אַ ווערטעלע, וויפיל גוטע זאַכן וואָלט מען געקאָנט באַקומען פאַר דער קרוין, אַנדערס וואָלט דעמאָלט געקענט האָבן נאָך אַ שענערע היטעלע, ווי דאָס ערשטע.

אַנדערס איז רויט געוואָרן, ווי אַ צוויק. דאָס איז אים גאָר אויף די געדאַנקען ניט אַרויפגעקומען. ער האָט זיך אַריינגעגראָבן מיטן קעפּל אין דער מאַמעס אַקסל און זי אַ פרעג געטאָן:

— מאַמע, איך בין אַ נאַר?

די מאַמע האָט אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

— ניין, מיין קליין זונעלע, — האָט זי געזאָגט, — ווען אפילו זאָלסט זיין אָנגעטאָן אין גאָלד און זילבער פון קאָפּ ביז די פיס, וואָלסטו אויך דעמאָלט ניט אויסגעזען אַזוי שיין ווי איצט אין דיין קליין רויט היטעלע.



טראַכט צו מַעשֶׂהלאַך צו די בילדער.

ציפּ, צאַפּ, העמערל.

ציפּ צאַפּ, העמערל!
קום צו מיר אין קעמערל,
קום אין הייזעלע צו מיר,
וועל איך עפּעס ווייזן דיר.
כ'האָב אַן אוצאַל אַ שיינס,
אויף דער גאָרער וועלט נאָר איינס —
האַלט איך עס פאַר מיר אַליין
אין אַ שלאָס פון מירמלשטיין.

דאָרטן ליגט מיין פייגעלע
אין אַ גאָלדן וועגעלע;
שלאָפט עס שטיל די גאַנצע נאַכט
מיט די אייגעלאַך פאַרמאַכט.
ווערט די זון נאָר וואַכנדיק,
כאַפּט עס אויף זיך לאַכנדיק
מיט אַ זיס געלעכטערל—
ס'איז מיין קליין ליב טעכטערל.

טאַנץ, טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ!

טאַנץ, טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
מיטן בלומענקראַנץ!
זעסט דער הימל לאַכט מיט טרערן,
ווערסט אינגיכן אַ כּלה ווערן.
טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
מיטן בלומענקראַנץ!
קלעזמער, שפּיל, קלעזמער, שפּיל!

טאַנצן וויל מיין מיידעלע!
טאַנצן וויל מיין מיידעלע!
אינם פיינעם קליידעלע
טאַנצט עס מיט געפיל.
שפּיל, קלעזמער, שפּיל!
טאַנץ, טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ
מיטן בלומענקראַנץ!

די אֶמֶתע מאַמע.

אַמאָל אין שלמה-המלכס צייטן האָבן געוואוינט אין איין שטוב צוויי פרויען.

ביידע האָבן זיי געהאַט צו קליינע קימפּעט-קינדער פון איין עלטער. איינמאָל ביינאַכט האָט איינע פון די ביידע מוטערס שלאָפנדיק דער-שטיקט איר קינד. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט דערזען, אַז איר קינד איז טויט, האָט זי עס שטילערהייט אַוועקגעלייגט בײַ איר שכנטע און דער שכנטעס לעבעדיק קינד צוגענומען צו זיך.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט יענע פרוי זיך אויפגעכאַפּט און געוואָלט אָנזויגן איר קינד; אָבער דאָ האָט זי דערזען, אַז לעבן איר ליגט אַ פרעמד, טויט קינד. האָט זי גענומען זוכן איר אייגן קינד און האָט עס געפונען בײַ דער צווייטער פרוי אין בעט.

— גיב מיר אָפּ מיין לעבעדיק קינד און נעם דיר דיין טויט קינד— האָט זי גענומען פאָדערן פון איר שכנטע.

יענע האָט אָבער אַלץ אָפּגעלייקנט: „דאָס לעבעדיקע קינד איז מיינס"—האָט זי געטענעט.

לאַנג האָבן די פרויען זיך געקריגט און צום סוף זיינען זיי אַוועק צו אַ דין-תורה צו שלמה המלך, דעם קליגסטן פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט.

שלמה המלך האָט אויסגעהערט זייערע ביידנס טענות און האָט אַזוי געפּסקנט.

אַזוי ווי עס איז אוממעגלאַך צו דערגיין דעם אמת, וועמעס איז דאָס לעבעדיקע און וועמעס איז דאָס טויטע קינד, זאָל מען דאָס לעבעדיקע קינד צעשניידן אויף העלפט און צעטיילן צווישן ביידע מוטערס.

— נעם דעם שווערד און צעשנייד דאָס קינד!—האָט שלמה געזאָגט צו אַ זעלנער פון זיין וואַך.

— גוט! זאָל זיין ניט מיר, ניט איר!—האָט אויסגעשריען די פאַלשע מאַמע מיט שמחה.

— ניין! ניין! זאָל שוין דאָס קינד בעסער בלייבן בײַ איר, נאָר זאָל מען עס ניט טויטן,—האָט מיט אַ געוויין גענומען בעטן די אמתע מאַמע און האָט זיך געוואָרפן צו שלמהס פיס, ברעכנדיק די הענט.

— אָט די איז די אמתע מאַמע, ווייל בײַ איר איז דאָס קינד טייער—

האָט שלמה געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער וויינענדיקער פרוי:—גיט איר אָפּ דאָס קינד!

אַזוי האָט שלמה המלך באַוויזן, ווער די אמתע מאַמע איז.

דריי מַלאָכים.

איי לי ליו ליו, איי ליו ליו,
מאַך, מיין קינד, די אייגלאַך צו.

דריי מאָל קרייט דער רויטער האָן,
קומען דריי מַלאָכים אָן.

שיינע קרוינען טראָגן זיי,
צו דיין וויגל קומען זיי.

ווייסע פליגלען האָבן זיי,
מיט די פליגלען פאָכן זיי.

פאָכן לייכט און פאָכן לינד
אַרום וויגל פון מיין קינד.

—ערשטער מַלאַך אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו מיין קינד געבראַכט?

זאָגט דער מַלאַך:—אין מיין קרוין
האָב איך אַזאַ כּישוף־שטיין,

טו איך מיטן שטיין אַ דריי,
אויף דיין קינד אַ דריי אַזוי,

וועט ער האָבן לאַנגע יאָר
און דערלעבן גרויע האָר.

„קו־קו־רי־קו ריקו האָן"
טוט אַ קריי דער רויטער האָן.

און דער מַלאַך פון זיין קרוין
נעמט אַרויס דעם כּישוף־שטיין,

טוט אַ דריי אים אויף מיין קינד,
פליט צום וואָלקן און פאַרשווינדט.

איי לי ליו ליו, איי לי ליו,
מאַך, מיין קינד, די אייגלאַך צו.

—צווייטער מַלאַך אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו מיין קינד געבראַכט?

זאָגט דער מַלאַך:—אין מיין קרוין
האָב איך אַזאַ איידלשטיין,

טו איך מיטן שטיין אַ דריי,
אויף דיין קינד, אַ דריי אַזוי,

וועט ער לערנען גוט און פיין,
וועט אַ תּלמיד־חכם זיין.

„קו־קו־רי־קו ריקו האָן".
טוט אַ קריי דער רויטער האָן.

און דער מַלאך פון זיין קרוין
נעמט אַרויס דעם איידלשטיין,

טוט אַ דריי אים אויף מיין קינד,
פליט צום וואָלקן און פאַרשווינדט.

אַיי לי ליו ליו, אַיי ליו ליו,
מאַך, מיין קינד, די אייגלאַך צו.

—דריטער מַלאך אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו מיין קינד געבראַכט?

זאָגט דער מַלאך:—אין מיין קרוין
האָב איך אַזאַ דימענטשטיין,

טו איך מיטן שטיין אַ דריי,
אויף דיין קינד אַ דריי אַזוי,

וועט ער זיין אַ גרויסער גביר,
האָבן אוצרות אָן אַ שיר.

„קו־קו־רי־קו ריקו האָן"
טוט אַ קריי דער רויטער האָן.

און דער מַלאך פון זיין קרוין
נעמט אַרויס דער דימענטשטיין,

טוט אַ דריי אים אויף מיין קינד,
פליט צום וואָלקן און פאַרשווינדט.

איצטער שלאָפט דער רויטער האָן,
ווייל ער האָט ניט וואָס צו טאָן.

אַיי לי ליו ליו, אַיי ליו ליו,
מאַך, מיין קינד, די אייגלאַך צו.

עס מוז זיין ווייט אמעריקע.

אַלע פרימאָרגן פלעגט זיך יאָסעלע אַראָפּכאַפּן פון זיין בעטל צום פאָטער אין בעט. דער פאָטער פלעגט אים, ליגנדיק אין בעט, דערציילן מַעשיות, און די מַעשיות פלעגן יאָסעלען שטאַרק געפעלן.

היינט האָט זיך יאָסעלע נאָך פריער ווי אַלע מאָל אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז אַראָפּ פון זיין בעטל און איז אַוועק צום פאָטער אין בעט.

צו זיין גרויסן וואונדער האָט ער דעם מאָל דעם פאָטער אין בעט ניט געטראָפן.

— וואו איז דער טאַטע?—האָט ער געפרעגט די מוטער שטאַרק פאַרוואונדערט.

—דער טאַטע איז נעכטן אַוועקגעפאָרן—האָט די מוטער געענטפערט.

— וואוהין?

— קיין אַמעריקע, מיין קינד! ער האָט דאָך דיר געזאָגט, אַז ער פאָרט קיין אַמעריקע.

— פאַרוואָס איז ער נאָך ניט צוריקגעקומען? ער האָט דאָך צוגעזאָגט באַלד צו קומען...

— אינגיכן וועט ער קומען, קינד מיינס! ער וועט דיר ברענגען א שיינע מתּנה.

— אַ מתּנה וועט ברענגען דער טאַטע? גוט! ווען? מאָרגן, מאַמע?

— אפֿשר מאָרגן—ענטפערט די מוטער, און איין טרער נאָך דער אנדערער קייקלען זיך איבער אירע באַקן.

— וואָס וויינסטו, מאַמע?

— גאָרנישט, מיין טייערער, איך וויין ניט—ענטפערט די מוטער און קושט דעם קינד אויפן קאָפּ.

אַזעלכע שמועסן פלעגן פאָרקומען צווישן יאָסעלען מיט דער מוטער אַלע פרימאָרגן אַ גאַנץ לאַנגע צייט.

— נאָר פאַרוואָס קומט אָבער ניט דער טאַטע?—פרעגט אַלץ יאָסעלע...

— עס ווייזט אויס, אַז אַמעריקע איז זייער ווייט!...—טראַכט זיך יאָסעלע. ס׳פאַרקלעמט אים דאָס הערצל און ער הייבט נאָך שטאַרקער אָן צו בענקען.

שלאָף, מיין קינד.

שלאָף, מיין קינד, מיין טרייסט,
מיין שיינער,
שלאָף, מיין זונעניו!
שלאָף, מיין קרוין, מיין קדיש איינער,
ליולינקע ליוליו.

ביי דיין וויגל זיצט דיין מאַמע,
זינגט אַ ליד און וויינט;
וועסט אַמאָל פאַרשטיין, מסתּמא,
וואָס זי האָט געמיינט.

אין אַמעריקע דער טאַטע
דיינער, זונעניו!
ביסט אַ קינד נאָך—שלאָף לעת־עתּה,
שלאָף־זשע, שלאָף, ליו־ליו.

און וועלדל ביים טייכל.

דאָרט, ניט ווייט פון שטיבעלע,—
אונטערן שטעטל באַלד,
לויפט אַ פרישעס וועסערל,
שטייט אַ גרינער וואַלד.

דאָרטן בליען בלימעלאַך,
בלומען אַלערליי,
פליגעלאַך פיל גאָלדענע
שושקען זיך מיט זיי.



גאָט וועט הייסן, וועט ער שיקן
בריוולאַך, זונעניו!
גאָר אינגיכן אונז באַגליקן,
שלאָף־זשע, שלאָף, ליו־ליו.

ער וועט אַלץ פון אונזערהטוועגן
שאַפן, זונעניו,
און וועט פאָרן אונז אַנטקעגן,
שלאָף־זשע, שלאָף, ליו־ליו.

ער וועט שיקן צוואַנציק טאָלער
זיין פאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען, לעבן זאָל ער,
אונז אַהינצוצו.

און וועט כאַפן דיך צום קושן,
שווייגן אַזש פאַר פרייד;
איך וועל קוואַלן טרערן גיסן,
וויינען שטילערהייט.

און דאָס קילע ווינטעלע
לויפט זיך פריי אַרום,
שפּילט זיך מיטן וועסערל,
שפּילט מיט יעדער בלום.

שפּילט מיט אַלע פויגעלאַך,
פליגעלאַך אין גראָז.
דעם אַ גלעט דאָס קעפּעלע,
דעם גיט עס אַ בלאָז.

אין דער ליבער קאָלאָניע.

דער וועג.

אַ גאַנצן מייל דאַרף מען פאָרן אין דער קאָלאָניע אַריין. אַ מייל איז אַ לאַנגער-לאַנגער וועג. אַזאַ וועג האָט נאָך גיטעלע קיינמאָל ניט געזען.

עס איז אַ וואַרימער און ליכטיקער טאָג. אין בויד זיינען געזעסן אַלע קינדער פון ערשטן קלאַס, אַלע מיט די פּעקלאַך. גיטעלע האָט געהאַט ביי זיך אין פּעקעלע צוויי העמדעלאַך, צוויי קליידעלאַך, איין שירצעלע, צוויי טיכעלאַך און פייגן מיט צוקערקעס. איין צוקערל איז געווען אַ גראָבער, אין אַ רויטן פּאַפּיר.

אַלע זיינען דאָ אין בויד: שׂרהלע, מאיר, בערל, חנטשע, דבורקע, יענטעלע... די בויד הוידעט זיך, צוויי פערדלאַך לויפן פאָרויס אַראָפּ-אַראָפּ באַרג.

„דער וועג איז אַ ווייטער, אַ ווייטער”...—

זינגט די גאַנצע בויד. באשר אין בויד קען מען ניט טאַנצן, אַזוי וואָלט גיטעלע באַלד, ווי איר שטייגער, אַוועק אַ טאַנץ; אַזוי קלאַפּט זי נאָר מיט די פיסלאַך, וואַרפט מיט איר קעפּל און שליידערט אום דעם שוואַרצן צעפּעלע מיט דער רויטער שטענגע, פּאַטשט מיט די הענטלאַך:

— סאַראַ מחיה צו פאָרן!...

זי האָט זיך באַלד גענומען צו איר פּעקעלע און אַרויסבאַקומען פון דאָרט איר גרויסע צוקערקע אין רויטן פּאַפּיר. סאַר אַ זיסע זי איז: אויף גיטעלען האָבן זיך באַלד פאַרקוקט די איבעריקע קינדער. באַלד האָט די גאַנצע פור געגעסן קיכעלאַך, פייגן, צוקערקעס און מאַנדעלאַך, וואָס די מאַמעס האָבן מיטגעגעבן.

געפאָרן איז מען דורך אַ פעלד. ביי די זייטיקע הייזלאַך זיינען געשטאַנען דאָרפישע קינדער און געקוקט אויפן מאָדנעם בויד מיט די קינדער. אַ סך־אַ סך קליינע הינדעלאַך האָבן געזוכט אַוואַדאי עסן אין גראָז. אין מיטן וועג האָט מען באַגעגנט אַ גרויסע סטאַדע מיט שעפּסעלאַך. גיטעלע זעט דאָס צום ערשטן מאָל.

— שעפּסעלאַך, שעפּסעלאַך...

— וואַרימע פוטערלאַך...

— מע... מע... מע...—האָבן די קינדער געשטיפט און די שעפּסעלאַך האָבן זיך איינע נאָך די אַנדערע גלאָזן אַראָפּצו אין פעלד.

גיטעלען האָט זיך געוואָלט נאָכיאָגן די שעפּסעלאַך, נאָר ערשטנס איז די בויד אַ הויכע און מע קען ניט אַראָפּשפּרינגען און צווייטנס האָט די לערערקע אַמאָל דערציילט אַ מעשה, ווי אַזוי אַ מיידעלע, טייבעלע, האָט זיך געיאָגט נאָך אַ שעפּסעלע און איז נאָכדעם אַליין געוואָרן אַ שעפּסעלע. גיטעלע וויל ניט ווערן קיין שעפּסעלע. ווי וועט זי קומען צו דער מאַמען? און אין שול?...

נאָכדעם האָט די בויד זיך דערלאַנגט אַזאַ טרייסל, אַז אַלע קינדער האָבן געמיינט, אַז זיי פאַלן פון בויד אַרויס. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געווען איינגאַנצן אָנגעלייגט אויף איין זייט—אַ ראָד האָט זיך צעבראָכן.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז מע האָט די ראָד פאַרריכט. דער פורמאַן האָט געשריען. מע איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. די קינדער האָבן דערווייל געריסן בלימעלאַך אין פעלד. גיטעלע האָט געריסן נאָר בלויע בלימעלאַך.

— לערערקע, וועמענס פעלד איז דאָס?...—האָט גיטעלע געפרעגט.

— אַ פויערס...—האָט די לערערקע געענטפערט.

— ווי רופט מען אים?...

— איך ווייס ניט...

— וואָס וואַקסט דאָ?—האָט גיטעלע געוואָלט וויסן.

— קאָרן...—האָבן עטלאַכע קינדער מיטאַמאָל געשריען.

ערשט צו נאַכט איז פאַרטיק געוואָרן די ראָד. אַנדערע קינדער האָבן שוין געדרעמלט אין בויד.

— נאָך דריי ווי אָרסט... — האָט דער פורמאַן געזאָגט און געשמיסן זיינע פערד. גיך איז געפאָרן די בויד. פּלוצים האָט גיטעלע דערזען, אַז עפּעס גלאַנצט אין גראָז, גלאַנצט ווי אַ פּיי ערל.

— לערערקע, לערערקע, וואָס איז דאָס?

— וואָס?

— וואָס עס לייכט...

— עס איז אַ לייכטנדיקער ווערימל, גיטעלע...—האָט די לערערקע געענטפערט. באַלד האָבן זיך דערזען די דריי גרויסע, ווייסע הייזער.

— די דאַטשעס!...

— אונזערע הייזער!...

— קינדער!... קינדער!...

אַזוי איז מען געקומען צופאָרן.

די ערשטע טעג.

דער ערשטער קלאַס האָט אַליין פאַרנומען אַ גאַנצע שטוב. אין דער שטוב זיינען דאָ אַ סך צימערן. אין אַלע צימערן זיינען דאָ בעטלאַך און טישלאַך. אין דריטן צימער ביים פענסטער שטייט אַ בעטל פאַר גיטעלען.

מע האָט געדאַרפט אַליין אָנשטאָפּן אין אַלע זעק היי. דאָס איז געווען אַ פריילאַכע אַרבעט. צום ערשטן מאָל איז גיטעלע אין אַזאַ גרויסן שייער מיט היי. נאָכדעם האָט מען אַליין צורעכט געמאַכט די בעטן. מע האָט געדאַרפט מאַכן פאָרהענגלאַך איבער די פענסטער. גיטעלע האָט געמאַכט איבער איר פענסטער אַ פאָרהענגל פון ראָזע פּאַפּיר און מיטן שערעלע האָט זי אויסגעשניטן אין דעם רעמעלאַך, קייקעלאַך און הינדעלאַך, אפילו שעפּסעלאַך אויך. אַלע קינדער האָבן אויף די טישלאַך און אויף די פענסטער אָנגעבראַכט בלומען.

נאָך דער אַרבעט האָט זיך גיטעלע אָרומגעוואַשן, האָט אָנגעטאָן אויף איר קעפּל איר רויטע טיכל און איז געגאַנגען קוקן, ווי זעט דאָס אויס ביי פרומטשען אין צימער:

— פרומטשע, פרומטשע, וואָס האָסטו נאָך ניט אויסגעקערט?...

— גיטעלע, די באַלעבאָסטעטשקע!...— האָט יענטעלע אַ געשריי געטאָן און אַלע קינדער האָבן זיך צעלאַכט.

צום ערשטן מאָל שלאָפט מען אין אַזאַ שטוב אויף אַזאַ סך בעטלאַך. לֶאה׳טשע איז אַ נאַר. זי וויינט—זי וויל אַהיים. גיטעלע וואָלט טאַקע וועלן זען די מאַמען, אָבער זי וויינט ניט. זי האָט דאָך אַלעמען אַזוי צוגעזאָגט.

גאָר פאַרטאָג האָט די זון אַריינגעשיינט דורך די לאָדנס און געוועקט אַלע קינדער פון דער גאַנצער שטוב מיטאַמאָל. אַזוי פיל הענער האָבן געקרייט. אויפגעכאַפּט האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל, צוזאַמען, ס'איז געוואָרן רוישיק, פריילאַך. אַלע האָבן גערעדט, געלאַכט.

„שטראַלעכלאַך, איר פייניקע"

„אין אַלע ווינקעלאַך מייניקע"...

האָבן געזונגען אַלע קינדער צוזאַמען אין דעם ערשטן פרימאָרגן.

נאָכדעם האָט מען זיך צעטיילט אויף אַרבעט: ווער אויפצוראַמען, ווער אין קיך, ווער וועכטערס אַרום די הייזער.

און ביים עסן איז אַזוי פריילאַך. די טישן שטייען אין וואַלד. אַלע קינדער זיינען ביי די טישן. עס איז אַזוי שיין צו קוקן אויף רָחעלען, ווי זי האָט אַזאַ פולן מויל מיט חַלָה און עסט און עסט.

— רָחעלע וועט ווערן אַ גראָבע!...—שרייט בערל.

און נאָכן עסן האָט מען זיך צעלייגט נאַקעטע אויף דעם הייסן, אָנגעגליטן באַרג.

און פייגעלאַך האָבן געזונגען אין וואַלד, און ווייסע און בלויע שמעטערלינגען זיינען אומגעלאָפן. חַיים איז געלאָפן אין פעלד אַריין כאַפּן די זומערפייגעלאַך...

מע דערציילט זיך מַעשֶׂהלאַך.

אַכט פאַרנאַכט וואַשט מען די פיס און מע גייט שלאָפן. עס איז נאָך ליכטיק און שוין גייט מען שלאָפן. לייגט מען זיך טאַקע אין די בעטן, אָבער שלאָפן שלאָפט מען ניט. פריער שטיפט מען, מע טאַנצט אויפן מיטן שטוב באָרוועסערהייט. מע זינגט אויס אַלע לידער ביז דאָס לעצטע ליד:

„אַ גוטע נאַכט,

„גוטע נאַכט..."

נאָכדעם קלייבט מען זיך אַרום גיטעלעס בעטעלע און מע הייבט זיך אָן צו דערציילן מַעשֶׂהלאַך. אָנגעהייבן די מַעשֶׂהלאַך און מער פאַר אַלעמען האָט דערציילט די בלאָנדע חַיהטשע:

— „איז אַרויס אַ וואָלף פון וואַלד, גלייך פון וואַלד און גייט צום וועכטערס הייזעלע. קומט ער צו צום פענסטער און קלאַפּט אָן: „די וועכטערקע איז געקומען... עפנט מיר..." דער וועכטער דערקענט אָבער דעם וואָלפס קול, עפנט ער ניט. קלאַפּט נאָכאַמאָל דער וואָלף און רעדט גאָרניט, נאָר ער קלאַפּט.

— ווער איז דאָרט?...—פרעגן דעם וועכטערס קינדער

ענטפערט ניט דער וואָלף און קלאַפּט.

— ווער איז דאָס?„—פרעגן די קינדער נאָכאַמאָל"...

גיטעלע בעט ביי די קינדער עס זאָל שטיל זיין. ס'דוכט זיך איר, אַז מע קלאַפּט ביי זיי אין טיר. אֶפשר קלאַפּט דאָ אין טיר אַ וואָלף, דער גרויער וועלוועלע מיט די פייערדיקע אויגן, וועלכער האָט ביים פויער דעם פערד צעריסן.

איצטער וויל שׂרהלע דערציילן אַ מעשׂהלע. זי האָט דאָס געהערט פון איר מאַמען.

— „אַמאָל איז געווען אַ ייד, אַן אָרימער שוסטער. ער האָט געהאַט פינף קליינע קינדערלאַך און שוין צוויי טעג ניט געהאַט זיי, וואָס צו געבן עסן. זיצט ער אויפן שוועל פון זיין שטוב און דאגעט: וואָס זאָל ער טאָן? וואָס זאָל ער געבן זיינע קינדער? איז פאַרבייגע-גאַנגען אַן אַלטיטשקער און געזאָגט צום אָרימען שוסטער:

— גיי צום ברונים, שעפּ אָן וואַסער, גיס אַריין אין דעם ערדענעם טאָפּ און קלאַפּ אין אים מיט דעם קליינעם פינגערל דריי מאָל און זאָג: „טעפּעלע, טעפּעלע, פייער-בליץ, קאָך פאַר די קינדער אַ זיסן גריץ"...

און אַזוי איז טאַקע געווען. דער שוסטער האָט וואַסער אָנגעשעפּט, אין טאָפּ געגאָסן, צום פייער צוגעשטעלט און אָפּגעקאָכט אַ פולן מיט גריץ"...

אין שטוב איז שוין גאָר פינסטער. אַנדערע קינדער זיינען שוין איינגאַנצן איינגעשלאָפן, נאָר אַ פּאָר דערציילן זיך נאָך אַלץ שענערע און שענערע מעשׂיות. די לעצטע מעשׂה דערציילט גיטעלע.

— די קאָריטע איז אַן אַלטע און די פּעסל פון דעם וואַסער איז אַן אַלטע. שטייען זיי, שטייען זיי איינע ביי די אַנדערע. שווייגן, שווייגן. האָט אָנגעהויבן די פּעסל פון דעם וואַסער צו לאַכן, לאַכט, לאַכט... די קאָריטע שווייגט. זי איז אין כּעס.

— הער אויף צו לאַכן, פּעסל, וואָס איז דאָס פאַר אַ שׂמחה אויף דיין קאָפּ?—האָט געשריען די קאָריטע.

— איך פריי זיך, וואָס איך האָב דיך דערקענט, ביסט דאָך מיינע א שוועסטער, וואָס שרייסטו אויף מיר!... האָט געענטפערט די פעסל.

— וואָס פאַר אַ קרובֿה בין איך דיר?...—האָט ווידער געפרעגט די קאָריטע.

— שעם זיך, וואָס דו האָסט פאַרגעסן... געדענקסט, ווי מיר ביידע זיינען אַמאָל יונג געווען. מיר האָבן ביידע דעמאָלסט געוויינט בשעת מע האָט אונדז פון איין בוים צעשניטן...

— מ... הם... טאַקע... טאַקע...— האָט געבורמעט די אַלטע קאָריטע"...

אַלע קינדער שלאָפן שוין. אפֿשר דאָרט ווייט מיט אַ מייל צוריק שלאָפט שוין אויך גיטעלעס מאַמע. אין וואַלד איז ליכטיק געוואָרן פון דער לבֿנה און די ליכטיקייט שיינט אַריין אין די פענסטער. גיטעלע איז אויך איינגעשלאָפן און זי זעט גאָרניט, ווי די שטערנדלאַך קוקן אויף איר.

גיטעלע איז ניטאָ.

היינט איז געווען דער בעסטער טאָג. ערשטנס האָט מען היינט אויפגעקליבן אַלץ, וואָס די קינדער האָבן געצייכנט אין איין גרויסן בוך. אַזאַ שיינער בוך, מיט אַזעלכע שיינע טאָוולען—דאָס האָבן געגעבן די עלטערע קינדער אַ מתּנה פון זייערע אייגענע אַרבעט. צווייטנס האָט מען היינט געפלאָכטן אמתע קאָשיקלאַך פון צווייגעלאַך. דריטנס האָבן אַלע קינדער געקראָגן בריוועלאַך און פעקעלאַך פון דערהיים. איין יאַכעלע האָט ניט באַקומען, האָבן די קינדער אַליין געמאַכט פאַר איר אַ פעקעלע מיט מתּנות. יאַכעלע זאָל ניט וויסן, אַז איר מאַמע האָט איר ניט געשיקט—דאָס האָט גיטעלע אַזוי אויסגעטראַכט. פערטנס האָט מען היינט געגעבן אַזוי פיל נייע צאַצקעס, רייפן, פילקעס, טאָוועלאַך...

און, אַז ס'איז געווען אַזוי פריילאַך, האָט מען זיך כּסדר געשפּילט אין וואַלד. די יינגלאַך האָבן זיך געהוידעט און די מיידלאַך האָבן זיך געשפּילט.

בעסער פון אַלעמען קען גיטעלע טאַנצן. זינגען קען זי אויך, נאָר טאַנצן בעסער. ווי שׂרהלעס גרויע פילקעלע, אַזוי טאַנצט גיטעלע, אַרויף און אַראָפּ, און די פיסעלאַך שפּרינגען, ווי גומענע. אַלע קינדער זינגען, פּאַטשן מיט די הענטעלאַך און גיטעלע טאַנצט. זי דרייט מיטן קעפּעלע, קלאַפּט מיט די לייכטע פיסעלאַך; און, אַז זי טאַנצט אָפּ, לאַכט גיטעלע אַזוי קלינגענדיק, אַזוי חנעוודיק, אַזוי לאַכן אירע אייגעלאַך, אַז אַלע קינדער לאַכן מיט.

— גיטעלע-היטעלע, פיסעלע—ריטעלע...—שרייט דער קלייגער בערעלע.

— בערעלע—שערעלע, שווארצער הערעלע...—ענטפערט אים אָפּ גיטעלע.

גיטעלע איז אַ גוטע, אַ וואוילע מיידעלע. און אַלע קינדער האָבן זי ליב.

און פּלוצלונג איז גיטעלע פאַרפאַלן געוואָרן. מ'זוכט גיטעלען—זי איז ניטאָ. אין שטוב ניטאָ, אין קיך ניטאָ, אין זאַל—ניטאָ, ביים זאַמד—ניטאָ.

— קינדערלאַך, ווער האָט געזען גיטעלען?

— קיינער ניט...

שרייט שׂרהלע:—גיטעלע, גיטעלע, וואו ביסטו?

קיינער ענטפערט ניט.

גייען די גרויסע קינדער זוכן גיטעלען—געפינט מען זי ניט. וואו קען דאָס זיין גיטעלע?

איז מען שוין געגאַנגען צום פערטן מאָל עסן און גיטעלע איז אַלץ ניטאָ.

— איך וועל זיך זעצן אויפן פּריצס פערד און פאָרן זוכן גיטעלען...—זאָגט משקע, וועלכער האָט שוין טאַקע אין דער אמתן דריי מאָל געריטן אויף דעם פּריצס פערד—איך וועל ביי אים בעטן דעם בלינדן פערד, וואָס גייט פאַמעלאַך, איך זאָל ניט אַראָפּפאַלן...

ערשט מ'זעט—פון וואַלד גייט עמיצער. ווער איז דאָס? פון וואַנען?—טאַקע גיטעלע גייט. איינגעאַנצן אַ שוואַרצינקע מיט אַ פולן טעפּעלע יאַגדעס.

— גיטעלע איז דאָ!...

— יאַגדעס געבראַכט!...

איז עפּעס שולדיק גיטעלע, וואָס די יאַגדעס האָבן איר געגופן ווייטער, ווייטער אין וואַלד?—דער ריח איז געווען אַזאַ געשמאַקער און די יאַגדעס זיינען אַזעלכע זאַפטיקע. די בעקעלאַך, נישקשה, וועט די קענען אָפּוואַשן. די ציינדלאַך וועלן שוין מאָרגן זיין ווייסע...

א ה י י ם!...

היינט האָט מען אַלעמען פאַרטאָג געוועקט. אַז מע איז אַרויס פון שטוב, האָט מען שוין געפּאַקט די פּעק, די גרויסע מענטשן זיינען מאָדנע צעשראָקענע אומגעלאָפן, די גרעסערע קינדער האָבן געטראָגן

אריין און ארויס אין די הייזער. די קליינע קינדער זיינען געווען ניט קיין אויסגעשלאָפענע, צעשראָקענע.

— דאָ וועט זיין אַ מִלְחָמָה... האָט בערל דערציילט.

— מע שיסט דאָ...—האָט אים חַיִים בעסער דערקלערט.

מע האָט געטריבן די קינדער פון איין אָרט צום אַנדערן. מע האָט געגעסן שטייענדיק. מע האָט אַלעמען געהייסן אָנטאָן זיך די מאַנטעלאַך.

מיין שירצל!... מיין שירצל!...—האָט געשריען פרומטשע.

אָבער קיינער האָט איר גאָרניט געענטפערט.

— קינדערלאַך,—האָט די לערערקע געזאָגט—שרעקט זיך ניט, קיין פורן גיט מען אונז ניט, מיר וועלן זיך לאָזן צופוס, מירן גיין צוזאַמען אַהיים...

— דעם גאַנצן וועג?—האָט אַהרקע געפרעגט.

— מירן זען...

איז אַריבערגעגאַנגען אַ שָׁעה. אַזוי פיל קינדער, הונדערטער קינדער זיינען געגאַנגען אויפן וועג. אויפן וועג זיינען געפאָרן אַ סַך פורן מיט סאָלדאַטן, אין די פורן זיינען געלעגן קראַנקע סאָלדאַטן מיט פאַר־בונדענע קעפּ, פון ביידע זייטן האָט מען געהערט אַזעלכע מאָדנע קלעפּ:

— טאַך—טאַראַ—ראַך—טאַך!...

— טאַך—טאַך—טאַך!...

דורכן וועג זיינען דורכגעלאָפן רייטער אויף פערד און עפּעס געשריען אויף די קינדער. די קינדער האָבן זיך צעשראָקן. פרומעלע האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

— קינדערלאַך, קינדערלאַך—האָט זיך געבעטן די לערערקע—מע מוז גיין, מע מוז קומען אין שטאָט.

און די פיס האָבן שוין שטאַרק ווי געטאָן. דער וועג איז אַלץ געדיכטער געוואָרן. פון ביידע זייטן באָרוועסע, אָרומגעפּליקטע זעלנער, צעבראָכענע פורן, פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, און אינמיטן זיינען געגאַנגען הונדערטער צעשראָקענע, פאַרמאַטערטע קינדערלאַך און צוזאַמען מיט זיי—גיטעלע אין איר רויטן היטעלע.

אַ גוטע מיידעלע איז גיטעלע. אַ וואוילע מיידעלע. אפילו די ווייסע קעצעלע האָט זי ליב. היינט איז אָבער גיטעלע קראַנק. גיטעלען טוען וויי די פיסעלאַך, גיטעלען טוט וויי דאָס קעפּעלע און זי איז צעשראָקן.

בעכטן בייגאַכט איז זי דאָך אַ גאַנצע שָׁעה אָפּגעשטאַנען ביי דער טיר פון זייער שטוב און געקלאַפּט-געקלאַפּט:

— מאַמע, מאַמע, עפן מיר!...

איצט ליגט זי אין בעט און דרעמלט, און, אַז זי כאַפּט זיך אויף, מאַכט זי מאָדנע קולות:

— סאָלדאַטן שיסן!... סאָלדאַטן!... סאָלדאַטן שלאָגן!...

אָבער נישקָשה, גיטעלע וועט געוויס געזונט ווערן און וועט ווידער גיין אין שול.

בלומען.

פעלדער גרינען, וועלדער רוישן,
גייען מיר מיט פולע קוישן,
בלומען אָן אַ שיר...
גייען מיר אַרומגענומען,
און באַקראַנצט מיט יונגע בלומען
אין דעם בונטן ציר...

זינגען, שפּרינגען מיר און טאַנצן,
און פון גליק די אויגן גלאַנצן
בלומענדיק און ריין!
ווער באַקראַנצט וויל זיין פון
בלומען,
זאָל צו אונז, צו אונז זאָל קומען,
קומען זאָל צוגיין!

מירן אָפּגעבן אינגאַנצן!
און אין פעלדער ווייטער טאַנצן,
לאָזן ווייט זיך גיין!
לאָזן גיין זיך גיך, געשווינטער
ווייל מיר זיינען אַלע קינדער—
בלימעלאַך אַליין!

אויף אַ זומער־וואוינונג.

מיר גרייטן זיך אין וועג.

ס'איז שוין זומער, זאָגט די מאַמע,
מעגן טירן אָפן זיין,
און אין דרויסן איז דאָך וואַרעם,
גייען מיר אַרויס, אַריין.

און די מאַמע נייט אַלץ זאַכן,
פּאַקט זיי אין אַ קאַסטן איין,
און זי זאָגט, אַז מירן פאָרן
אין אַ לאַנד פון זונענשיין.

האָט זי אויפגעגנייט מיר הויזן,
איז קיין קעשענעס ניטאָ,
און איך האָב אַ שיינע פייפל,
וועל איך אויפהענגען אָט דאָ.

לאַנג וועל איך שוין דאָ ניט שפּילן,
מיט דער מאַמען פאָר איך ווייט!
מירן נעמען גוטע זאַכן,
אויף אַ לאַנגע לאַנגע צייט.

מיר פאָרן.

מאַמע זאָגט: „מע דאַרף באַלד פאָרן"
און זי פּוצט מיך אויס גאָר שיין,
קושן מיר זיך מיט דער באָבען,
איילן זיך צום באַן צו גייז.

טראָגט אַ רייזע־טאַש די מאַמע
און איך גיי מיר פייפנדיק.
זיינען מיר צום באַן געקומען,
גייען מיר אַרויף צום בריק.

אוי, איז דאָ אַ גרויסער טומל!
מענטשן לויפן אַזוי גיך.
— זאָג מיר, מאַמע, וווּ זיי לויפן,
און פאַרוואָס זיי אײַלן זיך?

מאַמע הערט ניט, וואָס איך זאָג איר,
אײַלט זי מיך און אײַלט זיך אויך.
איז די באַן שוין אָנגעקומען,
מיט אַ פײַף און מיט אַ רויך.

אין באַן

נעמען זיך די מענטשן שטופּן,
שאָקלט זיך דער הויכער בריק,
שרעק איך זיך אין באַן צו פאָרן,
— מאַמע, קום אַהיים צוריק.

האָט מען אונדז אַרײַנגעשטויסן,
מיט די מענטשן דאָ אין באַן,
האָבן מיר ניט וווּ צו זיצן,
שטעלט זיך אויף פאַר אונדז אַ מאַן.

זעצט זיך באַלד אַוועק די מאַמע,
און זי נעמט מיך אין איר שויס.
לויפט די באַן פאַרבײַ די הײַזער,
און זי וויגט אונדז אַלע אויס.

קוק איך מיר אין קליינעם פענסטער,
זע איך ביימער גאָר אַ סך,
זע איך דאָרט אַ קליינע הײַזל,
שטייט אַ מאַן און קלאַפּט דעם דאַך.

געקומען

פאָרן מיר אַזוי און פאָרן,
שלאָף איך אײַן אין מאַמעס שויס.
נאָכדעם וועקט מיך אויף די מאַמע,
גייען מיר פון באַן אַרויס.

איז דאָ גאָר ניטאָ קיין הייזער,
גראָז און ביימער אומעטום.
– מאַמע, זע וואָסערע בלומען!
זאָל איך אָפּרייסן אַ בלום?

ווו וועלן מיר וווינען, מאַמע?
און קיין קראָם איז אויך ניטאָ,
כ׳וועל קיין שאָקאָלאַד ניט קריגן,
ווײַל איך גאָר ניט וווינען דאָ.

– קום, מיין קינד,—זאָגט מיר די מאַמע,
און זי מאַכט צורעכט מיין הוט,
גייען מיר אין הויכע גראָזן,
רייס איך אָפּ אַ גרינע רוט.

זע איך גאָר אַ נייע וועלט
און מיין פּאַפּאַ שטיין,
וווּנדער איך זיך ווי די באַן
ווייסט וווּהיי צוּ גייי.

ג ע פ אַ נ ג ע ן.

דער פרילינג געקומען, דער שניי איז צעגאַנגען,
זיצט אין אַ שטייגל אַ פויגל געפאַנגען.

עס קלינגט אויף די פעלדער דעם שניטערס געזאַנגען
זיצט אין אַ שטייגל אַ פויגל געפאַנגען...

פינסטער ווערט דרויסן, די זון איז פאַרגאַנגען—
זיצט איי אַ שטייגל אַ פויגל געפאַנגען.

די נאַכט איז געקומען, די פענסטער פאַרהאַנגען,
זיצט איי אַ שטייגל אַ פויגל געפאַנגען.

קאניקול-צייט.

היינטיקן זומער האָט עלטשיק פאַרבראַכט די קאַניקול-צייט אין אַ קליין שטעטל ביי זיינעם אַ פעטער. דאָ אין דעם שטעטל איז אים געווען אַזוי גוט, אַז ער וועט, דאַכט זיך, די צייט קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אַ גאַנצן טאָג פון פרי ביז שפּעט פלעגט ער אַרומלויפן איבערן שטעטל, פאַרברענגען אין גאָרטן, אין סאָד, אין וואַלד, אין דערבייאיקן דאָרף. ער האָט דאָ געקראָגן אַ סך חבֿרים. אַלע טאָג פלעגן די קינדער מאַכן נייע שפּילן. מע האָט געשפּילט אין העזעלאַך, אין שטעט, אין פּיקערס, אין מלחמות. מ'האָט געבויט פעסטונגען, מ'איז געגאַנגען אין שלאַכט, מ'האָט גענומען געפאַנגענע.

איין מלחמה האָבן די קינדער געפירט מיט קראָפּיווע.

ביים גלח אין סאָד, פאַזע דעם פאַרקאַן, איז געוואַקסן הויכע געדיכטע קראָפּיווע. די קראָפּיווע האָט געשטערט די קינדער אַריינצוקריכן אין סאָד רייסן עפּל. די קראָפּיווע האָט אויך ניט צוגעלאָזט דעם עולם אויף יענער זייט טייכל צום ברייטן אָרט וואו מע באָדט זיך. חבֿרה האָט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרטיליקן דעם שונא און אויסראָטן די קראָפּיווע. ס'האָט זיך צונויפגעשטעלט אַן אַרמיי, מ'האָט זיך באַוואָפנט מיט הילצערנע שווערדן. עלטשיק איז געווען דער קאָמאַנדיר.

— די שווערדן אַרויס!—האָט ער געקאָמאַנדעוועט. אַלע האָבן אַרויסגעכאַפּט די שווערדן און זיינען מיט כּעס באַפאַלן דעם שונא. די קעפּלאַך פון די שונאים זיינען געפאַלן ווי האָגל אויף רעכטס און אויף לינקס. אַ סך פון די העלדן האָבן זיך צעשטאָכן די הענט. דאָס האָט זיי נאָך מער צערייצט.

— שטעכן זיך? אַזוי? טאָ נאַ דיר! נאַ! נאַ! נאַ!—אַזוי האָט עלטשיק געשריען און געפאָכט מיט זיין שווערד אין אַלע זייטן.

די אַרמיי ווערט באַלד מיד. פון אַלעמען גיסן זיך טייכן שווייס. דער שונא אָבער איז נאָך אַלץ ניט באַזיגט, שטייט נאָך אַלץ ווי אַ וואַנט.

— אויף היינט זאָל זיין גענוג!—שרייט אויס עלטשיק, וואָס האָט זיך פאַרמאַטערט מער פאַר אַלעמען. חבֿרה פאַרלאָזט דאָס שלאַכטפעלד, צעלייגט זיך אויפן גראָז און מע נעמט זיך דערציילן מעשׂיות.

דאָס בעסטע פאַרגעניגן איז געווען ביי עלטשיקן דאָס באָדן זיך.

— עלטשיק, באָדן זיך!—שרייט יענקעלע אַלע אינדערפרי שטייענדיק אויפן גאַס לעבן עלטשיקס גאַניק.

— באַלד! איך גיי! איך עס נאָר אָפּ!—ענטפערט אים עלטשיק אַרויסקוקנדיק דורכן פענסטער.



— גיכער!...

עלטשיק פאַרענדיקט אויף גיך דעם פרישטיק און לויפט אַרויס אויפן גאַניק צום חבֿר.

— וואו איז מאָטקע מיט פייוועקן?—פרעגט ער זיך נאָך אויף די איבעריקע חבֿרים.

— זיי באָדן זיך שוין!...

און די ביידע חבֿרים לאָזן זיך לויפן צום גלחס גאָרטן, קריכן פלינק אַריבער דעם פלאַנקען און קומען צום נייעם בריק. דאָ איז דאָס טייכל טיפער און ברייטער, דאָ איז דאָס בעסטע אָרט צום באָדן זיך.

די יינגלאַך געפינען שוין דאָ אַ גרויסן עולם. אַרום איז אַ געשריי, אַ געפּילדער אַ געלעכטער, אַ געוויין. חבֿרה וואַרפט זיך פון אינדערהויך פון בריק אין וואַסער אַריין און מאַכט דאָרט אַלערליי קונצן.

מע שטעלט אַ בוים, מע מאַכט נורקעס, מע שווימט ווי זשאַבעס, ווי הינט, מע לייגט קלאַפּטער, מע רייסט דעם שטראָם, מע שפּילט אין דודע. מע פלייסט זיך אַריבערשטייגן איינער דעם צווייטן. עלטשיק מיט יענקעלען וואַרפן גיך אַראָפּ פון זיך דאָס אָנטאָן און שפּרינגען אויך אַריין אין וואַסער. אינעם טייכל איז אָן ענגשאַפט—קעפּלאַך מיט פיסלאַך.

עטלאַכע יינגלאַך האָבן זיך איינגעשמירט אַזוי דיק אין בלאָטע און אויסגעלייגט זיך אויפן ברעג זיך אָפּרוען. נאָך עטלאַכע זיצן ווי פייגעלאַך אויף די קלעצער פון בריק איינע לעבן די אַנדערע.

— יאָשל, שטעל אוועק אַ בוים!—לייגט עמיצער פאָר. יאָסל

שפּרינגט אַראָפּ פון בריק, בלייבט אונטערן וואַסער און אין אַ פּאָר סעקונדעס אַרום באַווייזן זיך פון דאָרט זיינע דאַרע פיס.

דאָס האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ בוים.

וואָס ווייטער ווערט דער עולם אַלץ גרעסער. ס'קומען אָן נייע קאָמפּאַניעס. די נייע שלעפּן ווידער אַריין אַלעמען אין וואַסער און ס'הייבן זיך אָן די שפּילן פון דאָס ניי. נאָכן באָדן זיך קריכט מען אַריין צום גזלח אין סאָד רייסן עפּל.

דער טאָג גייט אַוועק גיך, מ'זעט זיך גאָר ניט אַרום

יעדער נייער טאָג ברענגט אַלץ נייע פאַרגעניגן.

עלטשיק האָט זיך דאָ אין דעם שטעטל אויסגעלערנט אַ סך זאַכן.

ער קען שוין גוט שווימען, רייטן אויף אַ פערד, קלעטערן אויף ביימער, קלייבן יאַגדעס, געפינען פויגלשע נעסטן.

אומבאַמערקט זיינען אַריבער די קאַניקולן, ענדע אַוגוסט. די וועטערן זיינען נאָך זייער שיין, נאָר אינאָוונט איז שוין קיל. אין סאָד האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן געלע בלעטער. עלטשיק הייבט אָן טראַכטן וועגן דער שול.

אין משך פון זומער האָט ער ניט נאָר געשטיפט. ער האָט געליינט אויך. קיין סך ביכער האָט ער פאַרן זומער ניט דורכגעליינט, אָבער דאָס, וואָס ער האָט דורכגעליינט, איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן.

די קאַניקולן ענדיקן זיך, באַלד וועט מען שוין קומען אין שול. היי-יאָר האָט עלטשיק אַסך וואָס צו דערציילן דעם לערער.

שפּיל אין סאָלדאַטן.

זומער-טאָג פאַרגייט שוין
אין זיין פולער פּראַכט.
אוי, אַ חיות, קינדער,
זומער-לעב פאַרנאַכט.

קינדער, ליבע קינדער!
קומט אין פעלד מיט מיר;
איר וועט זיין סאָלדאַטן,
איך—דער אָפיציר.

שטעלט זיך אויסעט גיכער—
איינס, און צוויי, און דריי!
משה גרשונס, פויק נאָר:
טריי-טאַ, טריי-טאַ-טריי!

זינגען זאָלט איר אַלע,
אָבער שיין און הויך:
נו, איצט שטעלט די פּיסלאַך,
גיין זאָל אַזש אַ רויך!



דער ערשטער טאָג אין שול.

הײַנט איז דער ערשטער טאָג אין שול! די צוויי חדשים וואַקאַציעס זײַנען אַריבער ווי אין אַ חלום.

הײַנט אינדערפֿרי האָט מיך די מאַמע אוועקגעפירט אין שול. איך האָב נאָך אָבער אַלץ געטראַכט וועגן זומער און בין געגאַנגען אָן חשק. אין גאַס האָבן מיר באַגעגנט אַ סך קינדער. ביידע בוכגעשעפטן זײַנען געווען פול געפּאַקט. די עלטערן האָבן געקויפט ביכער און העפטן פאַר זייערע קינדער. בײַם אַרײַנגאַנג אין שול איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם—תלמידים פון אַלערליי קלאַסן. אין קאָרידאָר האָט מיך באַגעגנט דער לערער פון ערשטן קלאַס, אַ נידעריקער, אַ פריילאַכער און אַ ליבער.

— נו, ענריקאָ,—האָט ער זיך אָפּגערופן,—איצט זעגענען מיר זיך שוין! אין צווייטן קלאַס וועסטו שוין האָבן אַ נייעם לערער.

דער קאָרידאָר איז פול, די קאַנצעלאַריע—אויך. אומעטום—אַ טומל אַ גערודער, ווי בינען וואָלטן זשומען.

צען אַזייגער האָט מען אונז אַרײַנגערופן אין קלאַס. איך צייל איבער די קינדער. פיר און פערציק שילער. ניט אַלע פון זיי זײַנען מײַנע פריערדיקע חברים, אַ טייל פעלן, טייל זײַנען צוגעקומען נייע. אין שול איז מיר עפּעס ענג, אומעטיק.

איך דערמאָן זיך די בערג, דעם וואַלד, דאָס טייכל, דעם זומער.

ס׳קומט אַרײַן דער נייער לערער,—אַ הויכער, אַ יונגער, מיט שוואַרצע גוטע אויגן. ער באַקוקט אַלעמען און פאַרפירט מיט אונז אַ שמועס.

מיר דערציילן אים ווי אַזוי מיר האָבן פאַרבראַכט דעם זומער. יעדערער האָט אַ סך וואָס צו דערציילן. ס׳איז דאָ וואָס צו הערן און פון וואָס צו לאַכן. אין קלאַס ווערט לעבעדיק און היימלאַך.

ס׳ווערט מיר ווידער גוט און ס׳ווילט זיך גאָר ניט ליידן וואָס דער קלונג רייסט איבער די לעקציע.





טראַכט צו מעשׂהלאַך צו די בילדער.

ביי די שניטער אין פעלד.

(פון די מַעֲשׂהלאך „דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע")

דאָ, וואו דער וואַלד האָט זיך געענדיקט, אויף יענער זייט טייך, האָבן זיך אָנגעהויבן ברייטע פעלדער. און אַז דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע איז אַרויס פון וואַלד, האָט ער דערזען די פעלדער און זיך זייער שטאַרק דערפרייט.

— אָ,—האָט ער געזאָגט, איך בין פאָרט אַרויסגעקראָכן פון דעם טיפן וואַלד. איצט איז אַזוי ליכטיק און פריי, און איך וועל גרינג טרעפן דעם וועג צום מֶלֶכס פּאַלאַץ און זען דאָרט זיין יינגעלע דעם בֶּן־מֶלֶך און זיין מיידעלע די בַּת־מַלְכָּה.

גייט ער אַזוי און גייט איבער די פעלדער, און עס נעמט גאָר קיין סוף און קיין עק ניט. די פעלדער האָבן זיך געצויגן ברייט און ווייט, רעכטס און לינקס, אָן אַ שיעור און אָן אַ ברעג. און דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע גייט און גייט און בלאָנדזשעט טיף אין די זאַנגען פון די פעלדער. און די פיסלאַך נעמען אים שוין ברעכן, און ער קען ווייטער ניט גיין. און דאָ האָט זיך נאָך באַוויזן אַ שוואַרצער וואָלקן, און עס האָט גענומען דונערן און בליצן און עס האָט אויסגעזען, אַז באַלד, באַלד וועט רעגענען.

האָט זיך דאָס יינגעלע גענומען שרעקן און געקוקט אויף זיין רינגעלע. רופט זיך אָן דאָס רינגעלע:

— וואָס ווילסטו, יינגעלע?

ענטפערט דאָס יינגעלע:

— רינגעלע, רינגעלע!
מיד איז דיין יינגעלע.
מאַך אים אַ בענקעלע,
ער זאָל זיך קענען זעצן.
עפּן אַ שירעמל,
ער זאָל זיך ניט פאַרנעצן.

און גלייך איז געוואָרן אַ בענקעלע, און דאָס יינגעלע האָט זיך געזעצט. און ווי דאָס יינגעלע האָט זיך געזעצט, אַזוי האָט זיך אַ שירעמל איבער אים אויסגעצויגן. און ווען עס האָט גענומען רעגענען, איז דאָס יינגעלע זיך געזעסן אונטערן שירעמל, און דער רעגן איז צו אים ניט צוגעקומען.

ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, האָט זיך דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע ווידער געלאָזן אין וועג. גייט דאָס ייִנגעלע ווייטער און ווייטער און ער פילט זיך בעסער ווי פריער, ווײַל ער האָט זיך אָפּגערוט. אָבער ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען אָן אַ וועג דורך די טיפֿע זאַנגען. רופֿט ער זיך אָן צום רינגעלע:

— רינגעלע, רינגעלע,
פֿאָלג נאָך דײַן ייִנגעלע!
איינס וועל איך נאָך בעטן,
אַ שטעגעלע צום טרעטן,
אַ וועגעלע צום גיין
פֿאַר איינעם אַליין.

און עס איז באַלד געוואָרן אַ וועג צווישן די וועלדער פֿאַרן ייִנגעלע צום גיין, פֿאַר איינעם אַליין. און ער איז געגאַנגען אַזוי געגאַנגען, ביז ער איז געקומען צו אַ פֿעלד, וואו שניטער זײַנען געשטאַנען אײַנגעבויגן איבער די זאַנגען און האָבן געשניטן און געזונגען:

מיר שניידן, מיר שניידן
פֿאַר אַנדערע ברויט;
מיר ליידן, מיר ליידן
ביטערע נויט.

די שניטער זײַנען געווען אַזוי פֿאַרטאָן אין זייער אַרבעט, אַז זיי האָבן אין אָנהייב גאָר ניט באַמערקט דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע. נאָר ווען ער איז צו זיי גאָר נאָענט צוגעגאַנגען, האָבן זיי אים דערזען. זיי האָבן אָבער ניט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן און צו זינגען:

מיר שניידן, מיר שניידן
פֿאַר אַנדערע ברויט;
מיר ליידן, מיר ליידן
הונגער און נויט.

פֿרעגט דאָס ייִנגעלע בײַ די שניטער:

— וואָס פֿאַר אַ ליד זינגט איר דאָס? איך האָב נאָך אַזאַ ליד קיינמאָל ניט געהערט.

האָט איינער פֿון די שניטער זיך אָפּגעקערט פֿון דער אַרבעט און געזאָגט צו דעם ייִנגעלע:

— ביסט נאָך קליין און דו ווייסט נאָך ניט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. דו ווייסט ניט, אַז שוסטער גייען באָרוועס און

שניידער גייען נאַקעט און מיר, די שניטער, האָבן ניט קיין ברויט. מיר אַרבעטן פאַר פרעמדע און ניט פאַר זיך. די פרעמדע זיינען רייך און מיר זיינען אָרים.

און דער שניטער האָט דערציילט דעם יינגעלע מיטן רינגעלע, אַז די פעלדער געהערן ניט צו זיי, נאָר צום קייסער און צו פריצים. און דער קייסער מיט די פריצים ווילן ניט אַרבעטן אַליין און זיי האָבן געדונגען אַנדערע מענטשן זאָלן פאַר זיי אַרבעטן און בייגן די רוקנס איבער די פעלדער אַ גאַנצן טאָג, פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט און זיי שניידן די תּבֿואָה. און אַז זיי ענדיקן שניידן, קומען אַנדערע מענטשן, וואָס אַרבעטן אויך פאַרן קייסער און די פריצים, און פירן די תּבֿואָה אַוועק אין די שייערס און דרעשן דאָס דאָרטן. און אַז זיי ענדיקן דרעשן, קומען ווידער אַנדערע מענטשן און פירן אַוועק די קערנער פון די אויסגעדראָשענע זאַנגען אין די מילן און דאָרט מאָלט מען די קערנער, ביז עס ווערט פון זיי מעל. און די שפּייכלערס פון דעם קייסער און זיינע פריצים ווערן פול מיט מעל, און סוחרים פון אַלע עקן וועלט קומען און קויפן דאָס אָפּ. און דער קייסער מיט די פריצים ווערן אַלץ רייכער און רייכער, און פאַר די מענטשן, וואָס האָבן געאַקערט און געזייט און געשניטן און געדראָשן און געמאָלן, בלייבט גאָרנישט ניט איבער פון זייער גאַנצער מי, אַחוץ אַ שטיקל טרוקן ברויט, און אַמאָל דאָס אויך ניט.

אָט אַזוי האָט דער שניטער דערציילט דעם יינגעלע מיטן רינגעלע. און אַז דער שניטער האָט געענדיקט צו דערציילן, האָט ער גענומען ווייטער שניידן און ווייטער זינגען אינאיינעם מיט אַלע שניטער:

מיר שניידן, מיר שניידן
פאַר אַנדערע ברויט;
מיר ליידן, מיר ליידן
הונגער און נויט.

און דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע האָט שוין איצט פאַרשטאַנען דאָס ליד, און ער האָט געזאָגט צו די שניטער:

— דאַרפֿט ניט, ליבע שניטער! עס וועט שוין זיין רעכט. איך גיי איצט צום מלך. איך וועל זען זיין יינגעלע דעם בן־מלך און זיין מיידעלע די בת־מלכּה. וועל איך ריידן מיטן מלך און דערציילן אים, אַז איר האָט ניט גענוג ברויט, וועט ער אייך געבן מער.

אָבער דער שניטער, וואָס האָט אים דערציילט די מַעשׂה, האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט צו אים:

— איך זע, אַז דו ביסט אַ גוט יינגעלע און האָסט אַ גוט האַרץ, אָבער דו ביסט נאָך קליין און ווייסט ניט אַלץ. עס וועט ניט העלפן, וואָס דו וועסט דערציילן דעם מֶלֶך, אַז מיר האָבן ניט גענוג ברויט. ער ווייס אַליין, אַז מיר האָבן ניט גענוג ברויט, אָבער ער וועט אונז מער ניט געבן, ווייל ער האָט מוֹרא, עס וועט אים ניט זיין גענוג. אַזוי איז ער און אַזוי זיינען אַלע זיינע פּריצים. זיי קענען זיך קיינער ניט אָנזעטיקן.

אָבער דאָס יינגעלע האָט געזאָגט, אַז ער מוז גיין צום קייסער און אים דערציילן וועגן די שניטער, וואָס האָבן ניט קיין ברויט.

— מע וועט דיך ניט אַריינלאָזן אַהין, יינגעלע! — האָט געזאָגט דער פריערדיקער שניטער.

— איך האָב אַ רינגעלע, — האָט געענטפערט דאָס יינגעלע, — אַ רינגעלע, וואָס טוט פאַר מיר אַלץ אין דער וועלט און עפנט פאַר מיר אַלע טירן.

אַז די שניטער האָבן דערהערט, אַז דאָס יינגעלע האָט אַזאַ רינגעלע, זיינען זיי פאַרוואונדערט געוואָרן און זיי האָבן אַוועקגעלייגט די שניידמעסערס און געזאָגט צום יינגעלע:

— אַנו, ווייז דיין רינגעלע!

האָט דאָס יינגעלע געוויזן זיין רינגעלע, און ווי ליכטיק עס איז געווען איבערן פעלד, אַזוי איז נאָך ליכטיקער געוואָרן, און די שניטער האָבן געגאַפּט פאַר גרויס פאַרוואונדערונג. זיי האָבן נאָך אין זייער לעבן ניט געזען אַזאַ רינגעלע.

רופט זיך אָן דאָס יינגעלע צו די שניטער:

— ווילט איר אֶפשר עפּעס, וועט איך מיין רינגעלע געבן.

זאָגן די שניטער:

— מיר ווילן אַ טרונק. מיר זיינען אַזוי דאָרשטיק!

האָט דאָס יינגעלע עפּעס געזאָגט צו זיין רינגעלע, און באַלד האָט געגומען רינען מילך פון די זאַנגען, קאַלטע מילך, אַז עס איז אַ מחיה געווען צו טרינקען. האָבן די שניטער אונטערגעשטעלט די מיילער און זיך אָנגעטרונקען.

אינמיטן דערינען קומט אָן אַן אויפזעער פון קייסער און די פּריצים, זעט ער, אַז די שניטער אַרבעטן ניט. האָט ער אויף זיי געגומען שרייען. און אַ בייטש האָט דער אויפזעער געהאַלטן אין זיין האַנט.

האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די שניטער און גענומען זיי שמייסן.

האָט דאָס דערזען דאָס ייִנגעלע. האָט ער עפּעס געזאָגט צו זיין רינגעלע. איז געקומען אַ שטורים-ווינט און האָט אַרויסגעריסן ביים אויפזעער די בייטש פון דער האַנט פון אים אַליין פאַרוואָרפן וויט וויט. און ער איז דאָרטן געבליבן ליגן און האָט ניט געקענט דעם וועג צוריק אַהיים טרעפן.

און די שניטער האָבן געדאַנקט דעם ייִנגעלע מיטן רינגעלע, וואָס ער האָט זיי אויסגעלייזט פון אַזאַ שלעכטן אויפזעער. און דאָס ייִנגעלע איז אַוועק ווייטער זיין וועג און איז געגאַנגען און געגאַנגען ביז ער איז ווידער מיד געוואָרן און ער איז אַנידערגעפאַלן און איינגעשלאָפן מיט אַ געשמאַקן שלאָף. ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער ווי אַלע מאָל דערזען טאַטע-מאַמע שטייענדיק לעבן זיין בעטעלע, און ער האָט זיי אַלצדינג דערציילט, וואָס מיט אים האָט געטראָפן.

דאָס ליד פון ברויט.

פאַר די הענטלאַך אין די רינגען
שיינע קליינע קינדער זינגען:

גאָט געטרייער, גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערס וועגן!

ווייזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,

און אַ רעגן—פּערל-ריין,
טריף-טראָפּ, טריף-טראָפּ,—הייבט
אָן גיין:

נעמען פעלדער זיך צעשפּרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן,

ווערן גרינע קאָרן-זאַנגען
פון די בייטן אויפגעגאַנגען:

נעמט אַ טוי אויף זיי באַלד פאַלן,
וואַרימט זיי די זון מיט שטראַלן,

ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, קאָרן־גאָלד.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן

דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן דאָס צו מאָלן;

הייבן אָן די ווינטן וויִען
און די מילן־פליגל דרייען;

מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסע מעל.

קנעט דער בעקער מעל מיט הויוון
און פאַרהייצט זיין גרויסן אויוון.

ברענט דאָס פייער, שייטלאַך קנאַקן,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.

קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן:

עסן קינדער פרישן ברויט,—
זיינען זיי געזונט און רויט.

וועלוועלע.

אַלע אינדערפרי, ווען מיר פלעגן אַ קוק טאָן דורכן פענסטער פון אונזער דאַטשע, פלעגן מיר דערזען וועלוועלען, ווי ער גייט אַרום צווישן אַ גאַנצער סטאַיע גענז, הינער און אינדיקעס. וועלוועלע פילט זיך היימיש צווישן זיינע באַפעדערטע פריינד. די גענז שרייען און פאָכן מיט די פליגלען, די הענער קרייען, די אינדיקעס בלאָזן זיך און שרייען אויף זייער האָלדער־באַלדער לשון—אָבער וועלוועלען אַרט עס ניט, ער אַליין דערלאַנגט געוואַלדן ביז אין הימל אַריין און פלייסט זיך אַלעמען איבערצושרייען.

וועלוועלע איז מיין קליינער שוועסטערלס אַ גוטער חבֿר, נאָר ער איז אַ סך ייִנגער פאַר איר. ער איז ערשט אַלט סך־הכּל דריי יאָר און האָט ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבן טראָגן הייזעלאַך. פאַראַיאָרן פלעגט ער נאָך אַרומגיין אין אַ סיצן קליידעלע.

וועלוועלע האָט זייער ליב מיין קליין שוועסטערל. אינדערפרי קען ער זיך קוים דערוואַרטן, זי זאָל אויפשטיין. ער קומט אויפן גאַניק, קלאַפּט

מיט די באָרוועסע פיסלאַך איבערן פאָדלאָגע און שרייט אויף זיין מאָדנע פריילאַך קעלכל:

— ביי־יע־יע איז שוין אויפגעשטאַנען?

און אויב מע זאָגט אים „אויפגעשטאַנען", לויפט ער גלייך אין שטוב אריין, בלייבט שטיין ביי דער טיר, שטעקט אריין א פינגער אין מויל און שטעלט זיך ווארטן, ביז דאָס שוועסטערל וועט זיך אָנטאָן. דערנאָך נעמט ער ארויס דאָס פינגערל פון מויל, צעשמייכלט זיך ברייט און זאָגט:

— קום, ביי־יע־יע!

מיין שוועסטערל מיט וועלוועלען לויפן אוועק ערגעץ אויפן הויף אָדער אין סאָד און זיי נעמען זיך שפּילן. דערביי קלערט וועלוועלע כּסדר אויס נייע שפּילן.

—קום ארייַנטרייבן די קי אין שטאַל!—שרייט ער מיט א גראָבן קול.

— אריין! וואו ביסטו פארקראָכן! אין שטאַל אריין!...

און ער לויפט ארום מיטן בייטש אין דער האַנט און יאָגט די צעשראָקענע הינער און אינדיקעס. דער־נאָך מאכט ער זיך כּלומערשט, ער האָט מורא פארן אָקס.

— אוי, אוי, כ'האָב מורע, ער שטעכט זיך!

נאָר וועלוועלעס גרעס־טער פארגעניגן איז אונטער־פאָרן. ווי נאָר ער דערזעט פון ווייטן א פור, לויפט ער מיט מיין שוועסטערל צום פורמאן און בעט זיך אונטערפאָרן. אין א מינוט ארום זיצן זיי שוין ביידע צופרידענע אויפן וואָגן און פאָרן איבערן הויף.

און אזוי פארברענגען די קינדער א גאַנצן טאָג אויפן הויף אָדער אין סאָד: דאָ וויגן זיי זיך אויף א וויג, דאָ גראָבן זיי עפּעס אין זאמד, דאָ שפּאַנען זיי איין א קליין פּאַפּירן פערדעלע אין א גרויסן וואָגן, וואָס שטייט אויפן הויף, און פאָרן צו דער באָבען צו גאַסט.

אין אָוונט, בעת מיר זיצן אויפן גאַניק, קומען געוויינטלאַך צו אונז אונזערע ביידע גוטע פריינד: העגדעלע־האָן, וואָס מיר וואַרפן אים קערנדלאַך, און וועלוועלע מיט זיין לאַנגן בייטש.

— גוטן אָוונט, וועלוועלע, וואָס מאַכסטו?

דאָ לעבן גאַניק ליגט אונזער הונט נערא, וואָס לאָזט ניט צו נאָענט צו זיך קיין איין מענטשן. וועלוועלע אָבער איז מיט אים א נאָענטער חבר—גלעט אים איבערן קאָפּ און זעצט זיך אויף אים רייטן.

א ווײַלע שפּעטער שטייט שוין וועלוועלע, רעדט מיט זיך אליין הויך אויפן קול, האַקט מיטן בייטש איבער דער ערד און הייבט אויף א גאַנצן זייל שטויב. ער מיינט, פאַרשטייט זיך, אז ער טוט זייער א וויכטיקע אַרבעט.

— וועלוועלע,—זאָגט דאַן עמיץ פון אונז, גיי זיך, זיי מוחל, אויפן גראָז דרעשן, דאָ מאַכסטו אָן א שטויב.

וועלוועלע פאָלגט, אָבער ער איז קאָנטיק באַליידיקט.

— וואַרט, איכ'ל דיר שוין דעבן!—וואָרטשעט ער—איכ'ל זאָגן דער מאַמען, וועט זי דיר שוין דערלאַנגען.

בכלל האַלט וועלוועלע זייער שטאַרק פון דער מאַמען. ער קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, אז עמיצער זאָל זיך דערוועגן ניט פאָלגן און ניט מורא האָבן פאַר זיין מאַמען.

בעת מיר עסן קאַווע, גייט ער צו און זאָגט ערנסט:

— די מאַמע האָט געהייסן מיר געבן א—אָט אזא גרויסע שטיק.

מע שניידט אים אָפּ א שטיק קאַווע. ער עסט דאָס גלייך אויף און זאָגט ווידער נאָך מיט א פולן מויל:

— די מאַמע האָט געהייסן מיר געבן נאָך א שטיקל.

וואָס זאָל מען טאָן, מע מוז פאָלגן. און מיר גיבן אים נאָך א שטיקל.

ס'טרעפט זיך אויך, אז וועלוועלע ווערט א סטאַטיק. דעמאָלט שטייט ער ביים טיש און זעט, ווי מיר עסן און טרינקען, און רעדט ניט קיין וואָרט.

— וועלוועלע, ווילסט א ביסל איינגעמאַכטס?

— איך ווי־ניט.

— איך בעט דיך, וועלוועלע, פאַרזוך א ביסעלע!

— איך ווי־ניט.

און אז מע לייגט אים אַן אַ פולן טעצל מיט אײַנגעמאַכטס, שטעלט ער עס אַוועק ערגעץ אויף אַ בענקעלע, וואו ער זאָל קענען גרייכן, און אין אַ מינוט אַרום איז שוין פונם אײַנגעמאַכטס קיין סימן ניטאָ. דאָס טעצל איז ריין אויסגעלעקט, און וועלוועלע טראָגט עס מיט אַ שײַנענדיק אויסגעשמירט פּנימל צוריק צום טיש, כּדי צו באַקומען נאָך.

* * *

איינמאָל זײַנען צו אונז געקומען צופאָרן געסט. אויף מאָרגן אינדערפרי איז וועלוועלע געקומען זיך צו באַקענען מיט זיי. ער איז אַרויף אויפן גאַניק, צוגעגאַנגען צום פענסטער, אַ הייב געטאָן דעם פאָרהאַנג און אַרײַנגעשטעקט דאָס קעפּל אין צימער אַרײַן.

— העי, ברודערל, ווער ביסטו דאָס?

ער שווייגט, שמייכלט און שטרעקט אויס דאָס הענטל.

— נו, גוט־מאָרגן, זאָגט איינער פון די געסט און דריקט אים זײַן הענטעלע.—ווי זשע הייסטו?

— „איך"—ענטפערט וועלוועלע מיט אַ גליקלאַכן שמייכל.

— אַזוי גאָר! נו, וועמעס ביסטו?

— דער מאַמעס.

— נו הער אָקאָרשט, מײַן ליבער „איך", איצט גיי זיך אַ ביסל דורך, וועסט קומען שפּעטער, וועלן מיר זיך דורכריידן.

וועלוועלע גייט אַוועק פון פענסטער און לאָזט זיך פּאַמעלאַך אַראָפּ פון די טרעפּלאַך פון גאַניק. הײַנט האָט ער נאָך אַן אַרבעט: זײַן טאַטע האָט אים געבראַכט אַ האַרמאָניק און ער לאָזט עס אויף אַ מינוט ניט אַרויס פון מויל.

אין מיטן זומער האָט זיך וועלוועלע פאַרקילט און איז קראַנק געוואָרן, און דער פאָטער האָט אים אַוועקגעפירט אין שטאָט צום דאָקטאָר.

אָן וועלוועלען איז געוואָרן עפּעס מאָדנע שטיל און אומעטיק. עס הערט זיך שוין מער ניט זײַן שטימעלע, ווי בעת ער פלעגט זיך שפּילן מיט מײַן שוועסטערל אין באַהעלטעניש אָדער פאָרן אויפן קינדערשן וועלאָסיפּעד.

מײַן שוועסטערל האָט אים זייער ליב געהאַט. קיינער פלעגט זי ניט קענען אַזוי מאַכן פריילאַך און באַרויִקן, בעת זי איז געווען צעקלעמט, ווי וועלוועלע. ער פלעגט דעמאָלט קומען, זיך שטעלן לעבן איר און זאָגן מיט זײַן שטיל קעלכעלע:

— וואָס ווייַנסטו? וויין ניט.

און זי פלעגט גלייך אויפהערן וויינען און זיך נעמען שפּילן מיט איר קליינעם חבֿר.

און אַט זיינען אַוועק טעג און וואָכן און—ניטאָ וועלוועלע מיט זיין ליבן, פריילאַכן און פריינדלאַכן פּנימל, מיט זיינע גרויסע גרויע אויגן.

געזונט געוואָרן איז ער ערשט אין האַרבסט. ער האָט שוין ניט געקענט אַרומלויפן איבערן הויף און סאָד: די בלעטער זיינען שוין געל געוואָרן, ס'איז שוין קאַלט...

און וועלוועלע איז איצט אויך גאָר אַן אַנדערער: ער איז געוואָרן אַזאַ מאָגערער, אַזאַ קליינינקער. ס'איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף זיין אָפּגעמאָגערט טרויעריק פּנימל.

— נו, וועלוועלע, איצט ביסטו שוין געזונט? — פלעגן מיר אים פרעגן.

— געזונט.

— זע, סאַראַ שיינע שיך דו האָסט, און אַ נייע היטל, ווער האָט דיר דאָס געגעבן?

— דער טאַטע האָט מיר געבראַכט פון שטאָט—ענטפערט וועלוועלע און טוט אַפילו ניט קיין שמייכל, ווי אַמאָל. מערניט ער קוקט מיט זיינע גרויסע אויגן, וואָס זעען אויס איצט, נאָך זיין קראַנקייט, נאָך גרעסער.

מיר האָבן זיך געקליבן צו פאָרן אין שטאָט אַריין. וועלוועלע פלעגט קומען און שטיין און קוקן, ווי מיר פּאַקן זיך.

— וועלוועלע, קום גאָר פאָרן אין שטאָט אַריין, ווילסט?

— איך וויל.

— וועסט ניט בענקען נאָך דער מאַמען?

— ניין.

און וועלוועלע לויפט צו צו דער מוטער און שרייט:

— מאַמע, פּאַק איין מיינע זאַכן, איך פאָר מיט די דאַטשניקעס אין שטאָט אַריין.

דעם לעצטן טאָג פאַר אונזער אַוועקפאָרן איז וועלוועלע געווען ביי אונז די גאַנצע צייט. בעת די פור איז צוגעפאָרן צום גאַניק, איז וועלוועלע אַרויס אונז באַגלייטן.

מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט, זיך אַרויפגעזעצט אויף דער פור און גענומען פאָרן.

אַ צייט, אַ צייט איז נאָך װעלװעלע אַ פאַרטראַכטער געשטאַנען אויפן גאַניק און געקוקט, װי אונזער פור דערװייטערט זיך פון אים.

— זעסט—האָט ער, קענטיק, געקלערט,—סאַר אַ דאַטשניקעס, זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט. ניט מיטגענומען אין שטאָט אַריין!...

האַרבסט־מַתָּנות.

אַ קערשעלע, אַ װיינפּערל,
אַ פלוימעלע, אַ באַרעלע!
דאָס גיט דיר אַ מַתָּנהלע
דער האַרבסט, מיין קליינער נאַרעלע!
זאָגט אַהרעלע, פרעגט אַהרעלע:
—און דאָס... און דאָס איז אַלץ?

— ס'איז װייניק דיר, מיין תּכשיטל!
טאָ נאַ דיר נאָך אַן עפּעלע!
נאָר אַהרעלע דער נאַרעלע
אַלץ שאָקלט מיטן קעפּעלע,
און בעט אַ צולייג:—מאַמעשי...
המוציא ברויט מיט שמאַלץ!

פ י ו ע ל ע.

פיוועלע איז געווען אַ קינד, וואָס האָט ניט ליב געהאַט זיך איינצו־הערן, וואָס מע רעדט צו אים. די מאַמע האָט זיך גערעדט דאָס איריקע, און ער האָט ניט געהערט און זיך גערעדט דאָס זייניקע. האָט די מאַמע געזאָגט: „גיי ניט אין דרויסן, דו וועסט זיך פאַרקילן!" האָט ער געזאָגט: „איך וויל אין דרויסן!" נאָר אויסגעפירט האָט די מאַמע; זי האָט צוגעשלאָסן די טיר און ער האָט געמוזט זיין אין שטוב.

— טאָ, זיץ לעבן מיר, מאַמע, און דערציייל מיר מעשיות — האָט ער געפּאָדערט.

— לאָז מיך אָפּ, איך האָב קיין צייט ניט כ'האָב נאָך אַזוי פיל אַרבעט צו טאָן!

— איך וויל מעשיות! — האָט ער געמאָנט.

— איך האָב קיין צייט ניט, זאָג איך דיר!

— אָבער מיר איז אומעטיק, דערציייל מיר עפּעס, מאַמע.

האָבן זיי זיך לאַנג געדונגען, ביז די מאַמע האָט אים איבערגעלאָזט מיט זיינע טענות און איז אַוועק אין קיך טאָן איר אַרבעט.

דאָס האָט פיוועלען זייער פאַרדראָסן און ער האָט געטראַכט: „אין דרויסן זיך שפּילן לאָזט די מאַמע ניט, אַליין איז זי אַלעמאָל פאַר־נומען. בייטאָג טוט זי איר אַרבעט, און אין אָוונט לייגט זי אים שלאָפן און גייט אַוועק. זי מיינט, ער ווייס ניט, אַז זי גייט אין קינאָ, כאָטש זי זאָגט אים, אַז זי גייט אין שפּיטאָל, וואו ער האָט מורא צו גיין. אויף מאָרגן ביים מיטאָג דערציייּלט זי דעם פּאַפּאַ, וואָס זי האָט געזען אין קינאָ, און זי מיינט, אַז ער הערט ניט. ער ווייס פון אַלץ. ער ווייס אפילו, אַז די מאַמע האָט אויסגעפּרעגלט איינגעמאַכטס. ער האָט געפונען דעם לעפל, מיט וועלכן זי האָט געמישט, און זאָל זי ניט מיינען, אַז אים וועט זי נאַרן. זי וועט אים נאָך היינט מוזן געבן אַ טעלערל איינגעמאַכטס. אַז ניט וועט ער — יאָ, וואָס זאָל ער אַזוינס טאָן, אַז ניט? וויינען העלפט ניט. ניט עסן איז אויך קיין פּלאַן ניט: די מאַמע קאָכט אַזעלכע געשמאַקע זאַכן! טאָ וואָס זאָל ער טאָן? האָט פיוועלע זיך אַוועקגעזעצט מיט אויפ־געשטעלטע קניען און גענומען טראַכטן.

— פיוועלע וועסט עסן אַן אייעלע?—האָט די מאַמע געפרעגט פון קיך.

— ניין! האָט ער געענטפערט.

— פאַרוואָס?

— דער קאָפּ טוט מיר וויי!

דאָס אַרויסגעזאָגט, איז ער געוועזן זייער צופרידן. איצט וועט ער זיך מאַכן קראַנק, און די מאַמע וועט שוין מוזן זיצן לעבן אים, און אײַנגעמאַכטס וועט זי אים אויך מוזן געבן, ווײַל אַז ער איז קראַנק, איז ער דאָך אַ גרויסער יַחסן, וועט אים זײַן וואויל. האָט ער זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט מיט אַ הילפלאָזער מינע און געוואַרט, די מאַמע זאָל קומען און זען ווי קראַנק ער איז.

באַלד איז אַרײַנגעלאָפן די מאַמע אַ דערשראָקענע:

— וואָס איז דיר, מײַן קינד?

— איך ווייס ניט — האָט ער געענטפערט גלײַכגילטיק, ווי אײַנערעדט: דאָס איז דאָך דײַן געשעפט, ניט מײַנס.

האָט די מאַמע צוגעלייגט איר קאַלטע האַנט צו זײַן קעפּל און ס'האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז ער האָט טאַקע וואַרעמקייט.

מער פעלט איר ניט, דאָס קינד זאָל איר נאָך קראַנק ווערן, זי וועט אפשר פון זינען אַראָפּ, האָט זי געטראַכט, און איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע. קודם-כּל וועט זי רופן דעם דאָקטאָר, וועט זי דאָך גלײַך וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט אים. און טאָמער, חלילה, שלעכט, וועט זי טעלעפאָנירן צום מאַן. פּײַוועלע איז דערווײַל געלעגן אין בעט און הנאה געהאַט, וואָס די מאַמע איז אַזוי צעטראָגן וועגן אים. גוט, זאָל זי וויסן, ווי אים איבערלאָזן אַלע אָוונט אַליין! לעבן אים זיצט זי ניט, און וואָס ער ווײַל עסן, דאָס גיט זי אים ניט. איצט, אַז ער וועט זאָגן: מאַמע זיץ לעבן מיר, וועט זי שוין זיצן, און מעשׂיות וועט זי אים דערציילן וויפיל ער וועט נאָר אַליין וועלן, נאָר דאָס ערשטע וועט ער בעטן אַ טעלערל אײַנגעמאַכטס.

— וועט דער דאָקטאָר קומען? — האָט פּײַוועלע דערהערט זײַן מאַמעס שטימע בײַם טעלעפאָן.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער זיך דערשראָקן, — זי רופט דאָך גאָר דעם דאָקטאָר!... שלעכט!... אויף דעם האָט ער זיך גאָר פאַרגעסן. וואָס טוט מען? דעם דאָקטאָר האָט ער שרעקלעך פײַנט.

— מאַמע! מאַמע! — האָט ער גענומען שרײַען — רוף ניט דעם דאָקטאָר, איך בין שוין געזונט!

נאָר די מאַמע האָט זיך צו זײַנע רייד ניט צוגעהערט.

פּײַוועלע האָט דערזען, אַז ער האָט זיך אַרײַנגעדרייט אין אַ צָרה, האָט ער זיך געוואָלט אַרויסדרייען. נאָר אַ מזל האָט ער געהאַט, אַז וואָס

ער האָט קאַליע געמאַכט, האָט ער שוין ניט געקענט פאַרריכטן. אַז ער האָט צעבראָכן די וואַזע פון די בלומען, איז זי שוין געבליבן אַ צעבראָכענע, כאָטש די מאַמע האָט אים געשלאָגן דערפאַר, און אים האָט אויך פאַרדראָסן... און איצט, אַז ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי, מוז ער שוין זיין קראַנק... אָמת, ער קען אויספירן, אַז די מאַמע זאָל זיצן לעבן אים, נאָר קיין מעשיות וועט זי אים ניט דערציילן. זי איז צעטומלט.

דאָ דערמאָנט זיך פּיוועלע ווידער אָן דעם איינגעמאַכטס.

— מאַמע, גיב מיר אַ טעלערל איינגעמאַכטס! האָט ער אַ זאָג געטאָן. און די אייגעלעך האָבן ביי אים אויפגעלויכטן.

— וואָס דרייסטו אַ מוח? ווער האָט איינגעמאַכטס? — האָט די מאַמע פּרובירט אָפּלייקענען.

— דו האָסט געקאָכט, האָט פּיוועלע געענטפערט מיט זיכערקייט.

— אַלצדינג ווייסט דאָס! — האָט זיך די מאַמע געוואונדערט, — דו קענסט, מיין זון, קיין איינגעמאַכטס איצט ניט קריגן, עס וועט דיר פאַר-שאַטן, דו ביסט דאָך קראַנק.

— אָט האָסטו דיך, האָט ער זיך געטראַכט, איז גאָר קראַנק זיין אַ חסרון צו קריגן איינגעמאַכטס! כאָטש דאָס איז געווען זיין איינציקע האָפענונג. און ער האָט גענומען פּראָטעסטירן.

— אַז איך בין געזונט, גיסטו מיר ניט קיין איינגעמאַכטס און אַז איך בין קראַנק, גיסטו מיר אויך ניט, טאָ ווען וועסטו עס מיר געבן?

— דו עסט זיך געזונג אָן מיט זיסע זאַכן, מיין זון, איינגעמאַכטס טויג ניט פאַר דיר, זאָג מיר בעסער, וואָס האָסטו גענאַשט? איכל דיר דאַרפן געבן אָן אָפּפירונג.

— ניין, ניין! — האָט ער זיך דערשראָקן — איך וויל ניט קיין רפואות, כ'האָב גאָר נישט גענאַשט, כ'האָב בלויז אָפּגעלעקט דעם לעפל פון די קאַרשן-זאַפט, מער גאָרנישט.

פון איינגעמאַכטס איז שוין געווען אָפּגערעדט. באַלד איז טאַקע געקומען דער דאָקטאָר, און ס'האָט ניט געהאָלפן וואָס פּיוועלע האָט געטענהט, אַז ער איז געזונט. דער דאָקטאָר האָט זיך געטאָן דאָס זייניקע: געהייסן ווייזן די צונג, געקוקט אין האַלדז, געקלאַפּט אין רוקן, אים געדרייט אַהין און אַהער, און די מאַמע איז געשטאַנען אַ פאַרציטערטע און געוואַרט אויף דעם דאָקטאָרס ענטפער.

— ס'איז גאָר נישט, — האָט דער דאָקטאָר זי באַרואיקט — קיין היץ

האָט ער ניט, דער פּולס איז נאָרמאַל, גיט אים אַן אָפּפּירונג און זאָל ער זײַן אַ פּאָר טעג אין בעט, וועט ער זײַן געזונט.

דערצו האָט ער נאָך אָנגעשריבן אַ רעצעפּט.

— איך דאַרף ניט קײן אָפּפּירונג און קײן רפואות! איך בין געזונט!— האָט דער קלײנער פּראָטעסטירט. אָבער קײנער האָט אים ניט געגלויבט.

און פּײַוועלע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז דאָ זײער מיאוס אַרײַנגעפאַלן.

צוויי טעג האָט ער געמוזט ליגן אין בעט. אַן אָפּפּירונג האָט אים די מאַמע אַרײַנגעגאָסן מיט גוואַלד, כאָטש ער האָט געצאַפּלט מיט די פיס און געשריען וויפיל כּוח ער האָט געהאַט. און רפואות האָט ער אויך געמוזט נעמען, זיך נישט געקענט העלפן. דער טאַטע האָט אים צוגעהאַלטן דעם קאָפּ און די מאַמע האָט אויפגעריסן ס'מויל.

זיי, די גרויסע, האָבן אויסגעפירט דאָס זייעריקע.

קײן עסן האָט מען אים אויך ניט געגעבן.

דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן צו דרײַ לעפל קאַרשן-זאַפט אין די טײ, און אים האָט מען אַפילו ניט געגעבן אָפּלעקן דעם לעפל!...

אַז פּײַוועלע האָט דאָס אַלץ באַטראַכט, האָט ער זיך ביטער צעוויינט אויף זײַן מזל, וואָס ער איז אַ קלײנער און די גרויסע קענען טאָן מיט אים וואָס זיי ווילן.

און פּײַוועלע האָט געטראַכט: פאַרוואָס מאַכט ניט גאָט, אַז קינדער זאָלן זײַן גרויסע?...

דער וואַלד אין האַרבסט.

אַך ו—ברעכט אַרויס דער וואַלד
מיט שטורים און געוויין—
וואו זײַנען זיי, וואָס האָבן זיי,
געלאָזן מיך אַליין?...

איך האָב דאָך איטלאַכס פײגעלע
פאַרזאָרגט מיט דירה, קעסט.
געגעבן פרײַהייט: שפּרינגט און זינגט,
צי ליגט באַרוט אין נעסט.

און ווי דער ערשטער ווינט פון האַרבסט
האָט זיי נאָר אָנגערירט—
צעפלויגן זײַנען זיי פון מיר,
דעם „זיי-געזונט“ פאַרפירט.

דו שלאָגסט זיך גאָר!

זיסעלע איז אַראָפּ אין גאָרטן געזעגענען זיך מיט אירע בלומען. די בלומען האָבן שוין אָנגעהויבן צו וועלקן. זי האָט געוואָלט זיך אויך געזעגענען מיט די פֿייגעלאַך, וואָס האָבן זיך שוין געקליבן אין וועג אַריין. זיסעלע האָט אומעטיק און שטיל געשעפּטשעט: „דער האַרבסט! דער האַרבסט!"



פּלוצלונג האָט איר ווער אין אַקסל אַ קלאַפּ געגעבן. זיסעלע האָט זיך אַיינגעקוקט—אַן עפּל!

אַן עפּל איז פֿון בוים געפֿאַלן. זי האָט אים אויפֿגעהויבן און מיט אַ געלעכטער אַ זאָג געטאָן: „דו שלאָגסט זיך גאָר, עפּעלע?... וועל איך דיר דערפֿאַר אויפֿעסן"...

און זיסעלע האָט מיט אירע ווייסע ציינדלאַך דאָס עפּעלע אַיינגעביסן.

אין גאָרטן.

קום אהער, מיין שוועסטער קליינע,
טו אַ קוק ביי אונז אין גאָרטן!
זע נאָר, סאַר אַ גרינסן שיינע
וואַקסן פֿריילאַך דאָ און דאָרטן.

ווילסט זיי האָבן, קום און רייס זיי.
זע, זיי וואַקסן, אַזוי שיין,
און זיי ווינקען און זיי רופֿן
און זיי שמייכלען מָלֵא־חֵן.

די פּאָן.

א.

אז איך בין געווען אַ קליין ייִנגעלע, האָט מען מיך גערופן „טאָפּעלע טוטאַריטוטו”, דאָס הייסט „קאָפּל קוקאַריקו”. ווייסט איר פֿאַר־וואָס? ווייל, ערשטנס, האָב איך געהאַט אַ דין קוויטשיק קעלכל, ווי אַ יונג האָנעכל, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו קרייען, און צווייטנס, האָב איך נישט געקאָנט אויסריידן קיין „קוף” און קיין „כּף” און קיין „גימל”. און ווי אויף צו להכעיס האָט מיין טאַטע באַדאַרפֿט הייסן קלמן, מיין מאַמע—גיטל־קלמנס, איך—קאָפּל גיטל־קלמנס און דער רבי—גרשון־גאָרגל דרדקי פֿון גאַלאַגאַנאָווקע.

— ייִנגל, ווי אַזוי רופֿט מען דיך?

— מיך? טאָפּל דיטל־טלמנס.

— העכער אַ ביסל!

— טאָפּל דיטל טלמנס.

— נאָך העכער!

איך שריי הויך, אויף אַ קול:

—טאָ—פּל! די—טל טל—מנס!

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט און איך וויין.

איך וויין נישט פֿון דעם, וואָס מע לאַכט פֿון מיר, נאָר דערפֿאַר, וואָס מע שלאָגט מיך. איטלאַכער, ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, דער שלאָגט מיך: דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער רבי, די תּלמידים. מע לערנט מיך, איך זאָל ריידן „ווי אַ מענטש”.

ב.

האָבן אויף שׂמחת־תּורה אַ פֿאָן, טאַקע וואָס אַ פֿאָן הייסט, אַ פֿאָן מיט אַ שטעקל, פֿון אויבן אַן עפּל, אינם עפּל אַ ליכטל—דאָס האָט ביי מיר דעמאָלט אויסגעוויזן אַזאַ גליק, וואָס איך האָב גאָר מורא געהאַט טראַכטן פֿון דעם. קאַרג גוטע זאַכן איז פֿאַראַן אויף דער וועלט? למאַי ס׳איז פֿאַראַן אַזעלכע ייִנגלאַך אין חדר, וואָס פֿאַר־מאָגן געלט אויף צו קויפֿן אַ מעסערל, אַ ביטעלע, אַ שטעקעלע? למאַי ס׳איז פֿאַראַן ייִנגלאַך אַזעלכע, וואָס עסן ווייסע בולקע אין דער וואָכן... אַזאַ מזל!

איך האָב קיין ווייסע בולקע אין דער וואָכן קיינמאָל נישט געגעסן.

איך האָב נישט געוווסט דעם טעם, וואָס הייסט אָפּעסן אזוי, אַז איך זאָל טאַקע באַלד ניט קאָנען עסן נאָכאַמאָל.

היינט ווער שמועסט—האָבן בײַ זיך אין קעשענע אַ קאָפּיקע, און אייגענע קאָפּיקע—דאָס האָט זיך מיר אַפילו ניט געחלומט.

און שטעלט אײַך פאָר, אַז איך, קאָפּל קוקאַריקו, ווער מיטאַמאָל אַ גביר און באַקום מײַן אייגנס צוויי און צוואַנציק קאָפּיקעס!

אפשר מיינט איר אַ נס—אַ פּריץ האָט פאַרלאָרן און איך האָב געפונען? האָט איר דווקא נישט געטראָפן.

איך האָב זיי, שווער איך אײַך, פאַרדינט, כּשר פאַרדינט, פאַר־האָרעוועט מיט מײַנע אייגענע פיס.

דאָס איז געווען פּורים, האָט מיך דער טאַטע געשיקט, איך זאָל צעטראָגן דעם שלח־מנות צווישן די באַלעבאַטים פונעם אונטערשטן קלייזל פון דער קצבישער קלויז. פריער פלעגט צעטראָגן דעם שלח־מנות איינע פון מײַנע עלטערע שוועסטער, און איצט, אַז איך בין שוין אַביסל אונטערגעוואַקסן, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז איך מעג שוין אויך זײַן אַ שטיקל הילף. האָב איך גענומען דאָס שעלכל מיטן פלעדל, אַרומגעטראָגן דאָס פון שטוב צו שטוב צווישן אַלע באַלעבאַטים פונעם אונטערשטן קלייזל פון דער קצבישער קלויז, געקנאָטן מיט די באָרוועסע פיס די קאַלטע גליטשיקע בלאָטע, און פון די גראָשנס, וואָס מ׳האָט מיר געשענקט פאַרן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פערציקער מיט פיר גראָשנס.

איז געבליבן בײַ מיר, איך זאָל איבערלאָזן פון דעם געלט, אם־ירצה־השם, אויף סוכּות—זיך קויפן אַ פאָן.

ג.

גאָט האָט געהאָלפן, דער סוכּות איז געקומען, און איך האָב מיר געקויפט אַ פאָן, אַ גרויסע, אַ געלע, אַ „צווייזײַטנדיקע".

פון איין זײַט זײַנען געווען אויסגעמאָלט צוויי חיות, וואָס האָבן געהאַט אַ פּנים פון קעץ, נאָר באמת זײַנען זיי געווען לייבן מיט אָפענע מײַלער און מיט לאַנגע צונגען. אויף די צונגען בײַ זיי זײַנען געווען אַרויפגעטאָן פּײַפלאַך, אַפּנים שופרות, מחמת ס׳איז געשטאַנען אָנגע־צייכנט גרויסע אותיות: בחצוצרות וקול שופר.

אונטן, אונטער די לייבן, איז געשטאַנען אויפגעשריבן פון דער רעכטער האַנט: דגל מחנה יהודה, פון דער לינקער האַנט: דגל מחנה אפרים. דאָס האָט איז ערשט איין זײַט פאָן. אויף דער אַנדערער זײַט איז

געוועז נאָך שענער. דאָרט זיינען געשטאַנען אויסגעמאָלט די פּאָרטרעטן פון משה מיט אהרנען, פּינקטלאָך, ווי לעבעדיקע.

באַקומען אַ פאָן, באַדאַרף מען קריגן אַ שטעקל צו דער פאָן.

דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו ר' זַלְמַן דעם סטאָליער, וואָס איז געזעסן מיטן רֶבִּין אונטער איין דאַך.

— וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן, טאָפּעלע טוטאַריטו?

— אַ שטעטל צו דער פאָן.

— וואָס הייסט — זאָגט ער — אַ שטעטל?

— אַ שטעטל — זאָג איך — פון אַ שטיטל האָלץ, מע זאָל טאָגען טראָגן די פאָן.

ר' זַלְמַן טרייבט מיט מיר קאַטאָוועס, ביז איך צעוויין זיך. דעמאָלט ווערט ער ווייך, וואַרפט אַוועק אַלע אַרבעט, נעמט אַ שטיקל האָלץ, אַ שניץ אַהער, אַ שניץ אַהין — פאַרטיק.

אַצינד פעלט מיר נאָר אַן עפּל מיט אַ ליכטל. געוויינטלאַך, פון וואַקס, ניט פון חֵלֶב, וואָרים חֵלֶב, אַז עס ווערט אַרויפקאַפּען אויפן עפּל, איז פאַרפאַלן דער עפּל, מע וועט אים נאָכדעם ניט קאָנען עסן. אָבער וואַקס מאַכט ניט אויס, וואַקס איז כָּשֵׁר...

נו, און וואַקס איז דאָך ביי מיר פאַראַן מער, ווי ביי אַלע יינגלאַך, אַדרַבָּא, אַ יינגל, אַז ער באַדאַרף אַ שטיקל וואַקס, צו וועמען קומט ער אָן? צו מיר! וואָרים מיין טאַטע איז דאָך אונטער-שַׁמָּשׁ אין אונ-טערשטן קלייזל פון דער קַצָבִישער קלויז, איז וואָס עס בלייבט נאָך יום-כיפור פון די ליכט, געהערט צו אים — דאָס איז זיין הַכְנָסָה. ער שמעלצט דערפון „שַׁמָּשִׁים" צו די חֲנוּכָּה-ליכטלאַך, הַבְדָּלוֹת און סטאָטשיקעס, און וואָס עס פאַלט אַראָפּ פון די הַבְדָּלוֹת מיט די סטאָטשיקעס געהער צו מיר — דאָס איז מַיין הַכְנָסָה.

הַקִיצוּר, איך האָב אַלצדינג, וואָס מע באַדאַרף!

ד.

אַריינגעזעצט די פאָן אינם שטעקל, אויפגעפּאַסט אויפן שפּיץ אַ רויטן עפּל און אָנגעצונדן פון אויבן דאָס וועקסן ליכטל, לאָז איך מיר שמיני-עֲצֶרֶת אויף דער נאַכט אין שול אַריין צו די הַקָפוֹת לעבעדיק, פריילאַך.

— מַזל-טוב! טאָפּעלע טוטאַריטו האָט אַ פאָן! שָׁלוֹם-עֲלֵיכֶם אַ גוטער ייִד, אַ האַלבער פָּנִים אָפּגעבריט...

מיט אזא ברייטן ברוך־הבא האבן מיך חברה קונדסים באגעגנט, ואז איך בין געקומען אויפן שול־הויף מיט מיין פאן.

איך באטראכט אלע פאנען און ווארף א קוק אויף מיין פאן—ווער? וואס? ווען? ווי קומען זייערע פאנען צו מיין פאן?

ערשטנס, די פאן אליין. ביי קיינעם שטייט ניט אזוי גלייך ארייני געזעצט אין שטעקל, אז מע זאל ארויסזען ביידע זייטן. ביי קיינעם איז ניטא אזא גלייך, קיילעכיק, געטאקט שטעקל. ביי קיינעם איז ניטא אזא רויטער גלאטער עפל. ביי קיינעם איז ניטא אזא געראטן ליכטל, ווארים ווער פארמאגט עס אזוי פיל וואקס, ווי איך?... איך מאך א פארגלייך צווישן מיין פאן און צווישן די אלע איבעריקע פאנען— און מיין הארץ ווערט פול מיט גדלות. עס מאלט זיך מיר אויס. אז איך וואקס און וואקס העכער און העכער, לענגער און ברייטער. די פיס טראגן מיך, עס גלוסט זיך מיר לאכן, שרייען, קוויטשען, כאפן א טענצל...

— אנו, ווייז נאר!—רופט זיך אן צו מיר יואליק דעם נגידס און בלייבט שטיין פארגאפט.

ער באקוקט מיין פאן, איך באקוק זיין פאן. „אויך מיר א פאן!"— טראכט איך מיר: „אויך מיר א שטעקל! אויסגעבויגן, גלייך ווי א קאטשערע!" איך זע, אז ער איז א געקאכטער, נאר איך מאך מיך ניט ווייסנדיק און קוק כלומרשט אן א זייט.

— קאפל!—מאכט ער צו מיר:—ווו האסטו גענומען אזא שיין שטעקעלע?

— האז?—זאג איך און דריי מיך אויס צו אים מיטן פנים.

— ווו האסטו דערטאפט,—זאגט ער נאכאמאל—אזא טשאקנדיק שטעקעלע?

— וואס איז דען?—זאג איך צו אים:—ווילסט זיך אפשר בייטן אויף דיין טשוואק?...

יואליק פארשטייט דעם שטאך. ער טוט א גלאנץ מיט די אייגלאך, א סמארע מיט דער נאז, לייגט אריין די האנט אין קעשענע און טרעט אפ. איך קוק אים נאך און קוועל. עס קומט מיר צו א שטיק געזונט. איך זע ווי ער רופט נחמיהן מיטן קרומען פיסל אויף א זייט און סודעט זיך מיט אים און ווינקט אויף מיר מיט די אויגן. איך זע גאנץ גוט, נאר איך מאך מיך ניט ווייסנדיק. אין א מינוט ארום גייט צו צו מיר נחמיה מיטן קרומען פיסל, האלט יואליקס פאן מיטן קרומען שטעקל און רופט זיך אן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדן דאָס ליכטל, מיינס האָט זיך פאַרלאָשן.

— ס'איז דיין פאָן?—זאָג איך צו אים און בויג אים אָן מיין פאָן מיטן ליכטל—איך ווייס דאָך, וועמעס פאָן דאָס איז...

און איידער איך קוק מיך אַרום, טראָגט צו נחמיה זיין אָנגעצונדן ליכטל צו מיין פאָן און מאַכט בורא מאורי האש. מיין פאָן צינדט זיך אָן, טוט אַ פלאַקער, פ-פ-פ,— אויס פאָן!

ווען עס פאַלט אַראָפּ פון הימל אַ שטיין גלייך מיר אין קאָפּ אַריין, ווען אַ ווילדע חיה פאַלט אָן אויף מיר און וויל מיך פאַרצוקן, אָדער ווען עס קומט מיר אַנטקעגן אַ מת אום האַלבער נאַכט און וויל מיך וואַרגן,—וואָלט מיין שרעק ניט באַדאַרפט זיין אַזוי גרויס, ווי בשעת איך האָב דערזען מיין נאַקעטן שטעקן מיט דער אָפּגעברענטער פאָן. עס האָט זיך אַרויסגעריסן ביי מיר פונם האַרצן אַ געשריי:

— אוי וויי, מיין פאָן! מיין פאָן!...

עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן פון מיינע אויגן. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר געוואָרן פינסטער. דאָס שטעקל מיטן עפּל מיטן ליכטל זיינען אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט, און איך האָב מיך געלאָזט גיין, איך ווייס אַליין ניט וווהין. איך גיי און גיס הייסע ביטערע טרערן, איך ברעך די הענט און באַוויין מיין פאָן, ווי מע באַוויינט אַ טויטן, און איך קום צו גיין אַהיים איינער אַליין, אָן אַ פאָן, און איך פאַרקלייב מיך אין אַ ווינקעלע, און אין דער פינסטער זיץ איך, דעם קאָפּ אַראָפּ צווישן די קני, און וויין שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זען, קיינער זאָל ניט הערן...

גוואַלד, גוואַלד, רבונו-של-עולם! פאַר וואָס קומט דאָס מיר? פאַר וואָס און פאַר ווען?!..

די בלומען אין הארבסט.

„אוי, איז דאָס געווען
היינט אַ שווערע נאַכט:
קיינער האָט פון אונז
קיין אויג ניט צוגעמאַכט.
ס'האָט אַזוי געשמיסן
אונז דער קאַלטער ווינט,
האָט געפליקט, געריסן,
יעדן בלומען-קינד!
ס'האָט אַזוי דער רעגן
אונז גענעצט, געווייקט
און די נאַסע קעפּלאַך
ביז צו דר'ערד געבויגט!
זעט, וואָס ס'איז געוואָרן,
ווי מיר זיינען נאַס,
איינגעבויגן אַלע,
אומעטיק און בלאַס;
און די שיינע קליידער...
ווי זיי זעען אויס,
אָפּגעריסן אַלע,
ס'הענגען שטיקער בלויז...
ס'גייט דער האַרבסט, דער טריבער
מיט זיין שאַרפן שווערד,
ס'פאַלט פון אים אַ שאָטן
אויף דער פייכטער ערד!"...

דאָס קעלבל.

פריי פון חדר, עטעמען מיר טיף אָפּ און לאָזן זיך לויפן, הענדום-פענדום, אַרויף אויפן גאַס. אויפן גאַס באַגעגענען מיר זיך מיט די בהמות, וואָס גייען פון פעלד אַהיים. פאָראויס גייען די בעק. זיי גייען פאַמעלאַך, פאַרטיפט אין געדאַנקען. נאָך זיי גייען ציגן, קי, קעלבלאַך, חזירים, יונגע לאָשאַקלאַך—יעדער מיט זיין קאָמפּאַניע. דער שטויב טראָגט זיך אַזש ביזן הימל. און מיר, ייִנגלאַך, פּלאָנטערן, מישן זיך אויס צווישן די בהמות: איינער כאַפּט זיך אַרויף רייטנדיק אויף אַ באָק, אַ צווייטער אויף אַ ציג; אַן אַנדערער ווידער דערגייט גלאַט אַזוי די בהמות ביזן לונג, שרעקט, יאָגט זיי.

אָן אַ זייט, דערזע איך, גייט אונזער קו לעבן דעם פּאַסטוך, און ער, דער פּאַסטוך, טראָגט אויף זיינע פּלייצעס אַ זעלטן שיין קעלבל. איך בלייב שטיין, שלאָג זיך אָן, וואָס דאָס באַטייט, און דערמאָן זיך, אַז נישט איינמאָל שוין האָט מיר די מאַמע געזאָגט, אַז אונזער קו דאַרף זיך אָפּקעלבן. דאָס הערצל הייבט אין מיר אָן צו פלאַטערן פאַר פרייד. מיט אַ בענקעניש אין האַרצן קוק איך נאָך דעם פּאַסטוך, וואָס טראָגט דאָס שיינע קעלבל גלייך צו אונז אַהיים. און עס ווילט זיך מיר אין דער רגע זייער, זייער אים דעריאָגן, אַרומנעמען דאָס קעלבל און האַלזן,

קושן עס, קושן הייס, קושן שטאַרק. וואָס אָבער קאָן איך טאָן? און דער רֶבּי? און מִנחָה? און די מאַמע? וואָס וועט די מאַמע זאָגן, דער־זעענדיק, אַז איר בָּחור, וואָס לערנט שוין, בָּרוך־הַשֵׁם, גמָרָא, גיט זיך גאָר אָפּ מיט אַזוינע נאַרישקייטן? און אַ דערשלאָגענער, מיט אַן אומעטיק האַרץ, גיי איך אַוועק אין בֵּית־הַמִדְרָש.

אָפּגעדאַווענט—לאָז איך זיך גיין וואָס גיכער אַהיים. אַז איך קום אַריין אין שטוב, קומען מיר אַנטקעגן מיינע יינגערע ברידער און שוועסטערלאַך און זאָגן מיר אָן די פריילאַכע בשׂוּרָה פון דעם גע־געבאָרענעם קעלבל.

— וואָלסטו געזען, הערשעלע—האָבן זיי אַלע אין איין קול אויסגע־שריען—וואָלסטו געזען, ווי שיין דאָס קעלבל איז! וואָלסטו נאָר געזען, וואָס פאַר אַ ברייטן שטערן, וואָס פאַר אַ ברייטע נאָזלעכער, וואָס פאַר אַ לאַנגן צונג, וואָס פאַר אַ פולע און רויטע ליפן דאָס קעלבל האָט!... וואָלסטו נאָר געזען...

איך פיל, איך קאָן מיך מער נישט צוריקהאַלטן. איך לויף אָן אָטעם אין שטאַל אַריין, פאַל אויף די קני פאַרן קעלבל, טאַפּ אים אויס יעדן אֵבֶר באַזונדער, נעם עס אויף מיינע הענט און טראָג עס אָפּ אין קיך אַריין, כּדֵי עס דאָרט צו באַקוקן פאַרן ליכט. דאָרט האָב איך גע־נומען עטלאַכע שטיקלאַך ברויט, באַזאַלצט עס און אַריינגעלייגט דעם קעלבל אין מויל אַריין, סאַמע אויפן צינגל. דאָס קעלבל האָט מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן און געקוקט אויף מיר מיט אַ צופרידענעם דאַנק־באַרן בליק. דענסטמאָל ערשט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב ביים קעלבל נושׂא־חֵן געווען, אַז פון אַלע איבעריקע קינדער, פון אַלע מיינע ברידער און שוועסטערלאַך, האָט עס מיך נאָר פאַר אַ חָבֵר אויסגעקליבן, און וואו נאָר איך בין געגאַנגען, האָט מיך זיין ווייכער און ליבער בליק נאָכגעקוקט.

אַ מַעֲשֶׂה וועגן מילך, האָבערנע קאַשקע און גרויען קאָטערל מורקע.

אַ מאָדנע זאַך, יעדן טאָג פלעגט זיך איבערחזרן דיזעלביקע מַעֲשֶׂה. ווי נאָר מע שטעלט אַוועק אין קיך אויפן פליטע דאָס טעפל מיט די מילך

און דאָס פּענדל מיט דער קאַשקע, הייבט זיך עס גלייך אָן. פאַרדעם שטייען זיי זיך אַזוי, דאַכט זיך גאָרניט, און דערנאָך הייבט זיך אָן אַ שמועס.

— איך בין מילך...

— און איך—האָבערנע קאַשקע...

פון אָנהייב גייט זיך דער שמועס שטילינקערהייט שו־שו־שו... דערנאָך הייבן אָן מילך און קאַשקע ביסלאַכווייז זיך צו היצן.

— איך בין—מילך!...

— און איך—האָבערנע קאַשקע!...

די קאַשקע פלעגט מען צודעקן פון אויבן מיט אַ דעקל, און זי פלעגט בורטשען ביי זיך אין פּענדל, ווי אַן אַלטיטשקע, און ווען זי פלעגט אַריינגיין אין כּעס, פלעגט אַרויפשווימען אינדערהייך פון איר אַ בלעזל. עס פלעגט פּלאַצן און זאָגן:

— אָבער איך בין פונדעסטוועגן האָבערנע קאַשקע... פּום!...

די מילך פלעגט זיך פון דער דאָזיקער באַרימעריי שפּירן שטאַרק באַליידיקט... אַ קליינינקייט אַביסל—האָבערנע קאַשקע!...

די מילך פלעגט זיך אָנהייבן צו היצן, פלעגט זיך אויפהייבן מיט אַ שוים און זיך רייסן אַרויסצוקריכן פון טעפּל.

קערט זיך נאָר די קעכין אָפּ אויף אַ מינוטקעלע, זי גיט אַ קוק— די מילך האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן אויף דער הייסער פּליטע...

— אַך, האָב איך דאָס אַ ביסל אויסצושטיין פון די מילך—פלעגט זיך יעדעס מאָל באַקלאָגן די קעכין—קערסט זיך אָפּ אויף איין רגעלע— עס אַנטלויפט שוין.

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז ביי מיר איז אַזאַ היציקע נאַטור!... פלעגט זיך פאַרענטפערן די מילך—איך בין אַליין ניט צופרידן, אַז איך בין אין כּעס. און דאָ האַלט נאָך די קאַשקע אין איין באַרימען זיך: איך בין קאַשקע, איך בין קאַשקע, איך בין קאַשקע!... זיצט זיך ביי זיך אין פּענדל און בורטשעט! נו, בין איך אין כּעס געוואָרן!...

די זאַך פלעגט אַמאָל דערגיין אַזוי ווייט, אַז ניט קוקנדיק אַפילו אויפן דעקל, פלעגט די קאַשקע אויך אַרויסלויפן פון פּענדל,—קריכט אַזוי אויף דער פּליטע און האַלט אַלץ אין איין טענהן:

— אָבער איך בין קאַשקע! קאַשקע... ששש...

אמת, דאָס פלעגט זיך טרעפן גאַנץ זעלטן, נאָר פונדעסטוועגן פלעגט עס טרעפן און די קעכין פלעגט יעדעס מאָל איבערחזרן:

— האָב איך דאָס אַביסל אויסצושטיין פון די קאַש קעו... און וואָס זיצט זיך איר ניט אין פענדל? אַ מאָדנע זאַך...

די קעכין פלעגט בכלל זיך גאַנץ אָפט בייזערן. און ס׳איז טאַקע געווען פאַר וואָס. וויפיל האָט זי געהאַט אויסצושטיין פון קאָטער מורקע אַליין, צום ביישפיל!

יעדן פרימאָרגן פלעגט זיך אָנהייבן דערפון, וואָס מורקע פלעגט נאָכגיין דער קעכין טריט ביי טריט און מיאַוקען מיט אַזאַ יאָמערדיקן קול, אַז אַ שטיינערנע האַרץ וואָלט עס, דאַכט זיך, ניט אַריבערגעטראָגן.

— אָט דאָס איז אַ פרעסער! — וואונדערט זיך די קעכין, אַוועקטרייבנדיק דעם קאָטער — וויפיל לעבער אַליין האָט ער נעכטן אויפגעגעסן?

— דאָס איז דאָך געווען נעכטן! — וואונדערט זיך מורקע — און היינט וויל איך ווידער עסן... מיאַ או — או!...

— וואָלסט כאַפּן מייז און עסן, דו פוילער!...

— יע, ס׳איז גרינג צו זאָגן... דו וואָלסט אַקאָרשט פרוון אָנכאַפּן כאָטש איין מויז, — זאָגט מורקע, — איך טו, דאַכט זיך אַלץ, וואָס איך קען. אָט, צום ביישפיל, יענע וואָך, ווער האָט אָנגעכאַפּט אַ מייזעלע? און פון וועמען איז ביי מיר אַ ראַץ איבערן גאַנצן נאָז? אָט סאַר אַ פּאַצוק כ׳האָב געוועסט געהאַט אָנגעכאַפּט! יע, דאָס איז גאָר גרינג צו זאָגן: — כאַפּ מייז!...

אָנגעגעסן זיך צו זאַט מיט לעבער, זעצט זיך מורקע אַוועק ביים אויוון ערגעץ אין אַ וואַרימען ווינקעלע, פאַרמאַכט די אויגן און דרעמלט געשמאַק.

— האָסט געזען, ווי ער האָט זיך דאָס אָנגעגעסן! — וואונדערט זיך די קעכין — ער האָט אַזש די אויגן פאַרזשמורעט, דער ליידיקגייער... און גיב אים אַלץ פלייש, פלייש!

— איך בין גאָר ניט אַזאַ צדיק, איך זאָל ניט עסן קיין פלייש פאַרענטפערט זיך מורקע, אויפעפענענדיק נאָר איין אייגל — איך בראַקיר ניט מיט אַ פישעלע אויך. ס׳איז טאַקע גאַנץ געשמאַק צוצובייסן אַ פישעלע. כ׳קען נאָך עד־היום ניט זאָגן, וואָס איז בעסער: פלייש צי פיש. פון איידלקייט וועגן עס איך אי דאָס, אי יענץ... ווען איך זאָל זיין אַ מענטש, וואָלט איך ניט אַנדערש געווען אַ פישער אָדער אַ פליישער, כ׳וואָלט געגעבן עסן צו זאַט די גאַנצע וועלט קעץ, און אַליין וואָלט איך שטענדיק געווען זאַט.

נאָכן עסן פלעגט מורקע האַלט האָבן צו פאַרנעמען זיך מיט זייטיקע זאַכן פון אייגענעם פאַרגעניגן וועגן. פּאַרוואָס, למשל, ניט אָפּזיצן אַ פּאָר שעה אויפן פענסטער, וואר ס'הענגט די שטייג מיטן שטאָר? ס'איז זייער אַנגענעם צו קוקן, ווי ער שפּרינגט אַרום, דער נאַרישער פויגל.

— איך קאָן דיך, דו אַלטער שווינדלער, — האָט געשריען דער שטאָר פון אויבן — האָסט ניט וואָס צו קוקן אויף מיר.

— נאַרעלע, איך וויל זיך באַקאָנען מיט דיר!

— איך ווייס ווי דו באַקאָנסט זיך... ווער האָט אַנומלט אויפגעגעסן דעם וואָראָבייטשיקל? האָב... טפו, מיאוסקייט!...

— גאָר ניט קיין מיאוסקייט, גראָד פּאַרקערט. מיך האָבן אַלע האַלט... קום צו מיר, וועל איך דיר אַ מעשהלע דערציילן...

— אַך, דו שווינדלער... מ'קאָן דיך... אַ פיינער מעשהלאַך-דערציילער! כ'האָב געזען, ווי דו האָסט דערציילט דיינע מעשהלאַך דעם געבראָטענעם הענדעלע, וואָס דו האָסט אַרויסגעגנבעט אין קיך... מ'קאָן דיך, ברודער!...

— ווי דו ווילסט זיך, איך מיין דאָך נאָר דיין טובֿה! וואָס געהערט זיך אָן דעם הענדעלע, האָב איך אים טאַקע אויפגעגעסן; נאָר ער האָט דאָך שוין סיי-ווי-סיי אויף קיין זאַך ניט געטויגט.

יעדן פרימאָרגן פלעגט מורקע זיצן ביי דער פּליטע, וואָס הייצט זיך, און געדולדיק אײַנהערן זיך, ווי ס'קריגן זיך די מילך און די קאַשקע. ער האָט אייגנטלאַך פאַר קיין פאַל ניט געקענט פאַרשטיין, אין וואָס גייט דאָ ביי זיי.

— איך בין קאַשקע! קאַשקע, קאַשקע, קאַשששש...

ניין, איך פאַרשטיי ניט! כ'הייב ניט אָן צו פאַרשטיין — זאָגט מורקע — צוליב וואָס קריגט מען זיך? אָט, למשל, איך וועל זיצן און מענהן: איך בין — קאָטער, איך בין — קאָטער, קאָטער, קאָטער... וועמען קען דאָס קימערן? ניין, איך פאַרשטיי ניט... דאָס מוז איך אַפילו מודה זיין — מיר געפעלט בעסער מילך, איבערהויפּט ווען עס בעסט ניט.

האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז די מילך און די קאַשקע האָבן זיך באַזונדערס היציק געקריגט. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַ גוטע העלפט פון זיי ביידן, האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער פּליטע און דערביי איז געוואָרן אַ מוראַדיקער טשאַד. איז געקומען צולויפן די קעכין און האָט פאַרבראָכן די הענט.

— נו, וואָס זאָל איך איצטער טאָן?—האָט זי געדאַגעט, אַראָפּנעמענ־דיק פון דער פּליטע די מילך און די קאַשקע—אויף איין מינוט טאָר מען זיך ניט אָפּקערן!...

די קעכין האָט איבערגעלאָזן די מילך און די קאַשקע און אַליין איז זי אַוועק אין מאַרק אַריין אײַנקויפן עסנוואַרג. מורקע האָט זיך באַלד באַנוצט דערמיט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו די מילך, אַ בלאָז געטאָן אויף דעם און געזאָגט:

— איך בעט אײַך, מילך, זײַט ניט אין כּעס...

ס'איז געווען קאָנטיק, אַז די מילך האָט זיך גענומען באַרויקן. מורקע האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ביסל אַרום די מילך, נאָכאַמאָל אַ בלאָז געטאָן, אויסגעשטעלט די וואָנצעס און אַרויסגערעדט מיט גרויס ליבשאַפט:

— אָט וואָס, ברידער... קריגן זיך איז בכלל ניט גוט. ווייסט איר וואָס? קלײַבט מיך אויס פאַר אַ ריכטער, וועל איך טאַקע באַלד פונאַנדערקלײַבן אײַער עסק.

דער שוואַרצער טאַראַקאַן, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקעלע, איז שיר ניט צעשפּרונגען געוואָרן פון געלעכטער:

— „אָט וועט דאָס זײַן אַ ריכטער... כאַ־כאַ־כאַ! אײַ, דו אַלטער שווינדלער!... וואָס ער קאָן צוטראַכטן!"

אָבער די מילך און די קאַשקע זײַנען געווען צופרידן, מע וועט סוף־כּל־סוף פונאַנדערקלײַבן זייער קריג. זיי האָבן אַליין אַפילו ניט געקענט רעכט דערציילן, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך און צוליב וואָס זיי קריגן זיך.

— גוט, גוט, איך וועל אַלץ פונאַנדערקלײַבן,—האָט געזאָגט דער קאָטער מורקע.—איך וועל זײַן אָרנטלאַך... נו, לאָמיר אָנהייבן פון די מילך.

ער איז עטלאַכע מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום דעם טעפּל מיט די מילך, האָט עס אַ טאַפּ געטאָן מיט דער לאַפּקע, אַ בלאָז געטאָן פון אויבן און גענומען לאָקטשען...

— גוואַלד! ראַטעוועט!—האָט זיך פונאַנדערגעשריען דער טאַראַקאַן—ער וועט אויסלאָקטשען די גאַנצע מילך!

ווען די קעכין האָט זיך אומגעקערט פון מאַרק און אַ כאַפּ געטאָן זיך צו די מילך—איז דאָס טעפּל שוין געווען ליידיק. קאָטער מורקע



טראַכט צו מעשׂהלאַך צו די בילדער.

איז געשלאָפֿן ביים סאַמע אייוועלע מיט אַ זיסן שלאָף, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרניט געווען.

— אַך, דו יונגאַטש!—האָט אים געזידלט די קעכין, אָנכאַפּנדיק אים פאַר אַן אויער, - ווער האָט אויסגעטרונקען די מילך, זאָג?

ווי ס׳האָט אים ניט ווי געטאָן, האָט מורקע זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט קיין זאַך ניט, און קען קיין וואָרט ניט ריידן. ווען מ׳האָט אים אַרויסגעוואָרפן הינטער דער טיר, האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן, אַרומגעלעקט דאָס צעקנייטשטע פעלכעלע, אויסגעצויגן דעם עק און געזאָגט:

— ווען איך זאָל זיין אַ קעכין, וואָלטן אַלע קעץ, פון פרי ביז נאַכט נאָר געטאָן און געטרונקען מילך. איך קען אָבער אויף מיין קעכין קיין פאַראיבל ניט האָבן—זי פאַרשטייט דאָס ניט...

דאָס קעצל.

אויפן דעכל ליגט אַ קעצל,
אויפן דעכל אויף דער זון.
קאָן איך ס׳קעצל ניט פאַרגינען
נישט דעם דעכל, נישט די זון.

דרעמלט מיד און דרעמלט זיסלאַך,
ציט זי אויס די קליינע פיסלאַך.
ציט זיי, אויס און ציט זיי, איין—
עס איז גוט אַ קאַץ צו זיין!...

די הינט און דער האָן.

אונזער הונט קאַשטאַנקע האָט פיר הינטעלאַך: באָב, מאָפּסיק, פילקע און צוציק. גאַנצענע טעג שפּילט זיך קאַשטאַנקע מיט אירע קינדער: דאָ אין שטוב, דאָ אויפן הויף, דאָ אין סאָד.

ניט לאַנג איז קאַשטאַנקע קראַנק געוואָרן און מ׳האָט זי ניט אַרויסגעלאָזן אינדרויסן. די יונגע הינטלאַך איז געוואָרן אומעטיק צו זיין אין שטוב און זיי האָבן גענומען אַליין אַרויסלויפן אויפן הויף.

אַ גאַנצן טאָג פֿאַרברענגען זיי דאָרט, לויפֿן, שפּרינגען, שטיפֿן, אינאָוונט קומען זיי אַהיים, צו דער מאַמען, און דערציילן איר וועגן אַלץ, וואָס ס'האָט מיט זיי דעם טאָג פּאַסירט.

איינמאָל איז זיך חבֿרה הינטלאַך אַזוי געלעגן לעבן דער מאַמען און גענומען דערציילן.



— דער עלטערער ברודער האָט זיך מיט אונדז גאָרניט געשפּילט, פֿאַרמסרט איינער, — ער איז גאָר אַרומגעלאָפֿן אַ גאַנצן טאָג מיטן שכנס הינטל טאַקס!

— הער, וואָס מיט מיר האָט געטראָפֿן! — פּאַלט אַריין אַ צווייטער — עפּעס אַ פֿרעמד יינגעלע איז פֿאַרבייגעגאַנגען, האָט ער מיך דערזען און גענומען זיך רייצן, האָב איך אויף אים גענומען בילן, איז ער אַנטלאָפֿן, האָט ער אָנגעוואָרן זיין פֿרישטיק, האָב איך עס אויפֿגעגעסן. אוי, איז דאָס געווען אַ מאַכל!

— פּילקע שווייגט גאָר — מישט זיך אַריין אַ דריטער — וועל איך אייך דערציילן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. ער האָט דערזען, ווי מ'פֿירט אַ קינדערשן וועגעלע, האָט ער דאָס אָנגעהויבן אויף אים צו בילן. כ'האָב געמיינט, ער ווערט הייזעריק בילנדיק. לויפֿט נאָך נאָכן וועגעלע, בייזערט זיך, וואָרטשעט, ווייל אַנדערש ניט כאַפּן די ראָד. ס'געפֿעלט אים ניט, וואָס די ראָד דרייט זיך צו האַסטיק און זי סקריפּעט!... אוי, איז דאָס געווען אַ געלעכטער!

— אַ געלעכטער איז געווען פֿון צוציקן, — דערציילט מאָפּסיק, — צוציק איז גאָר אַ פּחדן. ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר אַ האָן און האָט זיך באַהאַלטן ווייסט איר וואו? הינטן אויפֿן הויף, אונטערן גאַניק.

— אָט אַ נאַרעלע! — באַמערקט די מאַמע — צי דען האָט דיר דער האָן עפּעס געטאָן, וואָס דו ביסט פֿון אים אַנטלאָפֿן?

— ניין, — הייבט אָן צוציק צו דערציילן — כ'האָב זיך געוואָלט מיט אים שפּילן, איז ער אָבער אַזאַ בייזער און אַ שטאָלצער — אַ שרעק!...

ער האָט אַפילו אויף מיר ניט געוואָלט קוקן!... און, ווי שיין ער איז געווען אָנגעטאָן! טונקלגרינע באַגולטע זיידענע בגדים, אויפן קאָפּ — אַ רויט היטעלע, אויף די פיס — שפּאָרן און הינטן — אַזאַ שיינער פּראָגנדז — אַ פּראַכט!

— פאַרוואָס זשע ביסטו פון אים אַנטלאָפן?

— מיר האָט פאַרדראָסן, מאַמע, וואָס ער וויל מיט מיר ניט ריידן. האָב איך גענומען שטיל וואָרטשען. האָסטו געדאַרפט זען, ווי ער האָט זיך דאָס צעבייזערט אַ ביסל! אויסגעצויגן די האַלדז, האָט ער גענומען דרייען מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן און אָנגעהויבן אַזוי זיך צו זידלען, אַז כ׳האָב נאָך אַזוינס קיינמאָל ניט געהערט. איך בין געוואָרן אַ צוציטערטער!

— נאַרעלע, דו האָסט געדאַרפט אַ ביל טאָן אויף אים.

— כ׳האָב געפּרווט, איז ער געוואָרן נאָך מער אין כּעס.

אַרויפגעפלויגן אויפן פּלויט, אַ מאַך געטאָן מיט די פליגלען און גענומען רופן די הענער. און אַלע — אַלע האָבן זיך באַלד אָפּגערופן, פון נאָענט און פון ווייט.

— און זיי זיינען געקומען? — פרעגט די מאַמע.

— כ׳ווייס ניט, כ׳האָב ניט געזען, כ׳האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך בין קוים אַ לעבעדיקער אַנטלאָפן געוואָרן.

די מאַמע האָט געלאַכט פון צוציקלען דעם פּחדן און זיך אָפּגערופן:

— וואַרט, מיין קינד, נאָך אַ פּאָר טעג, איך וועל געזונט ווערן, וועלן מיר אַרויסגיין אָנקוקן דעם גרויסהאַלטער.

אַז קאַשטאַנקע איז געזונט געוואָרן, איז זי אַרויס אויפן הויף שפּאַצירן און גענומען מיט זיך די קינדער. ווי נאָר די הינט זיינען אַראָפּ פון גאַניק, זיי זעען, — דער האָן שפּאַצירט זיך אַרום צווישן די הינער, גייט אָפּ אָן אַ זייט, שטעלט זיך אויף איין פוס און קוקט שטאָלץ אין אַלע זייטן.

— שרעקט זיך ניט, קינדער, רופט זיך אָפּ קאַשטאַנקע צו די הינטלאַך, — איצט וועלן מיר אים ווייזן, אַז מיר האָבן פאַר אים קיין מורא ניט! נו, חברה! ווער פון אייך איז דרייסטער, לויפט צו צו אים און פאַלט אָן אויף אים! דערפאַר וועט דער דרייסטער ביי מיר באַקומען אַ געשמאַק הינערש ביינדעלע.

— אַ הינערש ביינדעלע איז אַ מאכל! — האָבן זיך די הינטלאַך צעקוויטשעט, — וואַרט, מאַמע, מיר וועלן אים באַלד אָנלערנען!

און פּאָכנדיק מיט די עקלאָך האָבן די הינטלאָך אָנגעהויבן שטיל צו וואָרטשען. נאָר צוציק איז ניט אָפּגעטראָטן פון דער מאַמען און האָט אַראָפּגעלאָזן דעם עק.

דרייסטער פאַר אַלעמען האָט זיך אַרויסגעוויזן מאָפּסיק. ער איז צוגעפאַלן צו דרערד, האָט אויסגעצויגן די פאָדערשטע לאַפּקעס, אַוועקגעלייגט אויף זיי דעם קאָפּ און גענומען פריזען אַלץ נעענטער און נעענטער צום האָן.

דער האָן האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן. מאָפּסיק האָט אָבער פּלוצלונג אַ שפּרונג געטאָן און איז אָנגעפאַלן אויף אים מיט אַ קוויטש און מיט אַ בילעריי.

דער גרויסהאַלטער האָט זיך דערשראָקן אויף טויט און איז אַנטלאָפן, וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן. מאָפּסיק האָט ניט געוואַרט און—טוז נאָך אים. דער האָן האָט זיך געדרייט, געדרייט איבערן הויף און זיך קוים קוים געראַטעוועט אין שטייג אַריין.

אַלע, וואָס זיינען געווען אויפן הויף,—די הינט, די ענטלאָך, די גענדז—אַלע האָבן געלאַכט ביז גאָר.

די קינדער האָבן אויך געזען די סצענע דורכן פענסטער. זיי האָבן געפּאַטשט און געשריען: בראַוואָ, מאָפּסיק, בראַוואָ!

דאָ איז שוין אונזער קליינער פחדן אויך געוואָרן העלדיש. ער איז צוגעלאָפן מיט די ברידער צו דער הינערשטייג און גענומען בילן אויפן האָן מיט זיין דינינקן קעלכעלע. פון דענסטמאָל אָן לאָזט צוציק קיינעם ניט דורכגיין. ווער עמען נאָר ער דערזעט—אויף אַלעמען וואָרטשעט ער און בילט. און דער האָן, ער איז געווען אָן אָנגעבלאָזענער גרויסהאַלטער און איז פאַרבליבן אַזאַ ביז היינטיקן טאָג.

דאָס גוטע פערדל.

ס'איז זומער פאַרנאַכט, נאָך אַ רעגן. אויפן וועג באַוויזט זיך אַ זשאַבע. זי קריכט צו צו אַ לוזשע און בלייבט זיצן אויפן ברעג. פּלוצים קומען אָן עטלעכע יינגלאָך.

— אוי ס'איז אַ מיאוסקייט!—שרייט אויס איינער, דערזעענדיק די זשאַבע.

— זעט ווי זי גלאָצט אויף אונז מיט די אויגן! — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער — מע זאָגט, אַז זי דערזעט אַ מענטשן, שילט זי אים...
לאָמיר זי גאָר דערהרגענען — לייגט פאָר אַ דריטער.
— גוט! — זיינען אַלע מסכּים. און זיי הייבן אָן צו שטעכן די זשאַבע מיט ריטלאַך אין אויגן, אין די זייטן, וואו און נאָר זיי טרעפן.
די זשאַבע צאַפּלט זיך, שפּרינגט אין אַלע זייטן, וויל זיך אַרויסרייסן פון זייערע הענט. זיי לאָזן זי אָבער ניט אָפּ, ווערן וואָס ווייטער אַלץ בייזער און קוקן אויף אירעליידן מיט גרויס הנאה.
נאָך אַ מינוט — און זי בלייבט אונטער זייערע הענט.
נאָר דאָ האָט זי, ווייזט אויס, צונויפגעקליבן די לעצטע כּוחות, האָט דערלאַנגט אַ שפּרונג און איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפע רינווע ביים וועג.
אין דער בלאָטיקער רינווע איז דער זשאַבע געוואָרן אַ ביסעלע לייכטער. דאָס וואַסער האָט איר באַנעצט און באַוואַשן די וואונדן.
די קינדער טרעטן נאָך אָבער אַלץ ניט אָפּ.
— מ׳דאַרף זי גאָר דערהרגענען מיט שטיינער! — באַשליסן זיי אַלע און זיי גייען אַוועק זוכן שטיינער.



אינדעם פאָרט אָן אויפן וועג אַ פּויער מיט אַ וואָגן. דעם וואָגן שלעפּט אַן אַלט שוואַך פערדל. די הינטערשטע פיס ביי אים ציטערן, די פאָדערשטע גליטשן זיך. דער פּויער גייט ביי דער זייט און שרייט אויפן פערדל, שמייסט אים מיטן בייטש איבער די דאַרע זייטן און איבערן רוקן. דער וואָגן איז אַ שווערער. די רינווע איז אַ טיפע און אַ בלאָטיקע. דאָס מידע פערדל הייבט קוים די פיס.
דאָ קומען אָן די קינדער. זיי זעען, אַז באַלד וועט דער וואָגן אַריבערפאָרן אויף דער זשאַבע און זיי טשעפּן זי מער ניט. זיי שטייען און וואַרטן.
אָט איז שוין דער וואָגן גאָר נאָענט. פּלוצים אָבער בלייבט דאָס פערדל שטיין. עס דערזעט די זשאַבע, ציט אויס די האַלז און נעמט זי אַרומשמעקן.
דער פּויער לאָזט אים אַראָפּ אַ שמיץ מיט דער בייטש. דאָס פערדל הייבט אויף דעם קאָפּ, טוט זיך אַ קערעווע אָן אַ זייט און נעמט מיט

אַלע כּוחות שלעפּן די פּאַרליימיקטע רעדער פון דער טיפער רינווע.

די דאַרע פּלייצעס טוען דעם פערדל שטאַרק וויי, די אָפּגעריבענע פּאַדקעוועס גליטשן זיך, עס האָט ניט קיין כּוח אַרויסצושלעפּן די שווערע פור.

— וואוהין! — שרייט דער פויער און טוט דעם פערד אַ שמיץ מיט דער בייטש איבער דער מאָרדע, עס זאָל זיך פאַרקערעווען אויף צוריק.

אָבער דאָס פערדל שטרענגט אָן די לעצטע כּוחות, טשעפּעט זיך איין מיט די אַלטע שוואַכע פיס אינם ליים, שלעפּט אַרויס די רעדער פון דער ריווע און מיידט אויס דאָס אָרט, וואו עס ליגט די זשאַבע.

— קינדער: זעט! דאָס פערדל האָט אויף דער זשאַבע רחמנות געהאַט... זאָגט שטיל איינער פון די יינגלאַך.

די איבעריקע בלייבן שטיל און פאַרשעמט.

דאָס פאַריתומטע שעפּסעלע.

אין אַ גרויסער סטאַדע האָט געלעבט אַ קליין שעפּסעלע, וואָס פלעגט יאָר־ביי־יאָר געבוירן קינדערלאַך. נאָר די קינדערלאַך פלעגן זיך ביי איר ניט האַלטן. אין עטלאַכע טעג אַרום פלעגן זיי אָוועקשטאַרבן.

— מע! — פלעגט דאַן זיפצן דאָס אומגליקלאַכע שעפּסעלע. דאָס זאָל הייסן אויף אונזער לשון: „ווי גוט און ווי וואויל איז דאָס דער מאַמען, וואָס האָט קינדערלאַך, זיי זאָלן טאַנצן אַרום איר!“

איינמאָל האָט דאָס שעפּסעלע געהאַט אַ געזונטן לעמעלע און מיט יאָרן. דאָס לעמעלע איז געווען זייער אַ שיינס: געקרייזלטע, שוואַרצע, גלאַנציקע הערעלאַך, קלאָרינקע אייגעלאַך, געשפרינקלטע פיסעלאַך, און ווען ער פלעגט שרייען „מע“! — פלעגן אַלע לעמעלאַך זיך ניט קענען איינהאַלטן און מוזן נאָכשרייען: מע — מע!

האָט זיך די מאַמע זייער געפרייט, און זי פלעגט נאָכאַנאַנד קושן און האַלזן איר לעמעלע. פאַר גרויס שׂמחה פלעגט זי זיך קושן און האַלזן אויך מיט די איבעריקע לעמעלאַך און מיט אירע חבֿרטעס-מאַמעס.

דאָס שיינע טײַערע לעמעלע איז אָבער געווען אַ מאָדנער שטיפערל, אַ שטיפערל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלייכן אין דער גאַנצער סטאַדע.

— בארואיק זיך, מיין קינד — בעט זיך בײַ אים די מוטער — שטילער, קרייזעלע מיינס! דאָ שפּרינג ניט, דער הונט קען דיך נאָך אַ ביס טאָן! דאָרט לויף ניט — דאָרטן איז דער וואַלד! אין וואַלד זײַנען דאָ וועלף! די וועלף האָבן נעגל — שאַרפע ווי מעסערס! ציינער — ווי שווערדן!

אָבער — וואו נאָר די מוטער האָט אים פאַרווערט צו גיין — אַהינצו פלעגט זיך דאָס שטיפערל ברוקע רײַסן:

איך וויל זען, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ וואַלד, ווער איז דאָס דער וואָלף! איך וועל נאָר אַרומטאַפּן זײַנע נעגל, נאָר צורירן זיך צו זײַנע ציינער, נאָר איין קוק טאָן צו אים אין פּיסק אַריין — און איך קום באַלד צוריק — אַזוי האָט זיך דאָס שטיפערל געטראַכט.

האָט ער זיך איינמאָל שטיל אַרויסגעגנבֿעט פון דער סטאַדע. קיינער האָט דאָס ניט באַמערקט, ניט די מוטער זײַנע, ניט דער פּאַסטוך און אַפילו ניט דער הונט — און ער איז אַוועק אין וואַלד. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיטן וואָלף, באַטאַפּט זײַנע נעגל, באַשמעקט זײַנע ציינער און גוט באַקוקט זיין פּיסק — נאָר צו דער מוטער איז ער שוין ניט געקומען: דער וואָלף האָט פון אים צורעכט געמאַכט אַ געשמאַקן מיטאָג פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע.

אויפן צווייטן טאָג האָט דער הונט געפונען אין וואַלד שטיקלאַך פון אַ צעריסענער העלדזל מיט קלאָען. האָט ער עס געבראַכט אין סטאַדע אַריין. די אומגליקלעכע מאַמע האָט דערקענט איר קרייזעלעס הערעלאַך און זײַנע געשפּרענקלטע קלאָעלאַך. האָט זי גענומען שרייען, יאָמערן און וויינען מיט ביטערע טרערן: „מע — מע — מע!" קיין מענטש-לאַך לשון פאַרמאָגט ניט גענוג ווערטער אויף איבערצוגעבן, וויפיל עגמת-נפש, וויפיל האַרצווייטאַק ס'איז געווען אין דעם איין: מע — מע — מע!

האָט זי ניט געוואָלט גלייבן, אַז איר בן-יחיד איז שוין טאַקע אויף אַן אמת צעריסן. זי האָט זיך דעריבער אַ לאָז געטאָן אַרומלויפן צווישן די לעמעלאַך: האָט באַטאַפּט, באַשמעקט און באַלעקט יעדערן פון זיי,

מיט דער האָפענונג נאָך ווי עס איז צו געפינען איר שוואַרצן גלאַנציקן קרייזעלע.

און די עלנטע מאַמע גייט אַרום און קלאָגט, גייט אַרום און וויינט, און וואָס אַמאָל הייבט זי אויף די אויגן צום הימל און שרייט אויס: מאַ—מע!...

מיט וואָס האָב איך עס פאַרדינט... מיט וואָס האָב איך עס פאַרזינדיקט מער פאַר אַלע מאַמעס?...—האָט זי נעבאַך געוואָלט פאַרשטיין.

גייט זי אַזוי און קלאָגט. פּלוצלונג דערהערט זי פון סאַמע עק סטאַדע ווי מ'שרייט: „מאַ—מע!"—לאָזט זי זיך אַראָפּ אין טאָל זען, ווער איז דאָס. דערזעט זי אַן עלנט קליין, זייער קליין לעמעלע. דאָס לעמעלע איז ערשט דעמזעלבן טאָג געבוירן געוואָרן און זיין מוטער איז באַלד געשטאָרבן. דאָס קליין לעמעלע איז געשטאַנען און געזען, ווי די מאַמע זיינע ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד און די אייטערס ביי איר זיינען קאַלט און טרוקן-ליידיק. און עס קען ניט פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל הייסן. ער האָט געזען, ווי דער פּאַסטוך ציט אַראָפּ די פעל פון זיין מוטער—און ער האָט זיך געטראַכט: פאַרוואָס טוט עס דער פּאַסטוך נאָר זיין מאַמען אַזוי? ער האָט ווייטער געזען, ווי די הינט עסן זיין מאַמעס לייב שטיקערווייז, און פאַר אים איז קלאָר געוואָרן, אַז קיין מאַמען קען ער שוין מער קיינמאָל ניט האָבן. איז ער אַוועק זוכן זיין מאַמען צווישן די שעפעלאַך. אָבער אונטער יעדערער האָט ער געפונען לוסטיקע לעמעלאַך זויגן פרישע וואַרימע מילך און טאַנצן אַרום פון צופרידנהייט.

דאַן האָט שוין דאָס לעמעלע פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין מער קיין מאַמען ניט. איז ער אַוועק פון זיער לוסטיקער סטאַדע, צוריק אַראָפּ אין טאָל, דאָרט, וואו ער האָט צום לעצטן מאָל געזען פון זיין מוטערס שוין קאַלטער ברוסט, און האָט זיך ביטערלאַך צעוויינט „מאַ—מע!..."

אויף לעמעלע-שפּראַך הייסט עס: „איך האָב שוין ניט קיין מאַמען: איך בין אַ יתום!"

האָט אונזער שעפּסלע זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים, אויף אים, רחמנות געקראָגן און אויסגעשריען: „מע—מאַ! מע—מאַ!" און לעמעלע דער יתום האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל זאָגן:

— שלעכט איז דיר!—וועד גאָך ווי איך קען עס פילן; מיר איז אָבער ערגער פאַר דיר: דו קענסט זיך נאָך געפינען אַ מאַמען, אָט זיינען ביי מיר די אייטערס ניט פאַרנומען און קיין מילך פעלט אויך

ניט אין זיי,—איך קען פאַר דיר זיין אַ מאַמע; אָבער מיר, עלנטער, ווער וועט מיר געפינען מיין קינד?...

— מאַ—מע!—האָט ער איר געענטפערט—מיר איז ערגער פאַר דיר! דו קענסט זיך נאָך געפינען אַ קינד—ווייניק לעמעלאַך איז פאַראַן אין סטאַדע? אַפילו איך וואָלט אויך זיין ביי דיר אַ זון! איך קען אויך אַרומטאַנצן אַרום דיר, אַרומלעקן דיינע אייטערלאַך, אַרומשמעקן דיך אינגאַנצן; אָבער איך—ווי און ווינד איז מיר!—וואו קען איך נאָך געפינען מיין מאַמען?

אַזוי זיינען זיי ביידע געשטאַנען, געשטאַנען און געיאָמערט, געשטאַנען און גערעדט. דער האָט געזאָגט: מאַ-מע!—מיר איז ערגער פאַר דיר, און די האָט געשריען: מע-מאַ!- ניין, מיר איז ערגער פאַר דיר!

אַפילו דער פאַסטוך, וואָס איז גראָד דורכגעגאַנגען און האָט זיי אַזוי דערזען, האָט אויך שטיל אָפּגעזיפצעט: „עלנטער יָתום, אומגליקלאַכע מאַמע!

און ווען די שעפעלאַך-מאַמעס אין סטאַדע האָבן דערהערט זייערע גוואַלדן, האָבן זיי אויפגעהויבן אַזאַ יְלָלֶה, אַז ס'האָט געריסן ביים האַרצן. אַפילו די ווילדסטע לעמעלאַך האָבן דאַן אויפגעהערט אַרומצושפּרינגען און אַרומצוטאַנצן און אויך מיטגעזיפצט מיט אַלעמען.

האָט דער פאַסטוך גענומען דעם קליינעם יָתומל און צוגעפירט אים פאַרן מאָרדעלע צו שעפעלעס אייטערלאַך. דאָס לעמעלע האָט זיך געשמאַק אָנגעזויגן.

דאָס שעפסעלע האָט אים אַרומגעשמעקט מיט פיל ליבע און רַחמָנות און ער האָט זי אויך אַרומגעלעקט מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט—און אַזוי האָבן זיי זיך באַרואיקט און איינגעשלאָפן צוזאַמען.

ערשט דאַן האָבן די לעמעלאַך זיך גענומען צו זייערע שפּילערייען, שפּרינגערייען און האָבן לוסטיק-לעבעדיק געשריען: מאַ—מע! מאַ—מע!

און אַזוי האָט שעפעלע גענומען זיך דעם יָתומל פאַר אַ זון און ער האָט זי אויך ליב באַקומען ווי אַ מאַמען.



דער פּעטער שנייער.

גלעקלאַך קלינגען גלין, גלין, גלאָן
פון די ווייסע ווייטן;
עמיץ קומט אַ ווייסער אָן
אויף אַ גרויסן שליטן.

קליפּ-קלאַפּ, קליפּ-קלאַפּ!... —
באַלעבאָס,
עפן אויף דעם טויער!...
קליפּ-קלאַפּ, קליפּ-קלאַפּ!...—ווער
איז דאָס?
—איך, דער פּעטער שנייער...

—נו, טאָ גיי געזונטערהייט,
קומט די מענטשן שרעקן!...
אין דער נאָרע אויף דער קייט
נעמט דער הונט זיך וועקן.

אויפן בוידים קרייט דער האָן,
היידאַ, פּעטער שנייער!
גלעקלאַך קלינגען גלין, גלאָן,
גלאָן
אין די ווייסע ווייטן...

ווינטער.

די גרעסטע שׂמחה איז ביי יַענקעלען, ווען ער דערזעט דעם ערשטן שניי. קיין זאַך פאַרשאַפט ניט יַענקעלען אַזוי פיל פאַרגעניגן, ווי די לייכטינקע שייגינקע שנייעלאַך, וואָס דרייען זיך און טאַנצן איינדער־לופטן און באַדעקן אַלץ מיט אַ ווייסער קלאָרער טוך—די גאַנצע ערד, די ביימער, די דעכער, די הייזער.

—ער רוקט זיך שוין דער ווינטער, דער מערדער!—מאַכט דער טאַטע קוקנדיק אויפן שניי.

— אַ שווערע צייט!—דאַגעט די מאַמע און פאַרטראַכט זיך.

— וואָס ווילן זיי?—וואונדערט זיך יַענקעלע,—דער פעטער שנייער איז דאָך אַזאַ טייערער גאַסט!

יַענקעלע האָט שוין לאַנג אויסגעקוקט די אויגן אויף אים.

—ס'וועט דאָך זיין אַזאַ לעבן! מ'וועט זיך גליטשן אויף די גליטשערס, ווארפן זיך מיט באָנקעס, מאַכן שניי־מענטשן!...

מ'האָט זיך גאָרניט אַרומגעזען—און ס'איז שוין חנוכּה. אַ גאַנצע וואָך איז יַענקעלע פריי פון שול. היי־יאָר האָט ער געקראָגן אַ היפּש ביסל חנוכּה־געלט. אַלע יאָר פאַרנאַשט ער דאָס, היי־יאָר האָט ער בא־שלאָסן צו קויפן פאַר דעם אַ שליטעלע.

גראָד איז אָנגעפאַלן אַ סך שניי. יַענקעלע האָט אָנגעטאָן די נייע הענטשקעס מיט די נייע שאַלקע, אַראָפּגערוקט די באַראַשקענע היטל איבער די אויערן און איז אַרויס צום גליטש אויספּרוון דעם נייעם שליטעלע.

ער קריכט אַרויף אויפן סאַמע שפּיץ פון באַרג, זעצט זיך רייטנדיק און... האָפּ! האָפּ!—אַראָפּגעפלויגן פייל פון בויגן.

די פּיריאָריקע מינעלע קוקט אויפן ברודער און ס'ווילט זיך איר אויך שליטלען.

—יַענקעלע, יַענקעלע, נעם מיך אויך אויפן שליטעלע!—בעט זי זיך ביי אים.

— קום!—זאָגט יַענקעלע.

ער וויקלט זי איין אין אַ פאַטשיילע און פירט זי אַרום איבערן הויף. מינעלע איז אויסער זיך פאַר פרייד. זי טרייבט איר פערדל, פרייט זיך און לאַכט אויפן קול. נאָר מיטאַמאָל ווערט זי שטיל. יַענקעלע קערט זיך אום און דערזעט ביי דער שוועסטער טרערן אין די אויגן.

— וואָסי דיר, מינעלע?—פרעגט ער.
— כ'וויל אַליין פאָרן!—ענטפערט זי.
— נאַרעלע, ביסט דאָך נאָך אַ קליינינקע—לאַכט יענקעלע, ס'איז שווער! זע, ווי איך בין פאַרשוויצט!

און די אייגלאַך ביי אים גלאַנצן און די בעקלאַך רויטלען זיך פון פראָסט.

— אַ געלעכטער—טראַכט ער זיך, פירנדיק מינעלען אַהיים — אַליין וויל זי זיך שליטלען, באַלד וועט זי דאָך פאַלן און וועט זיך נאָך פונאַנדערוויינען. זי איז דאָך אַ מיידל! אַ יינגל איז אַן אַנדער זאַך. אַן גליטשט זיך וועלוועקע אויף די גליטשערס. ער איז שוין ניט איינמאָל געפאַלן, אָבער ער וויינט ניט.

וועלוועקע איז אינגאַנצן זעקס יאָר אַלט. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער היינט צוגעבונדן די גליטשערס און פרוווט זיך לאָזן איבערן אייז.

ס'איז אָבער ניט אַזוי לייכט. די פיס ווילן ניט איינשטיין אויף אַן אָרט. ער מוז זיך אַלע ווײַלע אָנהאַלטן אָן פלאַנקען, אַניט וועט ער זיך גלייך אויסציען. וועלוועקע קען נאָך ניט לויפן אַזוי גיך און פלינק, ווי יענע יינגלאַך, וואָס גליטשן זיך איבער דער סאַזשלקע. ער איז זיי אפילו מקנא, אָבער ער דאַגעט ניט. נאָך אַ ביסל און ער וועט זיך אויך אויסלערנען גליטשן אַזוי ווי זיי.



מיין ליוסי.

סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע
צו דער אַרבעט שוין אַוועק.
איז געבליבן איך און ליוסי,
איז נאָך ליוסי גאָר אַ שנעק.

וואָס איך טו נאָר, שלאָגט זי איבער,—
אַרבעט האָב איך דאַן אַ גוואַלד;
נאָך פאַרענדיקן דאָס שליטל
און צו פאָרן נאָך אין וואַלד.

נאָר מיין ליוסי שטערט די אַרבעט,
רייסט פון האַנט מיר דאָס געצייג, —
בין איך טאַקע ווי געפּענטעט,
ווי אַ פויגל אין אַ שטייג.

„ליוסי, ליוסי, נאַ אַ גלעקל!
נאַ אַ קעסטעלע מיט קנעפּ!
קוק, עס וויינט דיין שיינע ליאַלקע,
ז'איז געפאַלן אויף די טרעפּ".

שפּילט זיך טאַקע ליוסי אַ ביסל,
איך פאַרענדיק דאָ מיין שפּאַן.
שוין דאָס פערד געצוימט אין שליטן
און דאָס בייטשל אויך פאַראַן.

—„איצטער, ליוסי, קום זיך זעצן,
קריך אין שליטל אָט אַ דאָ.
וויאָ! איך שטאָט צו טאַטע-מאַמע!
סאַבי! סאַבי! סאַבי, וויאָ"!

די קינדער האָבן אויסגעהאָלפן.

אין אַ יתומים-הויז זיינען געווען אַ סך קינדער. די יתומים האָט געהאָדעוועט און געלערנט אַ באַרימטער גרויסער מאַן. גערופן האָט מען אים פּעסטאַלאָצי. דער לערער פלעגט מיט די קינדער פאַרברענגען זיין גאַנצע צייט, שלאָפן מיט זיי צוזאַמען, שמועסן מיט זיי, לערנען מיט זיי און העלפן זיי אין אַלצדינג. ער פלעגט זיך לייגן דער לעצטער און אויפשטיין דער ערשטער. אַז ס'פלעגט עמיצער פון די קינדער קראַנק ווערן, פלעגט דער לערער גאַנצע נעכט זיצן ביים קראַנקן קינדס בעט. וואָס די קינדער פלעגן עסן, דאָס פלעגט אויך עסן דער לערער. פּעסטאַלאָצי איז געווען זייער איבערגעגעבן פאַר די קינדער, און דערפאַר האָבן די קינדער אים טאַקע שטאַרק ליב געהאַט.

איינמאָל האָט זיך געטראָפן אַ שׂרֵפה אין אַ דערבייאיקן דאָרף. הונדערטער פאַמיליעס זיינען געבליבן אָן אַ דאַך. פּעסטאַלאָצי האָט גלייך גענומען זאָרגן פאַר די קינדער פון די נשׂרפים, וואָס האָבן קיין היים ניט געהאַט. ער האָט זיי געוואָלט צונעמען אין זיין יתומים-הויז. נאָר ווי זאָל ער דאָס טאָן? ס'האָט שוין פריער קוים געקלעקט געלט אויף אויסצוהאַלטן די קינדער.

האָט פּעסטאַלאָצי צונויפגערופן די קינדער פון יתומים-הויז און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— קינדער, ס'האָט אָפּגעברענט אַ דערבייאיקער דאָרף; אַן עֵרך הונדערט קינדער בלאָנדזשען איצטער אַרום איבער די גאַסן פונם

אָפּגעבּרענטן דאָרף אָן אַ דאַך, אָן עסן, אָן אַ בגד. ווילט איר, אַז מע זאָל זיי צונעמען צו אונז?

— מיר ווילן! מיר ווילן!—האָבּן די קינדער גענומען שרייען.

— נאָר, קינדערלאַך, מיר האָבּן קנאַפּ געלט—האָט זיי ווייטער דערציילט דער לערער:—איר וועט דעריבּער מוזן מער אַרבּעטן און ווייניקער עסן; איר וועט מוזן זיך טיילן אין אַלץ מיט די אומגליקלאַכע נשׂרפֿים; איר וועט זיי מוזן אָפּגעבּן אַפּילו אַ טייל פון אייערע בגדים אויך. ווילט איר זיי קומען צו הילף?

— זאָלן זיי קומען אַהער! מיר זיינען גרייט מער צו אַרבּעטן און ווייניקער צו עסן!—האָבּן די קינדער אויסגעשריען.

און די קינדער האָבּן טאַקע צוגענומען די נשׂרפֿים, ווי בּרידער, האָבּן זיי אָפּגעגעבּן אַ טייל פון זייערע קליידער און פון זייערע געלעגערס און האָבּן געזאָרגט פאַר זיי.

די מוטער צום קינד.

שלאָף נאָך, שלאָף נאָך, ליבּעס קינד!
דרויסן איז אַ פראָסט, אַ ווינט.
גאָט זאָל זיך דערבּאַרימען,
גאָט זאָל אונז דערוואַרימען.

אוי! דער ווינטער שרעקט מיך, שרעקט—
ליג, מיין קינד, נאָך איינגעדעקט:
שלאָף נאָך, אָרים פייגעלע,
עפן ניט דיין אייגעלע.

וועסט דערזען אַ קאַלטע וועלט,
דורך אין ווייסן אָפּגעמעלט.
האָלץ אין שטוב קיין שייטעלע
און קיין געלט אין בּייטעלע.

ניט געקאָכט און ניט געהייצט,
קעלט און הונגער דריקט און רייצט,
שלאָף, מיין קינד, פאַרפראָרענעס,
אָרימעס, פאַרלאָרענעס.

דאָס אומגליק.

היינט אינדערפרי בין איך געגאַנגען מיטן פאָטער אין שול און האָב גערעדט מיט אים וועגן די נעכטיקע לעקציעס. פּלוצלונג האָבן מיר דערזען לעבן שול אַ גרויסן עולם. מיין פאָטער האָט גלייך געזאָגט:—„עס האָט געמוזט טרעפן אַן אומגליק”!

מיט גרויס מי האָבן מיר זיך דורכגעשטופּט אין שול אַריין. דער גרויסער זאַל איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן—עלטערן און שילער. אַלע אויגן זיינען געווענדט צום דירעקטאָרס קאַבינעט. אַט הערט זיך אַן אויסרוף:—אָרים קינד! אָרימער ראָבעטי!

טיף אין זאַל, איבער די קעפּ פונם עולם, האָט זיך געהייכט די קאַסקע פון אַ פּאָליציאַנט און דער קאָפּ פון דעם דירעקטאָר.

עס איז אַריין איינער אין אַ צילינדער-הוט.

— דאָס איז דער דאָקטאָר,—האָבן זיך דערהערט שטימען.

מיין פאָטער האָט געפרעגט ביי איינעם פון די לערער:—וואָס האָט פּאַסירט?

דער לערער האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע:

ראָבעטי, אַ תּלמיד פון צווייטן קלאַס, איז געגאַנגען אין שול. אויפן מיטן פון דער גאַס דאָראַ-גראָס האָט ער דערזען ווי אַ קליין יינגעלע, אַ תּלמיד פון צוגרייטונגס-קלאַס, איז לויפנדיק געפאַלן אין מיטן וועג, עטלאַכע טריט ווייט פון אַן אָמניבוס. דער אָמניבוס האָט זיך געיאָגט גלייך אויפן קינד. ראָבעטי האָט זיך דרייסט אווארף געטאָן, ארויסגעכאַפּט דאָס קינד און אַרויסגעשליידערט עס פון אונטער די רעדער. אין דעם מאָמענט אָבער האָט אַ ראָד פון אָמניבוס פאַרכאַפּט זיין פוס און צעבראָכן.

בעת מע האָט דאָס אונז דערציילט, איז ווי אַ משוגענע אריינגע-לאָפן אין זאַל עפּעס אַ פרוי. דאָס איז געווען ראָבעטיס מאַמע. אַ צווייטע פרוי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן און איז מיט אַ יאָמער געפאַלן איר אויפן האַלז. דאָס איז געווען די מוטער פון דעם ארויס-געראַטעוועטן יינגעלע. ביידע מוטערס האָבן זיך אַ שפּאַר אַריין געטאָן אין דירעקטאָרס קאַבינעט. באַלד האָט זיך דערהערט פון דאָרטן אַ יאָמערלאַכער געשריי.—אוי, מיין דזשוליאָ, אוי, מיין קינד!

אין דעם מאָמענט שטעלט זיך אָפּ ביי דער טיר פון דער שול אַ קאַרעטע. באַלד באַווייזט זיך דער דירעקטאָר. אויף די

הענט טראָגט ער אַ ייִנגעלע. דעם קינדס קעפּל הענגט אַראָפּ צום דירעקטאָר אויפֿן פּלייצע. דאָס פּנימל זייַנס איז בלאַס. די אייגלאַך—געשלאָסן. ס'ווערט שטיל. בלויז מוטער-שלוכצן הערן זיך. טויט-בלייך שטעלט זיך דער דירעקטאָר אויף אַן אויגנבליק אָפּ. ער הייבט אונטער דעם ייִנגעלע און ווייזט אים דעם עולם. און דעמאָלט—ווי די לערער מיט די לערערינס, אַזוי די עלטערן מיט די קינדער:—אַלע שרייַען אויס:

—בראַוואָ, ראָבעטי! בראַוואָ, געבאַכדיקער!... מע שיקט אים לופֿט-קושן. חבֿרים און לערער, וואָס רינגלען אים אַרום, קושן זייַנע הענט.

ראָבעטי עפֿנט זייַנע אויגן און פֿרעגט:—וואו איז מייַן רענצל?

—אָט איז עס!—ווייזט אים די מוטער פֿונם געראַטעוועטן קינד און זאָגט צו אים וויינענדיק:

—איך וועל עס ברענגען צו דיר, מייַן רעטער, צו דיר אַ היים.

אין דער זעלבער צייט האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרים די מוטער פֿון דעם פֿאַרוווּנדעטן. זיי זייַנען אַרויס.

מע האָט אייַנגעלייגט דאָס קינד. די קאַרעטע איז אַוועק.

און שווייַגנדיק זייַנען אַלע צוריק אין שול אַרייַן.

דער ערשטער שניי.

אויף די פֿעלדער איז עמיץ
אַ ווייסער געפֿלויגן;
ער האָט אַלע טייכלאַך
מיט זילבער באַצויגן.

ער האָט אויף די לאָנקעס
זייַן מאַנטל פֿאַרלאָרן...
גאָטס וועלט איז פֿון דעמאָלט
אַ ווייסע געוואָרן.

בײַם קראַנקן לערער.

נעכטן גייענדיק פֿון שול בין איך אַרייַן מבֿקר-חולה זייַן מייַן קראַנקן לערער. די מאַמע האָט מיר דערציילט, אַז דער לערער איז קראַנק געוואָרן פֿון דעם, וואָס ער האָט צו פֿיל געאַרבעט. זעקס

לעקציעס גיט ער אינדערפרי און חוץ דעם אַרבעט ער נאָך צוויי שעה אין אַן אָוונט־שול. דאָס איז ניט קיין שפּילכעלע! ער האָט ווייניק געשלאָפן, ווייניק געגעסן, אָפּטמאָל געאיילט זיך און אַזוי אַרום געפּטערט דאָס געזונט און זיך אָוועקגעלייגט.

איך בין אַרויף אויף די טרעפּ. דאָ האָב איך באַגעגנט אַ צווייטן לערער פון אונזער שול.

ער האָט מיר געזאָגט וואו דער קראַנקער לערער וואוינט. די דירה געפינט זיך אויפן פערטן גאָרן. איך האָב אָנגעקלונגען. אַ מיידל האָט מיר געעפנט די טיר. זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַן אָרים טונקל צימערל. דאָ איז געלעגן דער קראַנקער לערער. ער איז געלעגן אין אַן אייזערנעם שמאָלן בעטל. זיין באָרד איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. ער האָט צוגעלייגט די האַנט צום שטערן, כדי בעסער זיך איינצוקוקן ווער ס'איז אַריינגעקומען.

דערזען מיך, האָט ער פריינדלאַך אויסגערופן:

— אַ, ענריקאָ!

איך בין צוגעגאַנגען צום בעט. דער לערער האָט מיר אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסעל און זיך אָפּגערופן.

— איך דאַנק דיר! האָסט גוט געטאָן, וואָס דו ביסט אַריינגעקומען מבקר־חולה זיין אַ קראַנקן לערער! וואָס הערט זיך עפּעס אין שול! וואָס מאַכן די חברים? ווי גייט די אַרבעט?

איך האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז אָן דעם אַלטן ליבן לערער קען ניט זיין אַזוי גוט ווי מיט אים.

ער האָט מיר אָבער איבערגעהאַקט:

— איך ווייס, איך ווייס, אַז איר האָט מיך ליב.

איך האָב באַקוקט די בילדער, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט

— דו זעסט?—האָט ער געזאָגט—דאָס זיינען אַלץ בילדער פון מיינע שילער. אייניקע הענגען שוין דאָ איבער צוואַנציק יאָר. צווישן די דאָזיקע קינדער האָב איך פאַרבראַכט מיין גאַנצן לעבן.

אַז דו, מיין קינד, וועסט ענדיקן די שול, וועל איך אויך דיין בילד דאָ אויפהענגען... ווילסט?

ער האָט גענומען פון טישל אַן אַפּעלסין און האָט מיך מכבד געווען.

איך האָב געקוקט אויפן לערער און איך ווייס ניט פאַרוואָס עס איז מיר געוואָרן שרעקלאַך אומעטיק אויפן האַרצן.

— אינגיכן וועלן מיר זיך זען אין שול — האָט ער צוגעגעבן, איך וועל געזונט ווערן...

נאָר באַלד האָט ער אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען. ס'איז קענטיק געווען, אַז ס'איז אים ניט גוט.

— ס'איז מיר ווידער קאַלט געוואָרן! — האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ לייכטן קרעכץ. אַ גוטן, ליבינקער, גיי אַהיים, גערים די מאַמען!

ער האָט ווידער אויף מיר אַ קוק געטאָן און מיך צוגערופן: קום אַהער!

איך בין צוגעגאַנגען צום בעטל, האָב אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום קישן און ער האָט מיר אַ קוש געגעבן. דאַן האָט ער זיך אָפּגעקערט מיטן קאָפּ צו דער וואַנט.

איך האָב נאָך אַ מינוט געוואַרט און בין שטיל — שטיל אַרויס פון צימער.

ווי אזוי א שפענדל האָט גערעדט.

I.

אַ רייזנדער איז אַמאָל געקומען אין אַ לאַנד וואו עס האָבן געוואוינט ווילדע מענטשן. קיינער פון די ווילדע האָט ניט געקענט ניט שרייבן און ניט לייענען. זיי האָבן נאָך אַפילו קיין מאָל אין די אויגן ניט געזען קיין מענטשן, וואָס קען שרייבן און לייענען.

דער רייזנדער האָט זיך דאָרט געבויט אַ נייע הויז, און די ווילדע האָבן אים געהאָלפן ביי דער אַרבעט. איינמאָל האָבן זיי געדאַרפט האָבן אַ זעג. די זעג האָט דער רייזנדער דעם מאָל גראָד פאַרגעסן ביי זיך אין שטוב אין דעם דערביייאיקן דערפל. האָט ער גענומען אַ שפענדל און אויף אים אָנגעשריבן מיט אַ שטיקל קויל: „שיק מיר צו די זעג". דערנאָך האָט ער צוגערופן איין ווילדן און געזאָגט צו אים:

— טראָג אוועק אָט דעם שפענדל צו מיין ווייב.

האָט אים דער ווילדער געפרעגט:

— אייער ווייב וועט דאָך געוויס פרעגן ביי מיר, צו וואָס האָב איך געבראַכט אָט דעם נישטיקן שפענדל; זי וועט נאָך אוודאי לאַכן פון מיר און מיך אָנרופן „נאַר".

דער רייזנדער האָט אים אָבער געזאָגט:

— ניין! מע וועט דיך ניט רופן „נאַר“, מע וועט דיר געבן דאָס, וואָס מיר דאַרפן.

האָט דער ווילדער גענומען דעם שפּענדל און ווידער געפרעגט:

— וואָס זשע זאָל איך זאָגן אײַער ווײַב?

— דו דאַרפסט קיין זאַך ניט זאָגן: דער שפּענדל וועט שוין אַליין זאָגן,—האָט דער רייזנדער געענטפערט.

— ווי אַזוי קאָן דאָס דער שפּענדל ריידן? ער האָט דען אַ מויל?—האָט דער ווילדער זיך געוווּנדערט.

— גיי אָקאָרשט, טראָג אַוועק דעם שפּענדל, וועסטו שוין זען, אַז ער קאָן ריידן,—האָט אים געזאָגט דער רייזנדער.

II.

דער ווילדער האָט געפאָלגט און האָט אַוועקגעטראָגן דעם שפּענדל צום רייזנדערס ווײַב. זי האָט איבערגעלייענט, וואָס אויפן שפּענדל איז געווען אָנגעשריבן און געגעבן דעם ווילדן די זעג ער זאָל זי אַוועקטראָגן צו איר מאַן. דער ווילדער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן און האָט אויסגעשריען:

— פון וואַנען האָסטו געוווּסט, אַז מיר דאַרפן האָבן גראָד אַ זעג, און ניט קיין אַנדער זאַך?

— דו האָסט דאָך מיר אַליין געבראַכט אָט דעם שפּענדל—האָט די פרוי אים געענטפערט.

— יע, איך האָב דיר אַליין געבראַכט אָט דעם שפּענדל, נאָר איך האָב ניט געהערט, ווי דער שפּענדל האָט דיר עפּעס געזאָגט,—האָט זיך ווידער דער ווילדער געוווּנדערט.

— האָסט טאַקע ניט געהערט, נאָר דער שפּענדל האָט מיר פּאָרט געזאָגט, וואָס מײַן מאַן דאַרף האָבן—האָט געענטפערט די פרוי,—גיי־זשע, טראָג אים אַוועק די זעג.

דער ווילדער האָט אַוועקגעטראָגן די זעג און אויפן וועג האָט ער דערציילט אַלע זײַנע שכנים, וועלכע ער האָט באַגעגנט:

— סאַר אַ וווּנדערלאַכע מענטשן די ווײַסע זײַנען, סאַר אַ חכמים זיי זײַנען!—אפילו נישטיקע שפּענדלאַך קאָנען בײַ זיי ריידן.

און אַ לאַנגע צײַט נאָכדעם האָבן נאָך יענע אַלץ אויסגעפרעגט זייער ווילדן חבר וועגן דעם, ווי אַזוי די ווײַסע מענטשן האָבן ריידעוודיק געמאַכט אַ שטיקל שפּענדל.

ש נ י י ע ל ע.

שנייעלע, שנייעלע ווייסינקער, שיט
אונטער די שליטעלאך, אונטער די טריט.
קינדערלאך, ייגעלאך, מארש אין גאלאפ!...
גליטשיק דאס שטעגעלע בערגל אראפ.
גליטשיק דאס שטעגעלע אזוי ביזן טאל.
קינדערלאך, ייגעלאך, איינס מיטאמאל!...
ווינטעלע, ווינטעלע, בלאז ניט אזוי,
אונזערע היטעלאך ווארף ניט אין שניי.

דעם ווינטערס שטיק.

*

דער זקן דער ווינטער האט זיך צעבייזערט. ס'האט זיך אים פארוועלט אלע לעבעדיקע באשעפענישן פון דער וועלט אומצוברענגען: צוערשט האט ער זיך גענומען צו די פייגעלאך, וואס האבן אים דער-עסן מיט זייער שרייען און פישטשען.

האט דער ווינטער א בלאז געטאן מיט א קעלט, האט אראפגעריסן די בלעטער פון די ביימער, זיי צעווארפן אויף דער ערד, און די ביימער אליין געלאזן נאקעטע, הוילע.

האבן די פייגעלאך גענומען מאכן אסיפות צו באקלערן, וואס זאלן זיי דא טון. זיי האבן ניט לאנג געקלערט און ס'איז ביי זיי געבליבן אפצוטאן דעם בייזן ווינטער א שפיצל און איבערצופעקלען זיך אין די ווארימע לענדער אריין. געזאגט און געטאן. די פייגעלאך האבן זיך פארזאמלט און אוועקגעלאזן זיך איבערן ברייטן בלויען ים אין די ווארימע לענדער אריין. מער ניט דער ווארא בייטשיק אליין איז דא פארבליבן; האט ער זיך באהאלטן פון דעם בייזן ווינטער אין זיין נעסט אונטערן דאך.

*

איז דער ווינטער אנגעפאלן אויף די חיות. ער האט פארשאטן די פעלדער מיט שניי. אין די וועלדער האט ער אנגעווארפן גאנצע בערג שניי, און גענומען שיקן איין פראסט נאכן אנדערן. די חיות האבן זיך אבער דערפאר ניט דערשראקן. א סך פון זיי האבן ווארימע פעלצן

אַנדערע פון זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין די טיפע וואַרימע נאָרעס. די וועווערקע האָט זיך אַנידערגעזעצט אין איר נעסט אין אַן אויסגעפוילטן בוים און גענומען קנאַקן די ניסלאַך, וואָס זי האָט נאָך זומערצייט זיך אָנגעגרייט; דער בער איז פאַרקראָכן אין זיין גרוב און גענומען זויגן זיין לאַפּע; דער האָז איז זיך אַרומגעשפּרונגען, כּדי זיך צו דערוואַרימען, און די פערד מיט די קי מיט די שעפּסן האָבן פאַרן בייזן ווינטער זיך גאָרניט דערשראָקן; זיי האָבן זיך געקייט אָנגעגרייטע היי אין די וואַרימע שטאַלן.

•

דאַן האָט דער ווינטער זיך נאָך מער צעבייזערט—אים האָט זיך פאַרוואָלט צוקומען צו די פיש אין וואַסער. ער האָט גענומען שיקן אַ פראָסט נאָך אַ פראָסט. די פרעסט האָבן גענומען קנאַקן, ווי זיי וואָלטן מיט האַמערס געשלאָגן. אויף די טייכן און אָזערעס האָבן זיי אויסגעבויט שטאַרקע בריקן, די פיש זאָלן די שיין פון טאָג ניט זען. די פיש האָבן זיך אָבער באַהאַלטן טיף אין וואַסער און זיך אויסגעלאַכט פון דעם בייזן ווינטער: אונטערן אייז איז זיי נאָך וואַרימער געווען.

*

דער ווינטער האָט דערזען, אַז מיט די חיות קאָן ער גאָר ניט אויספירן, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו די מענטשן. „זיי וועל איך שוין פּאַקן!” האָט ער זיך געטראַכט און גענומען שיקן אויף זיי ברענענדיקע פרעסט.

די פרעסט האָבן פאַרצויגן די פענסטער און די הייזער מיט שנייבלומען. זיי האָבן גענומען קלאַפּן אין די טירן און אין די ווענט אַזוי שטאַרק, אַז די קלעצער האָבן אַזש גענומען זיך שפּאַלטן. נאָר די מענטשן האָבן איינגעהייצט די אויוונס און זיך אויסגעלאַכט פון דעם בייזן ווינטער. אַזוי ווי אים אויף צו להכעיס, האָבן איבער די וועגן זיך אויסגעצויגן לאַנגע ציילן שליטנס; פון די פערד האָט זיך אַ פּאַרע געטראָגן, און די פורלייט זיינען געגאַנגען דערביי, אונטערטאַנצנדיק און קלאַפּנדיק אַ האַנט אָן אַ האַנט.

*

מער פון אַלץ האָט פאַרדראָסן דעם ווינטער, וואָס אַפילו קליינע קינדער האָבן פאַר אים זיך ניט דערשראָקן. זיי האָבן גענומען זיך שליטלען, וואַרפן זיך מיט קוילקעס שניי, מאַכן שניי=מענטשן, אָנשיטן שנייבערג זיך צו גליטשן. זיי האָבן נאָך געהאַט די העזה צו רופן צו זיך די פרעסט, זיי זאָלן זיי העלפן. פון כּעס האָט דער ווינטער גענ[illegible]ען קנייפּן די קינדער—ווערמען די באַקן און ווערמען די נאָז און הענטן

די אויערן. די קינדער אָבער האָבן מיט שנײ זיך אָפּגעריבן די ערטער, און זיך אויסגעלאַכט פונעם בײזן ווינטער.

האָט דער ווינטער דערזען, אַז ער קאָן ניט אויספירן, האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען פון כּעס. און ס'האָבן זיך אַ גאַס געטאָן פון די דעכער איבער די אײז־ליכטלאַך דעם ווינטערס קאַלטע טרערן.

משמעות, ס'איז שוין ניט ווייט געווען דער פרילינג

צום זיידן אויף לאַטקעס.

(פון די מעשׂהלאַך—„דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע)

— היינט, זונעלע, וועסטו גיין פריער שלאָפן, וואָרום מאָרגן איז דאָס דריטע ליכטל, וועלן מיר גיין צום זיידן אויף לאַטקעס, און מיר וועלן דאָרטן פאַרבּרענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַזוי האָט געזאָגט די מאַמע צום יינגעלע מיטן רינגעלע און דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע האָט שוין געוווּסט, וואָס איז דאָס פאַר אַ דריטע ליכטל. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז חנוכּה בעטשש, מען חנוכּה־ליכטלאַך. יעדן טאָג צינדט מען אָן מיט אַ ליכטל מער, און אַזוי גאַנצע אַכט טעג, ביז עס ענדיקט זיך חנוכּה און עס ווערט שוין אויס יום־טוב. צום דריטן ליכטל, ווייס דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע, גייט מען צום זיידן אויף לאַטקעס. אַלע יאָר אַזוי זינט ער געדענקט. דער זיידע גיט אים אַ דריידל, אויסגעגאָסן פון בלײ, און ער דרייט דאָס דריידל, און ס'איז אַזוי פריילאַך! און די באָבע דערלאַנגט די הייסע לאַטקעס צום טיש און דער זיידע דערציילט מעשׂיות פון חנוכּה, אַזעלכע שיינע מעשׂיות!

און ווי דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע האָט דערהערט, אַז מאָרגן איז דאָס דריטע ליכטל און מע וועט ווידער גיין צום זיידן אויף לאַטקעס, האָט ער זיך צעטאַנצט און צעשפּרונגען און צעזונגען:

מאַמע, מאַמע, מאַמינקע,	דרייען מיר דאָס דריידל,
חנו, חנו, חנוכּה!	דרייט זיך מיט דעם אַלץ.
לאַדע, לאַדע, לאַטקעס	דאָס דריידל איז פון בליי,
עסן מיר מיט שמאַלץ.	חנוכּה איז פריי!

און דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע האָט געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" דער מאַמען און „אַ גוטע נאַכט" דעם טאַטן און איז אַוועק שלאָפֿן.

שלאָפֿט ער אַזוי און שלאָפֿט, דערמאָנט ער זיך, אַז ער דאַרף דאָך גיין אויף יענער זייט טייך צום מֶלֶך אין פּאַלאַץ, און זען דאָרטן דעם בֶּן־מֶלֶך, מיט דער בַּת־מַלְכָּה. גייט ער אַזוי און גייט, ערשט עס קומט אים אָן אַנטקעגן דער זיידע. פֿרעגט אים דער זיידע.—וואוהין גייסטו? ענטפֿער ייִנגעלע־רינגעלע!

— איך גיי צום מֶלֶך אין פּאַלאַץ.

פֿרעגט דער זיידע:—און צו מיר אויף לאַטקעס גייסטו גאָרניט? עס איז דאָך שוין חֲנוּכָּה, דאָס דריטע ליכטל!

ענטפֿערט ייִנגעלע־רינגעלע:—ניין, זיידינקע, איך מוז אַפֿריער גיין צום מֶלֶך, ווייל איך גיי שוין און גיי אַזוי לאַנג צו אים און קאָן אַלץ ניט קומען. דאָרטן, זאָגט מען, איז אַזוי שיין, און אַזוי פֿריילאַך ביים מֶלֶך.

און דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע וויל אַוועקגיין. האַלט אים אָפּ דער זיידע און מאַכט צו אים:

— וואַרט נאָר, איך וועל דיר אַפֿריער דערציילן אַ מַעֲשֶׂה מיט אַ מֶלֶך, וועסטו זען, אַז מיט אַ מֶלֶך איז גאָרניט פֿריילאַך.

און דער זיידע האָט גענומען דערציילן די מַעֲשֶׂה׳

אַמאָל איז געווען אַ מֶלֶך. איז ער געווען אַ שלעכטער, אַ רָשָׁע מרוּשָׁע. האָט ער אַלע ייִדן געהַרגעט און געשלאָגן און מער האָט מען שוין ניט געקענט פֿאַרטראָגן. ער האָט געכאַפּט לְמָשָׁל אַ קליין ייִנגעלע און האָט אים אויסגעשניטן דאָס צינגעלע, ווייל ער האָט זיך ניט געוואָלט בוקן צו זיין רינגעלע. און אַזוי האָט ער מיט אַלעמען געטאָן: געהַרגעט און געשלאָגן. האָט מען אים שוין מער ניט געקענט פֿאַרטראָגן.

איז אויפֿגעשטאַנען איינער, אַ היכער און אַ שיינער און האָט געזאָגט צו אַלעמען: „לאָמיר גיין זיך אַנטקעגן שטעלן דעם מֶלֶך, וועט ער שוין אונז מער ניט שלאָגן". האָבן אַלע געזאָגט: „לאָמיר גיין, לאָמיר גיין!" און זיי זיינען אַוועק זיך אַנטקעגן שטעלן דעם מֶלֶך. אָבער דער מֶלֶך האָט געהאַט אַ סַך סאָלדאַטן מיט האַרמאַטן. איז געוואָרן אַ גרויסע מִלְחָמָה צווישן דעם מַלְכּס סאָלדאַטן און די ייִדן, און מע האָט זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז די ייִדן האָבן געוווּנען און דער מֶלֶך איז אַנטרונען און מע האָט אים דערנאָך אַ טויטן געפֿונען. האָבן די ייִדן זיך געפֿרייט, וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פֿון אַזאַ רָשָׁע און זיי האָבן געמאַכט אַ יום־טוב

חַנוּכָּה און אָנגעצונדן ליכטלאַך און עס איז געווען פרייליך אָן דעם מֶלֶך.

אָט אַזוי האָט דער זיידע דערציילט, און דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע איז געשטאַנען און האָט געהערט. און אַז דער זיידע האָט געענדיקט דערציילן, האָט ער געזאָגט צום ייִנגעלע מיטן רינגעלע: זעסט, וואָס עס איז אַמאָל געווען פאַר אַ מַעֲשֶׂה מיט אַ מֶלֶךְ? און איך האָב מוֹרָא, אַז דיין מֶלֶךְ איז אויך ניט בעסער, גיי ניט צו אים. קום בעסער צו מיר אויף לאַטקעס, און איך וועל דיר געבן אַ דריידל אויך.

האָט געזאָגט דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע:

— רעכט, זיידע, איך וועל גיין מיט דיר.

האָבן זיי גענומען גיין. האָט אָבער אינמיטן דערינען גענומען שנייען, און עס האָט געשנייט אַזוי שטאַרק, אַז מע האָט ניט געקענט זען ווי צו גיין. רופט זיך אָפּ ייִנגעלע-רינגעלע:— זיידע, אַ שניי גייט.

מאַכט דער זיידע: חֲנוּכָּה איז גוט, אַז עס גייט אַ שניי, ס'איז פריילאַכער.

זיינען זיי געגאַנגען ווייטער. גייען זיי און גייען: און דעם וועג זעען זיי ניט. און דער שניי ווערט אַלץ טיפער און טיפער, און עס ווערט שווער צו גיין. מאַכט דער זיידע צום ייִנגעלע:

— שאַ, דו האָסט דאָך אַ רינגעלע, וואָס טוט פאַר דיר אַלץ אין דער וועלט. בעט ביי אים אַ שליטן.

זאָגט דאָס ייִנגעלע:— יאָ, יאָ, זיידע! איך וועל דאָס טאַקע טאָן. און דאָס ייִנגעלע האָט גלייך אַ זאָג געטאָן צום רינגעלע:

— פון דער מיטן, פון דער מיטן
זאָל מיר אַרויס אַ שליטן!

און ווי דאָס ייִנגעלע האָט דאָס אַרויסגערעדט, אַזוי איז געוואָרן גלייך אַ שליטן, געשפּאַנט אין דריי טייערע פערד, פלינקע ווי די הירשן, און שטאַרקע ווי די לייבן.

ייִנגעלע-רינגעלע האָט זיך אַריינגעזעצט אין שליטן און דער זיידע אויך, און דער שליטן איז געפלויגן פייל פון בויגן, דורך שטורים און שניי, ביז ער האָט זיי געבראַכט צום אָרט, וואו דעם זיידנס הויז האָט געדאַרפט שטיין.

זוכט דער זיידע זיין הויז, זוכט און זוכט און קען עס ניט געפינען. דער שניי איז אָנגעגאַנגען אַזוי פיל, אַז ער האָט פאַרשאָטן דאָס הויז,

און אַפּילו דער שפּיץ קוימען האָט זיך ניט אַרויסגעזען. זאָגט דער זיידע צום יינגעלע:



— שאַ, דו האָסט דאָך אַ רינגעלע, גיב עס אַ בעט און זאָל עס אונז ווייזן דאָס הויז.

מאַכט דאָס יינגעלע צום רינגעלע:

„רינגעלע,רינגעלע, דיין וווּנדער איז גרויס,
דעם זיידנס הויז פון שניי שאַר אַרויס!"

און דאָס רינגעלע האָט אַזוי געטאָן, און באַלד האָט זיך פון שניי באַוויזן דעם זיידנס הויז, און דער זיידע מיטן אייניקל זיינען אַהין אַריין און זיי האָבן דאָרטן געהוליעט ביזן גרויסן טאָג אַריין.

דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקע.

—זיידע, ווייז דיין טאַבאַק־פּושקע,
איך וויל אויך אַ שמעק.
—גיי, דו ביסט אַ שטיפער!—
זאָגט ער,
און ער גייט אַוועק.

טראַכט איך, אַז דער זיידע ט'שלאָפן,
קיינער וועט ניט זיין,
וועל איך אויף די שפּיצן פינגער
אין זיין שטוב אַריין,
אויסזוכן די פּושקע טאַבאַק

און זיין לאַנגן ראָק,
אָנמעסטן די גרויסע ברילן,
אומגיין מיט זיין שטאָק.
טאַבאַק וועל איך קענען שמעקן,
וויפיל נאָר איך וויל,
וועל איך אויסזען ווי אַ זיידע—
אוי, אַ שיינע שפּיל!
שאַ, דער זיידע מוז שוין שלאָפן—
בין איך באַלד ביים טיר;
שפּאַן אַריין צו אים אין קאַמער,
ס'הערט זיך ניט קיין ריר.
כאַפּ איך זיידנס ראָק פון בעטל.
זוך די טאַבאַק אויס,
נעם דעם שטעקן און די ברילן
און איך גיי אַרויס...
שטעל איך זיך אַנטקעגן שפּיגל
אין דעם זיידנס ראָק,
מיט די ברילן אויף די אויגן,
אין מיין האַנט דעם שטאָק.
וויל איך עפענען די פּושקע,
קאָן איך ניט—ס'איז שווער;
רייס איך זי מיט אַלע כּוחות,
דריי זי הין און הער.
ביז עס רייסט זיך אויף דאָס דעקל
מיט אַ גרויסן קנאַל.
פליט אין נאָז און אין די אויגן
טאַבאַק ביטער גאַל..
האַפּטשי! האַפּטשי! זיידע! זיידע!
גיכער קום אַהער!
האַפּטשי! אוי, די אויגן, זיידע!
כ'וועל ניט טאָן דאָס מער!
קומט דער זיידע שנעל צו לויפן...
„האַפּטשי! וואָס איז דאָס?"
—אוי, מיר ביטער אין די אויגן,
ביטער דאָ אין נאָז!
„זעסט—זאָגט ער—וועסט נאַשן
טאַבאַק,
אַז דער זיידע שלאָפט?"
כ'ווייס—איך בין געווען אַשלעכטער,
האָט מיר גאָט געשטראָפט.

חַ נ ו כָּ ה.

פאַר יידישע ייִנגלאַך, וועלכע זיצן נעבאַך פאַרשפּאַרט אין חֵדֶר ווי די הינער אין שטייג, פון אינדערפרי ביז ניין אַ זייגער אויף דער נאַכט, איז נישטאָ קיין שענערע צייט, ווי די אַכט טעג פון חַנוּכָּה. אַ קליינינקייט חַנוּכָּה! פון לערנען איז מען פריי; חַנוּכָּה-געלט נעמט מען

ביי טאַטע און מאַמע, פעטערס און מומעס, זיידעס און באָבעס; אין דריידל שפּילט מען, מסחרים מאַכט מען, און אַז גאָט העלפט, שפּאַלט מען נאָך קאַרטאָפלעס אויף צווייען און מע מייסטרעוועט פון זיי חנוכה־לעמפּלאַך פונם טאַטנס וועגן,—הכּלל, מע לעבט!

איך געדענק די אַכטע ליכטל ביי אונז אין שטוב.

די אַכט חנוכה־ליכטלאַך, וואָס האָבן געברענט אויף אַ פענסטער לעבן דער טיר, האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי די בעכערס פון דער גאָלדענער מנורה אין בית־המקדש; די קנויטלאַך האָבן געשיינט און געפינקלט, ווי אַכט לויטערע שטערנדלאַך. אין שטוב איז ליכטיק און וואַרים. די מאַמע פּרעגלט שמאַלץ; דער ריח פון גריוון און ציבעלעס פאַרגייט אין דער נאָז און קיצלט. דער טאַטע זיצט מיט געסט אַרום טיש און מע רעדט. הכּלל, ס'איז געווען פריילאַך.



די שפּיל אין דריידל.

די שפּיל אין דריידל איז אַ הייסע, אַ מורעדיקע שפּיל; זי קאָן אייך ברענגען דערצו, איר זאָלט פאַרשפּילן די נשמה. און נישט אַזוי דאָס געלט, ווי דער פּאַרדראָס: למאַי געווינט יענער? למאַי געפּאַלט ביי יענעם דאָס דריידל אויף דעם גימל, און ביי אייך אויף דעם נון? וואָס באַטייטן די פיר אותיות פונם דריידל? נ׳—מאַכט „ניין", ה׳ מאַכט—„האַלב", ש׳ מאַכט—„שלעכט" און ג׳ מאַכט—„גוט". דאָס דריידל איז אַ מין לאָטעריי. וועמען די הצלחה שפּילט, דער געווינט. אָט נעמט, למשל, בעני מאיר פּאָלקאָוואָיס,—וויפיל מאָל ער זאָל ניט לאָזן דאָס דריידל, מוז דאָס פאַלן ביי אים אויף דעם גימל!

—ס'איז דיר אַן אַנטיק מיט דעם בעניןן,—זאָגן אַלע ייִנגלאַך און שטעלן אַלע מאָל פריש געלט.

—גימל! ווידער גימל! אַן אַנטיק מיט בענין!—שרייען אויס אַלע מיטאַמאָל, און מע נעמט זיך צו די בייטעלאַך און מע שטעלט פריש געלט. און בעני „ענטפערט" אַלעמען. ער לאָזט דאָס דריידל „קאָזערעם"

מיטן קעפּעלע אַרויף; דאָס דריידל דרייט זיך, קאַטשעט זיך אַהין און אַהער, ווי אַ שיכּור, און פאַלט אַנידער.—„גימל!“ זאָגט בעני.

—גימל! גימל! ווייטער גימל! חידושים מיט אים!—שרייט אויס חבֿרה. און קראַצן זיך און נעמען זיך ווידער צו די בייטעלאַך.



זון-פייגעלאַך.

נעם איך מיר אַ שפּיגעלע,
שטעל מיך קעגן זון;
שפּיגלען זיך זון-פייגעלאַך
אויפן וואַנט דערפון.

פּרווון זיי די קינדערלאַך
כאַפּן מיט דער האַנט;
ווענד איך אָפּ דאָס שפּיגעלע,
בלייבט זיי קאַלט די וואַנט.

חיים דער פאָן-טרעגער.

אין שול איז דאָ אַ גרויסע פאָן. די פאָן איז אַ רויטע, אַ זיידענע מיט זילבערנע שטערנדלאַך. דאָס איז די פאָן פון דער שול, אַן אייגענע פאָן. עס איז די שענסטע פאָן פון אַלע פאָנעס. חנוכּה איז דער בעסטער יום-טובֿ אין שול. דאָס ווייסן אַלע. דאַרף מען אָפּריידן, ווער זאָל טראָגן די גרויסע פאָן פון שול, ווען מע וועט מאַרשירן בשעתן יום-טובֿ אין זאַל.

האָבן אַלע קינדער געמיינט, אַז די פאָן דאַרפן 'געוויס טראָגן די קינדער פון זעקסטן קלאַס—זיי זיינען דאָך די גרעסטע. די פאָן איז אַ גרויסע, אַ ברייטע; אַז מע טראָגט זי הויך און גלייך, פלאַטערט זי מיט אירע זילבערנע שטערנדלאַך. אַ גרויסער יינגל דאַרף טראָגן די גרויסע פאָן.

די פאַרזאַמלונג פון אַלע קינדער פון אַלע קלאַסן דאַרף דאָס באַשליסן. האָט געבעטן חיים פון צווייטן קלאַס ביי לייבלען, וואָס האָט געהאַלטן דעם גלעקל אין האַנט, אַז ער זאָל אים לאָזן עפּעס זאָגן.

— איך זאָג,—האָט חײמקע זיך אָפּגערופֿן הויך און מיט אַ מאָדנעם קול—אַז די פֿאָן דאַרף מען געבן טראָגן דווקא אַ קלענערן חבֿר, פֿון ערשטן קלאַס!...

— ניין! ניין!—האָבן אַפּילו קינדער געשריען.

לאָזט אים ריידן!—האָט לייבל געקלונגען.

עס איז שטיל געוואָרן.

— איך זאָג, אַז נאָר אַ קלענערער!...—האָט חיים פֿון צווייטן קלאַס געענדיקט — אַ קלענערער וועט נאָך אַ סך גיין אין שול און אַ גרעסערער ענדיקט שוין!...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. עס איז זיי געפֿעלן געוואָרן. חיים האָט זיך פֿאַררויטלט, זיינע שוואַרצע הערלאַך זיינען געלעגן אָפּגעבויגן אויף זיין שטערן און די אויגן האָבן געגלאַנצט און די פֿינגער האָבן געשפּילעט די קנעפּלאַך.

—זאָל מען אים גאָר אויסקלייבן!...—האָט אַ געשריי געטאָן וועלוול.

— ווער איז פֿאַר דעם, אַז חיים זאָל טראָגן אויפֿן חנוכּה יום־טובֿ די פֿאָן?—האָט געפֿרעגט לייבל.

כּמעט אַלע הענט האָבן זיך אויפֿגעהויבן—זאָל חיים טראָגן די פֿאָן.

חיים האָט זיך אויף דעם גאָרנישט געריכט. ער איז פֿון דעם אַליין נאָך רויטער געוואָרן און האָט אַראָפּגעלאָזן נידעריק זיינע קיילאַכדיקע גרויסע אויגן, ווי עס הענגען אַראָפּגעלאָזן זיינע צוויי קאַרשן, וואָס ער האָט אַנוסטן אויסגעמאָלט. ער וועט טראָגן אויפֿן יום־טובֿ די פֿאָן!

*

אויף מאָרגן איז חיים געווען פֿון די ערשטע קינדער אין שול. ער איז געווען אָנגעטאָן אין זיין שבתדיקן רעקל מיט די לאַצעלאַך. זיינע שיך האָבן געגלאַנצט. ער האָט זיך אַליין פֿאַרקאַמט די האָר אין שפּיגל.

עס איז אַזוי גוט אַ יום־טובֿ!... אַלע קינדער זעען גאָר אַנדערש אויס.

אין די קלאַסן איז רוישיק. מע רעדט פֿריילאַך און מע לאַכט. עס זיינען דאָ די מאַמעס, די שוועסטער און די טאַטעס אויך. אַזוי פֿיל נייע מענטשן.

פֿון אַלע צימערן הערן זיך געזאַנגען, געריידעריייען. די מאַמעס ריידן אין די קאָרידאָרן. די לערערין נחמה האָט זיך אָנגעטאָן אין אַזאַ שיינע גרויע קלייד. דער לערער ברוך גייט ניי אָנגעטאָן. מע הערט שוין פֿון זאַל ווי די פּיאַנע שפּילט. די עלטערע קינדער זיינען שוין דאָרטן. עס הערט זיך ווי דער כאָר זינגט. באַלד הייבט זיך אָן

דער צוג פון אַלע קינדער—דער יום־טובדיקער צוג אין ליכטיקן בלאַנקענדיקן זאַל...

אַלע זיינען גרייט. אַ פּאָר הונדערט קינדער, אפשר טויזנט. אַזאַ סך. מע מאַרשירט אין זאַל אַריין

און חיים, חיים?—חיים איז פאַרטראַגן. חיים איז אַ רויטינקער און אַ גלאַנצנדיקער און ער טראָגט פאָרויס די גרויסע ייִדענע פאָן מיט די זילבערנע שטערנדלאַך. ער הייבט די פאָן אינדערהייך. די פאָן וועט אינדערהייך פלאַטערן...

עפּנט ברייטער אַלע טירן,
ס'איז אונזער יום־טוב, אונז איז גוט!...

צעזינגט זיך הויך און הילכיק די גאַנצע מחיה קינדער און לאָזט זיך אין וועג אַריין, אין גרויסן זאַל אַריין, וואו עס ברענען אַ סך לאָמפּן, וואו עס זיינען אַזוי פיל מענטשן ביי די זייטן. און אויף דעם רעכטן מיטן מאַרשירט מען, און די קינדער זינגען אַזוי פריילאַך און געשמאַק און—אַ מחיה.

לייכט די פיסלאַך, אָט זיי שוועבן,
אַ גוט יום־טוב קלינגען זאָל!...

פאָרויס גייט חיים מיט דער פאָן, דער קליינער חיים פון צווייטן קלאַס, דער שוואַרצינקער. די הענט אין דער הויך צוזאַמען מיט דער פאָן, דער קערפּער גלייך, די אויגן רייסן זיך הויך צו דער פאָן, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פלאַטערן... און דאָ האָט מיט חיימען עפּעס געטראָפן. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן. אַלע קינדער האָבן זיך שוין אָפּגע־שטעלט, אויפגעהערט צו זינגען און זיינען שטיל געוואָרן. די פּיאַנע האָט נאָר ווייטער אַליין געשפּילט. חיים האָט גאָרניט באַמערקט, אַז די קינדער שטייען שוין, און ער איז אַליין ווייטער געגאַנגען איבערן זאַל, אַליין מיט דער פאָן. די פאָן האָט אינדערהויך געפלאַטערט: די שטערנדלאַך האָבן געבליאַסקעט. אויפן מיטן זאַל איז פוסט געווען און די פּיאַנע האָט געשפּילט און חיים איז געגאַנגען אַליין מיט דער פאָן, געגאַנגען, געגאַנגען, ווי אַמאָל בשעת מע שלאָפט און עס חלומט זיך, אַז מע פליט אַליין אַרויף, אַרויף.

עפּנט ברייטער אַלע טירן,
אַ גוט יום־טוב, אונז איז גוט!...

האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „חיים פאָן־טרעגער".

יהודית די מַלכּה.

די שענסטע שפּיל פון דעם חַנוכּה־יום־טוב איז די געשיכטע מיט דער שניי־מַלכּה. אַ ייִנגעלע פאַרבלאָנדזשעט זיך, און די שניי־קינדער מיט די ווייסע מיצעלאַך פאַרפירן אים אין פּאַלאַץ פון אייז, וואו עס וואוינט די שניי־מַלכּה...

די שניי־מַלכּה איז יהודית. צוליב דריי זאַכן האָט מען געמאַכט יהודיתן פאַר דער מַלכּה: ערשטנס, איז זי זייער אַ שיינע, צווייטנס, קען זי גוט זינגען, דריטנס—אַז זי טאַנצט, דרכט זיך, אַז עס ציט זיך עפּעס, ציט זיך עפּעס פון דער ערד ביז הויך, הויך און העכער.

און יהודיתעס מאַמע איז אַליין געקומען העלפן אָנטאָן די מַלכּה. איר קלייד איז געווען אינגאַנצן אַ ווייסע, אירע טופּלקעס זייִנען געווען ווייסע מיט בלישטשעדיקע שטיינדלאַך און קנעפּלאַך. אויף די אַקסלען איז געווען ביי איר אַרויפגעוואָרפן אַ לייכטע, ווייסע זיידענע און בלישטשעדיקע טוך, אַזוי ווי אַ גרינער וואָלקנדל אויפן הימל. אַ שטעקעלע האָט זי געהאַט אין האַנט, אַזוי ווי פון אמתן אייז געמאַכט. אויפן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ קרוין פון אַן אמתער מַלכּה...

ווען יהודיתעס טאַטע וואָלט זיין דאָ, וואָלט ער געוויס אויך געקומען, נאָר איר טאַטע איז אין אַמעריקע און פון אַמעריקע קען מען ניט אַזוי גיך קומען.

דער גאַנצער זאַל איז פול געווען, געפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ. אין זאַל האָט מען אויסגעלאָשן די פייער, עס האָט נאָר געשפּילט די מוזיק און עס האָט זיך געהערט אַ ווייטער, לייכטער געזאַנג פון די שנייעלאַך:

אין אַ קרענצל
אַלע אַ טענצל,
אָט אַזוי
טאַנצט דער שניי!

פּלוצלונג האָט זיך געעפנט דער פּאָרהאַנג, וואָס האָט פאַרשטעלט די סצענע. עס איז געווען אַזוי ווי בשעת אַ בליץ עס טוט זיך אַן עפן דער הימל. עס האָט אַ בלאַסק געטאָן די ליכטיקייט און ווייסקייט—דער פּאַלאַץ פון דער שניי־מַלכּה... הויכע ווייסע זיילן, ברייטע ווייסע טרעפּ, קליינע באַלקאָנדעלאַך, פון אויבן שיט און שיט אַ ווייסער געדיכטער שניי. אַ גאַנצער ים מיט שניי־קינדער, ייִנגעלאַך און מיידעלאַך,

ווייסינקע, מיט ווייסע מאַנטעלאַך, ווייסע פּאָלערינקעלאַך, מיט ווייסע קאַנטיקע היטעלאַך אויף די קעפּ. און עס איז שטיל, גאָר שטיל. אַזוי ווי בשַׁבָּת טייבעלאַך פליען, און קוים די ערד אָנרירנדיק טאַנצן די שנייעלאַך.

טאַנצן, טאַנצן שנייעלאַך,
ווי די ווייסע בלימעלאַך...

און דאָ קומט אין פּאַלאַץ די מַלכּה. טרומייטערן שאַלן. אַ נייער כאָר זינגט. פונדערווייטן הערט זיך דער קלינגענדיקער הויכער קול פון דער מַלכּה.

זי איז אַריינגעקומען אין זאַל און אַוועק אין אַ טאַנץ מיט די שנייעלאַך.

און די מַלכּה טאַנצט אין מיט,
דער ווייסער שניי, ער שיט און שיט...

דאָס איז דאָס געווען אַ טאַנץ פון דער מַלכּה! אַזוי ווי אַמאָל אויפן הימל ביינאַכט עס גיסט זיך, גיסט זיך דער מילך־וועג. ציט זיך די מַלכּה ווייט אין ווינקל אַוועק און באַלד צוריק, ציט זי זיך עפּעס הויך, העכער און לאָזט זיך צו די שנייעלאַך אַראָפּ. רויטלט זיך, בליט איר פּנים, גלאַנצן אירע אויגן, שמייכלט זי צו די שניי־קינדערלאַך און גייט פריילאַך מיט זיי אַוועק אין אַ טענצל.

און אַז עס האָט זיך געענדיקט דער ערשטער טאַנץ, האָבן זיך אָנגעהויבן אין פּאַלאַץ די געזאַנגען, און נאָך די געזאַנגען ווידער די טענץ. פאַר דעם פאַרבלאָנדזשעטן יינגעלע האָט מען געשפּאַנט אין שליטן צוויי ווייסע פערדלאַך, ווי די הירשן, און ס׳איז אַוועק אַ גאַלאָפּ.

גיכער, שנעלער,
די נאַכט ווערט העלער,
פייל פון בויגן,
גיך געפלויגן...

און ס׳איז אַראָפּגעפאַלן דער פאָרהאַנג. אין זאַל איז געוואָרן צוריק ליכטיק.

— אָי!... האָבן זיך די קינדער אָפּגערופן, ווי זיי וואָלטן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

אָבער, וואָס איז געווען מיט דער מַלכּה?
זי איז דאָ יהודית, יהודית גאָדעס

נאָכן שפּיל איז זי געוואָרן אַזוי אומעטיק. פּאַמעלאַך האָט זי אויסגעטאָן אירע ווייסע קליידער, אַראָפּגענומען פון איר קאָפּ די קרוין און איז געבליבן אין אירע אייגענע זאַכן. די לערערין נחמה איז צוגעגאַנגען צו איר און זי געקושט און געפרעגט פאַרוואָס איז זי אַזוי אומעטיק. זאָל זי אַראָפּגיין אין עס-צימער, מע וועט איצטער מאַכן אַ סעודה פאַר אַלע קינדער.

עטלאַכע קינדער האָבן זיך אַרום איר אַרומגעקליבן, חברטעס און קינדער פון אַנדערע קלאַסן. יאָ, געוויס איז זי דאָס געווען די מלכּה. באַשר איצטער גייט זי שוין אין אירע אייגענע זאַכן.

— ס'איז דאָך געווען אַזוי שיין!... וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק? האָט איר געפרעגט שיינע.

זי האָט ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן, נאָר וואָוקע האָט שוין גערעדט פאַר איר:

— זי וויל זיין ווייטער אַ מלכּה...

אויף מאָרגן האָבן זיך די קינדער דערוווסט, אַז ביינאַכט ביי זיך אין שטוב, האָט זי זיך אַליין אָנגעטאָן אין די ווייסע קליידער פון דער מלכּה, וואָס די לערערין נחמה האָט איר אוועקגעגעבן אַ מתּנה, און נאָר פאַר דער מאַמען אַליין האָט זי נאָכאַמאָל געטאַנצט.

און די מלכּה טאַנצט אין מיט,
דער ווייסער שניי—ער שיט און שיט...

האָבן די קינדער איר אַ נאָמען געגעבן: יהודית די מלכּה.

ווינט און שנייעלאַך.

אויף די פליגלען פונם ווינט
פאָרן שנייעלאַך אַ סך,
און זיי איילן זיך געשווינט,
ביז זיי קומען צו אַ דאַך.

דאָרטן זעצן זיי זיך צו,
וואַרטן אויף אַן אַנדער ווינט,
נאָכדעם הייבן זיי זיך אויף,
טראָגן ווייטער זיך געשווינט.

דאָס מיידעלע מיט די שוועבעלאך.

ס'האָט אַ פראָסט געגומען, ס'איז אַ שניי געגאַנגען. אויף דער גאַס איז אַלץ פינסטערער און פינסטערער געוואָרן. דאָס איז פונקט ערבֿ ניי־יאָר געווען. אין אָט דער קעלט און פינסטערניש האָט אַן אָרים מיידעלע מיט ניט קיין פאַרדעקטן קאָפּ און אַ באָרוויסע איבער די גאַסן זיך געשלעפּט. אמת, זי איז פון דערהיים אין פאַנטאָפל אַרויס־געגאַנגען, אָבער אויף וואָס האָבן זיי געטויגט? גרויסע, אומגעהייער־גרויסע! און זיי זיינען ביים קינד פון די פיס אַראָפּגעפלויגן, ווען זי איז דורך דער גאַס דורכגעלאָפן.

און דאָס מיידעלע האָט זיך ווייטער אַ באָרוויסע געשלעפּט. די פיסלאַך אירע זיינען פון קעלט רויט און בלוי געוואָרן. אין אַלטן פאַרטאַכל אין אירן זיינען עטלאַכע פעקלאַך שוועבעלאַך געלעגן, איין פעקעלע האָט זי אין דער האַנט געהאַלטן. פאַרן גאַנצן טאָג האָט ביי איר קיינער אפילו קיין איין שוועבעלע ניט געקויפט. זי האָט אפילו קיין גראָשן ניט געלייזט. אַ הונגעריקע, אַ דערפרוירענע איז זי אַלץ ווייטער און ווייטער געגאַנגען... אַ רחמנות געווען צו קוקן אויף דער אָרימינקער! די שניי־פּלאַכעס זיינען אויף אירע געקרייזלטע פלאַקס־קאָלירענע, זעלטן־שיינע האָר געפאַלן, אָבער זי האָט אפילו ניט געטראַכט וועגן דער שיינקייט אירער. אין אַלע פענסטער האָבן פייער־לאַך געלויכטן, אויף די גאַסן האָט מיט געבראָטענע גענז געשמעקט: היינט איז דאָך ערבֿ ניי־יאָר געווען — אָט וועגן וואָס זי האָט געטראַכט.

לסוף האָט זי זיך אין אַ ווינקעלע פון איינעם אַ הויז אַ וועקגע־זעצט, האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און אונטער זיך די פיסלאַך אַרונטער־גענומען, כדי זיך כאָטש אַביסל אָנצוּוואַרימען. אָבער ניין, ס'איז נאָך אַלץ קעלטער געוואָרן. און אַהיים זיך אומקערן האָט זי זיך ניט דערוועגט. זי האָט דאָך קיין איין שוועבעלע ניט פאַרקויפט, און קיין איין גראָשן ניט געלייזט. דער טאַטע וועט זי שלאָגן! און אויך אינ־דערהיים ביי זיי איז ניט וואַרימער! נאָר דער דאַך אויבן קאָפּ. אָבער דער ווינט שפּאַצירט זיך איבער דער גאַנצער וואוינונג אַרום, ניט געקוקט דערויף, וואָס אַלע שפּאַלטן און לעכער זיינען דורכויס מיט שטרוי און מיט שמאַטעס פאַרשטעקט. אירע הענטלאַך זיינען פון קעלט ווי פאַרקאָוועט געוואָרן. אך! איין פיצעלע שוועבעלע נאָר וואָלט זי געקענט דערוואַרימען! ווען זי זאָל נאָר זיך דערוועגן קאָנען פון פע־קעלע כאָטש איינס נעמען, מיט דעם איבער דער וואַנט אַ רייב טאָן און

די פינגערלאַך אָנוואַרימען!... לסוף, האָט זי איינס אַרויסגעשלעפּט.
טשריק! ס'האָט צו זידן אָנגעהויבן און זיך אָנגעצונדן. דער פלאַם איז
געווען אַזאַ וואַרימער, העלער. און ווען דאָס מיידעלע האָט אים פאַרן
ווינט מיטן הענטעלע פאַרשטעלט, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַ ליכט
ברענט פאַר איר. אַ מאָדנע איז געווען יענע ליכט: דעם מיידעלע האָט
זיך געדאַכט, ווי זי וואָלט פאַר אַ גרויס, אייזערן אייוועלע מיט קופּערנע
בלישטשענדיקע פיסלאַך און טירלאַך געזעסן. ווי וואַויל ס'האָט אין
אייוועלע דאָס פייער געפלאַמט, ווי וואַרים ס'איז דעם קינד געוואָרן!
זי האָט געוואָלט אויך די פיסלאַך שוין אויסציען, אָבער... דאָס פייער
האָט זיך אויסגעלאָשן. דער אויוון איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, און אין די
הענט פונם מיידעלע איז נאָר אַן אָפּגעברענט שוועבל־שטיקל געבליבן.

*

און אָט האָט זי דאָס צווייטע אָנגעריבן: דאָס שוועבעלע האָט זיך
אָנגעצונדן, דער פלאַם איז גלייך אויף דער וואַנט געפאַלן. און די
וואַנט איז פלוצלים אַ דורכזיכטיקע, פונקט ווי אַ מוסעלינענע געוואָרן.
דאָס מיידעלע האָט דעם גאַנצן צימער דערזען, אַ טיש מיט אַ שניי־
ווייסן טישטאַך אַ פאַרדעקטן און מיט טייערן פאַרצעליי אויסגעשטעלטן.
און אויפן טיש—אַ גאַנז אַ געבראָטענע מיט שוואַרצע פלוימען און מיט
עפּל אָנגעפּילט. וואָס פאַר אַ טייערער ריח ס'האָט זיך פון איר געטראָגן!
בעסער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס די גאַנז איז פלוצלים פונם
טיש אַראָפּגעשפּרונגען און ווי זי איז פאַרגרייט געווען, מיט גאָפּל און
מעסער אין רוקן, אַזוי איז זי אונטערשפּרינגענדיק, גלייך צום מיידעלע
צוגעלאָפן. דאָ האָט זיך דאָס שוועבעלע אויסגעלאָשן, און פאַרן מיידעלע
איז ווידער אַ גראָבע און קאַלטע וואַנט נאָר געשטאַנען.

דאָס מיידעלע האָט אָן דער וואַנט אַ נײַ שוועבעלע אָנגעריבן:
אַ העל ליכט האָט די ווייטקייט פאַרלויכטן און פאַרן קינד איז אינגאַנצן
מיט שיין באַשיינט, אַ העלע און אַ בלישטשענדיקע, איר ליבע באָבע געשטאַנען.

—באָבעלע!—האָט דאָס מיידעלע אויסגעשריען:—נעם מיך מיט
מיט דיר! איך ווייס, אַז דו וועסט נישט בלייבן: ווי נאָר דאָס שוועבעלע
וועט פאַרלאָשן ווערן, וועסטו נישט בלייבן, ווי דער אויוון דער
וואַרימער, ווי די ווונדערלאַכע גאַנז די געבראָטענע!

און זי האָט אויף גיך מיטן גאַנצן איבעריקן ביסל שוועבעלאַך,
וואָס זיינען ביי איר אין די הענט געווען, אַ רייב געטאָן—אַזוי האָט
זיך איר געוואָלט די באָבע פאַרהאַלטן. און די שוועבעלאַך האָבן

אַ פּלאַקער געטאָן מיט אַזאַ העלן פלאַקער, אַז ס'איז ליכטיקער ווי בײַ טאָג געוואָרן. קיינמאָל האָט די באָבע אַזוי שיין נישט אויסגעזען! זי האָט דאָס מיידעלע אויף די הענט גענומען, און זיי זײַנען אין שיין און אין בלענדיקייט אַוועקגעפלויגן, הויך־הויך, אַהין וווּ ס'איז נישט קיין קעלט, נישט קיין הונגער, און נישט קיין מורא נישטאָ.

* * *

— אין אַ קאַלטער פרימאָרגן־שעה איז בײַ דעם הויז־ווינקל, ווי פריער, מיט ראָזע בעקעלאַך און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, דאָס מיידעלע געזעסן, אָבער אַ טויטע. זי איז אין לעצטן אויפדערנאַכט פון אַלט־יאָר פאַרפראָרן געוואָרן. די זון פון ניי־יאָר האָט איר קליין טויט קערפּערל באַלויכטן. דאָס מיידעלע איז מיט די שוועבעלאַך געזעסן. איין פּעקעלע איז כּמעט אינגאַנצן אויסגעברענט געוואָרן.

— האָט זיך געבאַך אָנוואַרימען געוואָלט, די אומגליקלאַכע! — האָבן מענטשן געזאָגט.

קיינער האָט אָבער נישט געוווּסט, וואָס זי האָט געזען און אין וואָס פאַר אַ העל בלענדיקייט זי האָט זיך, אינאיינעם מיט איר באָבען, אויפן הימל אַרויפגעהויבן.

דער נאַכט־וועכטער.

שפּעט. די נאַכט איז קאַלט און
פינסטער,
נעפּלדיק און נאַס;
אין די הייזער רוען אַלע.
טויט און שטום אין גאַס.

עלנט שלעפּט זיך נאָר דער
וועכטער
אויף דער גאַס אַרום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער
טרויעריק און שטום.

דאָרט אין ווייכן וואַרים בעטל
שלאָפט זיך אַזוי גוט;
אוי, ווי וואָלטן זײַנע ביינער
דאָרט זיך אויסגערוט!

צוויי פרעסט.

א.

שפאַצירן זיך איבערן פרייען פעלד צוויי פרעסט, צוויי לייבלאַכע ברידער, קלאַפּן אַ פוס אָן אַ פוס, רייבן אַ האַנט אָן אַ האַנט.

רופט זיך אָפּ איין פראָסט צום אַנדערן:

— ברודער פראָסט, רויטער־נאָז, לאָמיר זיך אַביסל פריילאַך מאַכן, גוט דורכפרירן די מענטשן!

ענטפערט דער צווייטער:

— ברודער פראָסט, בלויער־נאָז, אויב מיר ווילן די מענטשן דורכפרירן, דאַרפן מיר פריער פון פעלד אַרויס. דאָ זיינען אַלע שטעגן פאַרווייט, אַלע וועגן פאַרשנייט, מע קען ניט דורכגיין, ניט דורכפאָרן. לאָמיר בעסער אַ לאָף טאָן אין געדיכטן וואַלד אַריין. דאָרטן איז אפילו ניט אַזוי פריי, אָבער מיר וועלן געוויס עמיצן אָנטרעפן אויפן וועג. דאָרט וועלן מיר האָבן מער פאַרגעניגן ווי דאָ

נערעדט און געטאָן.

און ס'האָבן זיך אַוועקגעלאָזט ביידע פרעסט, ביידע לייבלאַכע ברידער, אין געדיכטן וואַלד אַריין. זיי לויפן, כאַפּן אויפן וועג אַ שטיף, אַ שפּרונג פון איין פוס אויף דער צווייטער, טוען אַ שנעל איבער די סאָסנעס און יאָדלעס.

דער אַלטער יאָדלע־וואַלד קנאַקט, דער סאָסנע־וואַלד סקריפּעט.

לויפן זיי אדורך איבערן ווייסן שניי—שפּרייט זיך אויף אים אַן אייז־קאָרע אויס; קוקט ערגעץ פון אונטערן שניי אַ גרעזעלע אַרויס— גיבן זיי אַ בלאָז אַזוי, אַז ס'ווערט באַלד מיט פּאַטשערקעס באַצויגן.

פּלוצלונג דערהערן זיי פון איין זייט—אַ גלאָק, פון דער אַנדערער— אַ גלעקעלע; מיטן גלאָק פאָרט אַ פּריץ, מיטן גלעקעלע—אַ פּויער

האָבן די פרעסט גענומען זיך אַן עֵצָה האַלטן און זיך מְיַשֵב זיין, ווער וועמען זאָל פרירן. דער פראָסט בלויער־נאָז, וואָס איז געווען דער יינגערער, זאָגט: „איך רעכן, אַז איך וועל זיך בעסער אַ יאָג טאָן נאָכן פּויער, אים וועל איך גיכער דורכנעמען: זיין פּעלצל איז אַן אַלטער, אַ פאַרלאַטעטער, דאָס היטל—דורך און דורך אין לעכער; די לאַפּצעס אויף די פיס—אַלטע און צעריסענע. דו, ברודערל, ביסט דאָך שטאַרקער פון מיר, לויף דו נאָכן פּריץ. זעסט, סאַר אַ טייערן בערנ־פעלץ ער טראָגט; זיין הוט איז אַ פיקסענע, די שטיוול—פון וואָלפנפעל,

ניט פאַר מײַנע כּוחות איז אים בײַצוקומען!" דער פראָסט רויטער-נאָז ענטפערט גאָרניט. ער שמייכלט נאָר אין בערדל אַרײַן

— אײַ, ברודערל, דו ביסט נאָך יונג! — זאָגט ער, — נאָר זאָל זײַן, ווי דו ווילסט: לויף דו נאָכן פויער און איך וועל זיך אַ יאָג טאָן נאָכן פּריץ. פאַרנאַכט וועלן מיר זיך ווידער טרעפן. דאַן וועלן מיר זיך שוין דערציילן, וועמען איז די אַרבעט שווערער צוגעגאַנגען: דערווײַלע זײַ געזונט.

— זײַ געזונט, ברודער!

אַ פײַף, אַ קנאַק, און ביידע לויפן אַוועק.

ב.

אַז די זון איז פאַרגאַנגען, האָבן זיי זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן אין פרייען פעלד און גענומען נאָכפרעגן איינער בײַם אַנדערן:

— נו, וואָס הערט זיך, דו האָסט מסתּמא געהאַט גענוג מאַטערניש מיטן פּריץ — זאָגט דער ייִנגערער — און אַרויסגעקומען איז געוויס דערפון גאָרנישט און ס׳איז קיין ווונדער ניט, אַ שווערע שטיקל אַרבעט אים דורכצונעמען.

דער עלטערער שמייכלט זיך רואיק.

— עך, זאָגט ער, ברודער-פראָסט בלויער-נאָז, דו ביסט נאָך יונג און זאָלסט מיר מוחל זײַן, נאָך גאָר אַ גרויסער נאַר. איך האָב אים אַזוי מכבד געווען, אַז ער וועט זיך גיך ניט דערוואַרימען.

— וואָס הייסט? און זײַן פוטער, און דאָס היטל, און די שטיוול?

— ס׳האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. איך בין פאַרקראָכן צו אים אין היטל, אין פוטער, אין די שטיוול און האָב אים גענומען סמאַליען!... ער דרייט זיך, קאָרטשעט זיך, טוליעט זיך אין פוטער און טראַכט זיך: „איכ׳ל אָקאָרשט מיט קיין גליד ניט אַ ריר טאָן: דאַן אפשר וועט צו מיר דער פראָסט ניט צוקומען". אָבער ס׳הייבט זיך גאָר ניט אָן! אָט דאָס האָב איך טאַקע געמיינט. איך האָב זיך צו אים אַזוי אַ נעם געטאָן, אַז ער איז קוים אַרויס פון שליטן אַ לעבעדיקער... נו, און דו, וואָס האָסטו עפּעס אויפגעטאָן מיט דײַן פּויערל?

— אָך, ברודער-פראָסט רויטער נאָז! דו האָסט מיר גוט אָפּגעטאָן, איך האָב זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט, מיט וועמען איך וועל האָבן צו טאָן. איך האָב געמיינט, איך וועל אים, דעם פּויערל, פאַרפרירן אַז צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז ער האָט מיר אָנגעבראָכן די ביינער.

— ווי אַזוי קומט דאָס?

— אָט אַזוי: ער איז געפאָרן, ווי דו האָסט מסתּמא באַמערקט, נאָך האָלץ: אויפן וועג האָב איך אים געוועזט אָנגעהויבן דורכצונעמען

אָבער ער שרעקט זיך ניט אָפּ, פאַרקערט, ער זידלט זיך נאָך: „אַ, דו פּראָסט, אַזוינער און אַזוינער!"...

דאָס האָט מיר פאַרדראָסן. איך האָב אים גענומען נאָך מער קנייפּן און שטעכן. אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט מיין פאַרגעניגן. ער איז געקומען אויף אַן אָרט, איז אַרויסגעקראָכן פון שליטן און האָט זיך גענומען פאַר דער האַק. איך טראַכט זיך בשעת מעשה: „איצט איז די רעכטע צייט אים דורכצופירן!" בין איך פאַרקראָכן צו אים אונטערן פּעלצל און האָב אים אָנגעהויבן צו בייסן, אָבער ער, ס'זאָל אים דאָס אָרן אַ האַר! ער פאָכט מיט דער האַק אַזוי, אַז די שפּענדלאַך פליען אין אַלע זייטן. אַ שוויס האָט פון אים אַרויסגעשלאָגן! איך פיל—עס איז שלעכט, איך וועל ביי אים אונטערן פּעלצל ניט אויסהאַלטן; צום סוף האָט פון אים אַזש גענומען שלאָגן אַ פּאַרע. דאַן האָב איך געזען וואָס גיכער זיך אָפּצוטראָגן. שטיי איך און קלער, וואָס זאָל איך דאָ טאָן? און דער פויער אַרבעט און אַרבעט. ס'איז אים גאָר הייס געוואָרן. איך טו אַ קוק—ער וואַרפט גאָר מיטאַמאָל אַראָפּ פון זיך דאָס פּעלצל. דאָ האָב איך זיך דערפרייט: „וואַרט, וואַרט!—טראַכט איך זיך,—איך וועל דיר שוין ווייזן ווער איך בין!" דאָס פּעלצל איז אינגאַנצן נאַס. נו, בין איך אין אים אַריינגעקראָכן, פאַרקליבן זיך אין אַלע זיינע שפּעלטעלאַך און האָב אים אַזוי דורכגעפּראָרן, אַז ער איז געוואָרן ממש ווי אַ קאָרב.

—נו, פּרוּוו אָקאָרשט זיך איצטער אָנטאָן!...

דער פויער האָט געענדיקט די אַרבעט און גענומען גיין צו זיין פּעלצל. מיין האַרץ צאַפּלט זיך פאַר שמחה; איצט וועל איך דאָס אַביסל קלייבן נחת!

דער פויער דערזעט דאָס פּעלצל, און הייבט דאָס מיר אָן צו זידלען!„—זידל זיך, זידל זיך, קלער איך, אָבער פּטור ווערן פון מיר וועסטו פאָרט ניט!" טרעף אָבער, וואָס ער האָט גע טאָן?

ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ לאַנגן סעקעקוואַטן שטעקן און אָנגע-הויבן קלאַפּן דאָס פּעלצל מיט גאַנץ כוח. קלאַפּט און הערט ניט אויף מיך צו זידלען. איך וויל שוין וואָס גיכער אַנטלויפן, האָב איך מיך אָבער אַזוי פאַרפלאָנטערט אינם וואָל פונם פּעלצל, אַז איך קאָן פון דאָרטן ניט אַרויסקריכן. און ער האַקט כסדר. קוים מיטן לעבן בין איך אַרויס פון זיינע הענט. איך האָב געמיינט, ס'איז שוין אַ סוף צו מיינע יאָרן. מיינע ביינער טוען מיר נאָך איצטער וויי...

זיידעשי פראָסט.

אין אַ וואַטע-שפּענצערל,
אין אַ וואַרעם קאַפּטער,
גייט אַרום אַ טענצערל
מיט די פּיסלאַך קלאַפּטער.

קלאַפּט ער אויס מיט פּיסלאַך
ניגעלאַך פון פריידן,
פירט ער ווינטער, פירט ער קעלט—
פירט ער אום זיין זיידן.

און דער ווייסער, זיידע פראָסט
בלאָזט אין זיין טרומייטער.
הינקענדיק אויף ביידע פיס,
היפּערט ער און גייט ער.

גייט ער איבער וואַלד און פעלד,
איבער גראָז און גרעזער.
שפּרייזט דאָס אייניקל מיט אים —
רויטלט אַלע געזער.

און דער בייזער זקן פראָסט
איז דערצו אַ גלעזער —
איז דערצו אַ נאַשער אויך:
מאַכט פון שניי'ן קעזער.

גייען ביידע, ביידע אום:
אייניקל און זיידע,
ריידן ביידע שטילערהייט,
שמועסן זיך ביידע.

עפּעס מאָדנע שטילע רייד,
ציטערדיקע ווערטער —
ווער עס האָט נאָר אויערן —
זייער שמועס הערט ער.

פראָסט, למשל, גיט אַ פּאָך
מיט אַ ווייסן פליגל —
ווערט אין געסעלאַך אַ גליטש,
גלאַטער פון אַ שפּיגל.

אַלץ באַציט זיך מיט אַ גלאָז —
גלאַנציק אויסגעבעטן —
ניט צו שטעלן מיט אַ פוס,
מיט אַ פוס צו טרעטן.

גייען מענטשעלאַך אין גאַס,
וואַנדלען אום און האַנדלען —
קויפן און פאַרקויפן זיך
ראָזינקעס מיט מאַנדלען.

אַז מע האַנדלט איילט מען זיך:
האָט עס פיינט דער זיידע —
שטעלט ער אונטער זיינע פיס
הינקענדיקע ביידע:

פאַלן מענטשעלאַך אויף גליטש,
קוילערן זיך איבער —
לאַכט דעריבער אַלטער פראָסט,
פרייט ער זיך דעריבער.

און פון שפּיל, ווען אָנגעזעט,
אָנגעלאַכט צופרידן —
טראָגט ער כּיבוד פאַר דער וועלט
גאַנצע פּיראַמידן:

צוקערלאַך פון ווייסן גלאָז,
פאַרפעלאַך פון כּרעסטל,
לעקשעלאַך פון שנייעלאַך,
מעסטל נאָך אַ מעסטל,

ווייסע קרעפּלאַך שפּיציקע
מיטן פולן שיסל,
און פאַר יעדן ייִנגעלע
ניסעלאַך אַביסל.

גייען זיי טאָג-איין, טאָג-אויס,
אייניקל מיט זיידע,
ביידע וואַרעם אָנגעפּעלצט
און גערויטלט ביידע.

זיידע גייט מיושבֿדיק,
בלאָזט אין זיין טרומייטער,
און אַ פריילעכקייט אין קעלט
זייט ער און פאַרשפּרייט ער.

נאָר ביינאַכט, ווען ס'דרעמלט שוין
זיידעשי אַ מידער,
אויסגעצויגן אין דער לענג,
אין דער ברייט די גלידער,

און לבֿנה, שטערנדלאַך
הויבן אָן צו קומען —
גנבֿעט זיך דאָס טענצערל:
מאָלן וויל ער בלומען.

גנבֿעט ער זיך שטיל אַרויס —
שטיל זיך אויפגעהויבן,
לויפט ער צו די פענסטערלאַך
צו באַמאָלן שויבן,

טענצלט ער ביי פענסטערלאַך
פון דער ערד דערהויבן.
מאָלט ער ווייסע צווייגעלאַך,
צווייגעלאַך אויף טויבן.

טייבעלאַך און בלעטעלאַך,
צעטעלאַך לאָזט איבער —
אָט דער קליינער טענצערל,
דער קונדֿסל דער ליבער.

כאַפּט זיך אָבער זיידע אויף
פון אַ סקריפּ פון שליטן.
פונקט אינמיטן איינדרעמלען,
סאַמע אינדערמיטן —

כאַפּט ער זיך — דאָס אייניקל
איז אים ווו פאַרפאַלן,
הייבט ער אָן צו יאָגן אים:
הייבט ער אָן צו פאַלן.

פאַלט ער און געוואַלדעוועט,
האַלט אין איינעם שרייען:
נז ער האָט ניט ליב די „קונץ“ —
צאַצקעס, מאָלערייען!

און ער פּאַקט אים ערגעץ-ווו,
ערגעץ ביי אַ טויער,
כאַפּט ער אים מיט ביידע הענט,
דרייט אים אָן אַן אויער.



ווינטער.

באַדעקט האָט דער ווייסער, דער זילבערנער שניי
די וועלדער, די בערג און די טאָלן;
עס גלענצן די ביימער, עס הענגען אויף זיי
די צווייגן, ווי העלע קריסטאָלן.

די יונגינקע ווערבע ביים ברעג פונם טייך,
די סאָסנע די שטאַרקע און אַלטע.
אין ווייסינקע קליידער האָט אָנגעטאָן גלייך
די אַלע דער ווינטער דער קאַלטער.

דער שלעכטער ריז.

יעדן טאָג, גייענדיק פון שול, פלעגן די קינדער אַוועקלויפן זיך שפּילן אין גאָרטן פון דעם ריז.

דאָס איז געווען אַ גרויסער שיינער גאָרטן מיט ווייכע גרינע גראָז. דאָ און דאָרטן האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן דעם גראָז און געשיינט ווי די שטערן פּראַכטפולע שמעקנדיקע בלומען. צוועלף מאַ-רעלן-ביימער זיינען געווען אין דעם דאָזיקן גאָרטן. צו פרילינג פלעגן זיי זיך באַדעקן מיט צאַרטע, ראָזע פּערלדיקע בלומען און צו האַרבסט פלעגן זיי ברענגען רייכע פרוכט. פויגלען פלעגן זיצן אויף די צווייגן פון די ביימער און זינגען אזוי זיס, אַזוי קלינגענדיק, אַז די קינדער

פלעגן וואָרפֿן זייערע שפּילן און זיך צוהערן צו דעם פֿויגלשן געזאַנג.
— ווי גליקלאַך מיר זײַנען—פֿלעגן זאָגן די קינדער איינער צום צווייטן.

איינמאָל אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט זיך דער ריז אומגעקערט אַהיים. ער איז געווען אָוועקגעפֿאָרן צו גאַסט צו זײַנעם אַ פֿרײַנד, אַ מענטשנ-פֿרעסער און גאַנצע זיבן יאָר האָט ער דאָרט פֿאַרבראַכט. און אַז ער איז צוגעגאַנגען צו זײַן שטוב, האָט ער דערזען ווי קינדער שפּילן זיך בײַ אים אין גאָרטן.

— וואָס טוט איר דאָ?—האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַ בייזער שטים, און די קינדער זײַנען זיך באַלד פֿונאַנדערגעלאָפֿן.

—מײַן גאָרטן איז דאָס, צו מיר אַליין געהערט ער—האָט גערעדט צו זיך דער ריז—דאָס מוז וויסן יעדער איינציקער און קיינער טאָר ניט האָבן די העזה צו קומען און שפּילן זיך אין מײַן גאָרטן; און ער האָט אַרומגערינגלט דעם גאָרטן מיט אַ הויכן צוים און צוגע-שלאָגן אַ ברעטל, וואָס אויף אים איז געווען אָנגעשריבן:

„אַרײַנגיין איז שטרענג פֿאַרווערט".

פֿון דאַן אָן האָבן די קינדער שוין מער ניט געהאַט ווו זיך צו שפּילן. זיי האָבן אַפֿילו געפּרוּווט זיך שפּילן אויפֿן וועג, נאָר דער וועג איז אינגאַנצן באַדעקט געווען מיט שטויב און מיט האַרטע שטעכעדיקע שטיינער—און דאָס איז די קינדער גאָרניט געפֿעלן געוואָרן. נאָך די לימודים פֿלעגן זיי זיך אַרומשלעפּן אַרום דעם הויכן צוים און ריידן וועגן דעם, ווי גוט און ווי שיין עס איז געווען אין גאָרטן.

— ווי גליקלאַך מיר זײַנען דאָרטן געווען!... האָבן זיי גערעדט איינער צום צווייטן.

עס איז געקומען דער פֿרילינג, און איבער דער גאַנצער ערד האָבן זיך צעשאָטן קליינינקע בלימעלאַך און קליינינקע פֿייגעלאַך. נאָר אין גאָרטן פֿון דעם ריז האָט נאָך אַלץ געהערשט דער ווינטער.

די פֿייגעלעך האָבן ניט געוואָלט דאָרטן זינגען, ווײַל קיין קינדער זײַנען דאָרט ניט געווען, און די ביימער האָבן גאָר פֿאַרגעסן זיך פֿונאַנדערצעבליען. עפּעס אַ שיין בלימעלע האָט געוועסט אַרויסגערוקט זײַן קעפּעלע פֿון צווישן דעם גראָז, אָבער ווי נאָר עס האָט דערזען דאָס ברעטל מיטן אויפֿשריפֿט, האָט אים אַזוי פֿאַרדריקט דאָס האַרץ פֿאַר די קינדער, אַז עס האָט זיך פֿונדאָסניי באַהאַלטן אין דער ערד און איז ווידער אײַנגעשלאָפֿן.

צופרידן זיינען גאָר געווען דער שניי און דער פראָסט.

— דער פרילינג האָט גאָר פארגעסן אָן דעם גאָרטן—האָבן זיי געשריען—און מיר וועלן דאָ וואוינען אַ גאַנצן יאָר

דער שניי האָט באַדעקט דעם גראָז מיט זיין ברייטן ווייסן מאַנטל און דער פראָסט האָט באַזילבערט אַלע ביימער. באַלד האָבן זיי איינגעלאַדן צו זיך אין גאַסט דעם צפונדיקן ווינט. ער איז געקומען אָנגעטאָן אין אַ פוטער און גאַנצע טעג פלעגט ער הודזשען און ברומען איבערן גאָרטן און אַרומפליען איבערן דאַך און איבער די קוימענס.

סאַר אַ זעלטענער אָרט דאָ איז—האָט ער געזאָגט—מע דאַרף דעם האָגל אויך רופן אַהער!

און אָט איז געקומען דער האָגל. יעדן טאָג פלעגט ער אַ שָעה דריי פויקן איבערן דאַך פון שלאָס, ביז ער האָט צעבראָכן כּמעט אַלע דאַכלקעס. ער האָט זיך געטראָגן, געדרייט איבערן גאָרטן, וואָס ווייטער אַלץ גיכער און גיכער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין גרויען און זיין אָטעם איז געווען קאַלט ווי אייז...

— איך קען ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס שפּעטיקט זיך אַזוי דער פרילינג—האָט געזאָגט דער שלעכטער ריז, זיצנדיק ביים פענסטער און באַקוקנדיק זיין קאַלטן ווייסן גאָרטן—איך האָף, אַז דער וועטער מוז זיך איינגיכן בייטן.

נאָר דער פרילינג איז אַלץ ניט געקומען. ס'איז אויך ניט געקומען דער זומער. דער האַרבסט האָט געשאָנקען יעדן גאָרטן זיינע גאָלדענע פרוכט, נאָר דער גאָרטן פון דעם ריז האָט ער גאָרנישט געגעבן.

אַזוי האָט אין אָט דעם גאָרטן די גאַנצע צייט געדויערט דער ווינטער, און דער צפונדיקער ווינט און דער האָגל און דער פראָסט האָבן פריילאַך געטאַנצט צווישן די ביימער.

איינמאָל איינדערפרי ליגט זיך אַזוי דער ריז ביי זיך אין בעט. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ פרעכטיקע מוזיק. זי האָט געקלונגען אַזוי זיס, אַז ער האָט אַ טראַכט געטאָן, צי גייען ניט פאַרביי זיין שלאָס די קיניגלאַכע מוזיקאַנטן. דאָס איז געווען אַ שפּיל־פייגעלע. זי האָט געזונגען אונטער זיין פענסטער, נאָר ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געהערט קיין פויגל־געזאַנג ביי זיך אין גאָרטן, אַז אים האָט דאָס אויסגעוויזן ווי די שענסטע מוזיק אין דער וועלט. באַלד האָט דער האָגל אויפגעהערט צו טאַנצן איבער זיין קאָפּ און דער צפונדיקער ווינט האָט

איבערגעריסן זיין ברומען און א וואוילשמעקנדיקער רֵיח האָט זיך דער־טראָגן צו אים דורך דעם אָפענעם פענסטער.

— ס'ווייזט אויס, אַז דער פרילינג איז סוף־כּל־סוף דאָך געקומען— האָט געזאָגט דער ריז. ער איז אַראָפּגעשפרונגען פון בעט און אַרויסגעקוקט אין גאָרטן. און וואָס זשע האָט ער דערזען?

ער האָט דערזען א וואונדערלאַך בילד: דורך אַ קליין שפּעלטעלע אין וואַנט האָבן זיך די קינדער פאַרקליבן אין גאָרטן און זייַנען געזעסן אויף די צווייגן פון די ביימער. אויף יעדן בוים איז געזעסן א קליין קינד. די ביימער האָבן זיך אַזוי דערפרייט, וואָס די קינדער האָבן זיך אומגעקערט, אַז זיי האָבן זיך באַלד באַדעקט מיט בלומען. באַגריסנדיק די געסט, האָבן זיך די צווייגן לייכט געוויגט איבער די קינדערשע קעפּלאַך. אומעטום האָבן לוסטיק אַרומגעשוועבט פייגעלאַך און מיט גרויס געפיל געצוויטשערט. די בלומען האָבן אַרויסגע־קוקט פון גרינעם גראָז און אַזוי צערטלאַך געשמייכלט... אַ פּרעכטיק בילד האָט זיך פאַר זייַנע אויגן באַוויזן. נאָר אין איין ווינקעלע האָט נאָך אַלץ געהערשט דער ווינטער. דאָס איז געווען דער פאַרוואָרפנסטער ווינקל אין גאָרטן. אַ קליין ייִנגעלע איז דאָרט געשטאַנען. דאָס ייִנגל איז געווען אַזוי קליין, אַז עס האָט ניט געקענט דערגרייכן די צווייגן. איז עס אַרומגעגאַנגען אַרום בוים און יאָמערלאַך געוויינט. דער דאָזיקער בוים איז נאָך אַלץ נעבעך געווען באַדעקט מיט שניי און פראָסט, און דער צפונדיקער ווינט האָט געווילדעוועט און געברומט איבער אים.

— קלעטער אַרויף, ייִנגעלע!—האָט געזאָגט דער בוים און איינ־געבויגן צו אים זייַנע צווייגעלאַך נידעריק—נידעריק, אויף וויפיל נאָר ס'איז מיגלאַך געווען. אָבער דאָס ייִנגעלע איז געווען נאָך גאָר אַ ברעקעלע און האָט צו די צווייגן ניט געקאָנט דערלאַנגען.

און דאָס האַרץ פון דעם ריז איז ווייך געוואָרן,ווען ער האָט דאָס דערזען.

— סאַר א שלעכטער איך בין געווען!—האָט געזאָגט דער ריז— איצטער פאַרשטיי איך פאַרוואָס דער פרילינג איז ניט געקומען אַהער. איך וועל אַרויפזעצן דעם קלייניקן ייִנגעלע אויפן בוים, דערנאָך וועל איך צעברעכן דעם צוים און זאָלן די קינדער שטענדיק פאַרגעניגן האָבן אין מיין גאָרטן. ער האָט טאַקע מיט אַן אֶמֶת חַרָטָה געהאַט אויף זייַנע שלעכטע מַעֲשִׂים, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן ביז איצטער.

ער האָט זיך פאַרזיכטיק אַראָפּגעלאָזן פון די טרעפּ, שטילינקער־הייט געעפנט די טיר און איז אַריין אין גאָרטן. אָבער ווי נאָר די

קינדער האָבן דערזען דעם ריז, האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן פאַר אים און זײַנען באַלד אַנטלאָפן געוואָרן. און אין גאָרטן איז ווידער געוואָרן ווינטער. ניט אַנטלאָפן איז נאָר דאָס קליין ייִנגעלע: די אויגן זײַנען בײַ אים געווען פאַרלאָפן מיט טרערן און ער האָט ניט באַמערקט דעם ריז. און דער ריז האָט זיך שטילינקערהייט אונטער־געגנבעט צו אים, האָט אים פאָרזיכטיק גענומען אויף די הענט און אַוועקגעזעצט אויפן בוים. און דער בוים האָט זיך באַלד באַדעקט מיט בלומען, פֿייגעלאַך זײַנען זיך צו אים צוזאַמענגעפלויגן און אָנגעהייבן זינגען זייערע לידער. און דאָס ייִנגעלע האָט אויסגעצויגן זײַנע הענטעלאַך, האָט אַרומגענומען דעם ריז פאַרן האַלז און אים אַ קוש געטאָן. האָבן די איבעריקע קינדער דערזען, אַז דער ריז איז שוין מער ניט קיין שלעכטער, זײַנען זיי צוריק אַרײַנגעלאָפן אין גאָרטן און מיט זיי אינאיינעם האָט זיך אומגעקערט דער פרילינג.

— איצטער איז דאָס אײַער גאָרטן, מײַנע ליבע קינדערלאַך — האָט געזאָגט דער ריז. ער האָט גענומען אַ גרויסע האַק און צעבראָכן דעם צוים.

און מיטאָג־צײַט, ווען די מענטשן זײַנען געגאַנגען אויפן מאַרק, האָבן זיי געטראָפן דעם ריז, ווי ער שפּילט זיך מיט קינדער אין אַ וווּנדער־שיינעם גאָרטן, וואָס צו אים איז קיין גלײַכן ניטאָ.

די קינדער האָבן אַזוי געשפּילט דעם גאַנצן טאָג, און אינאָוונט האָט זיי דער ריז צוגעווּנטשן „אַ גוטע נאַכט!"

— ווּ איז אײַער קלײנער חבֿרל? — האָט זיי דער ריז געפרעגט — דאָס ייִנגעלע, וואָס איך האָב אים אַרויפגעזעצט אויפן בוים?

— דער ריז האָט דאָס ייִנגעלע ליב געקראָגן מער ווי אַלעמען, ווײַל דאָס ייִנגעלע האָט אים אַ קוש געטאָן.

— מיר ווייסן ניט — האָבן געענטפערט די קינדער — ער איז ערגעץ ווּ אַוועקגעגאַנגען.

— זאָגט אים, אַז ער זאָל מאָרגן קומען אַהער — האָט זיי געבעטן דער ריז

נאָר די קינדער האָבן געענטפערט, אַז זיי ווייסן ניט, ווּ ער וווינט, ווײַל פריער האָבן זיי אים קיינמאָל ניט געזען. און דער ריז איז געוואָרן זייער אומעטיק.

נאָך די לימודים אין שול פלעגן די קינדער יעדן טאָג אַוועקגיין

זיך שפּילן מיטן ריז, נאָר קיינמאָל איז ניט געקומען דאָס קליין יינגעלע, וואָס דער ריז האָט אים אַזוי ליב געקראָגן.

דער ריז איז געווען פריינדלאַך צו אַלע קינדער, ער האָט אָבער נעבעכט נאָך זיין ערשטן קליינינקן פריינד, און פלעגט אָפט ריידן וועגן אים.

— איך וואָלט אים אַזוי וועלן זען!—האָט ניט איינמאָל געזאָגט דער ריז.

און די יאָרן זיינען זיך געגאַנגען. אַלט און שוואַך איז געוואָרן דער ריז. ער האָט שוין ניט געקענט אָנטייל נעמען אין די קינדערשע שפּילן, ער פלעגט נאָר זיצן אויף זיין ווייכן שטול, קוקן אויף די קינדער און קלייבן נחת פון זיין גאָרטן.

— איך האָב אַ פולע שיינע בלומען—האָט ער געזאָגט—נאָר די שענסטע בלומען—דאָס זיינען די קינדער!

פורים צו דער סעודה.

(פון די מעשהלאַך „דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע").

אויף פורים האָט דער זיידע געבראַכט אַ גראַגער דעם יינגעלע מיטן רינגעלע און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

—זע, אַז המן הרשע זאָל פון דיר ניט אַרויס מיט גאַנצע ביינער. גיב אים ווי ער איז ווערט!

דאַגה ניט, זיידע!—האָט יינגעלע-רינגעלע געענטפערט—ער וועט שוין ביי מיר קריגן!

און דערווייל איז יינגעלע-רינגעלע געגאַנגען שלאָפן. יינגעלע-רינגעלע ווייס אָבער ניט קיין רו אויך אין שלאָף. עפּעס מוז זיך אים חלומען. חלומט זיך אים ווי ער גייט צום מלך אין פּאַלאַץ, זען דאָרטן דעם מלך מיט דער מלכּה און זייערע קינדער דעם בן-מלך מיט דער בת-מלכּה.

גייט ער אַזוי און גייט, און זיין גראַגער האַלט ער שטייף אין דער האַנט, ער זאָל אים ניט אָנווערן. גייט ער אַזוי און גייט, ערשט אַנטקעגן קומט אים אָן אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, זעט ער—עס איז יאָ דער זיידע און ניט דער זיידע, ווייל אַלט זיינען זיי ביידע. נאָר דער זיידע גייט ניט אַזוי אָנגעטאָן, ווי דער אַלטער

מאַן. עפּעס מאָדנע גייט דער אַלטער מאַן אָנגעטאָן, ווי די מענטשן פון פאַרצייטן; דער קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַזאַ פּאַטשיילע, אַ מאָדנער לאַנגער בגד אויף די אַקסלען, מיט אַ גאַרטל אויף די לענדן, און אויף די פיס ניט קיין שיך, ווי מע טראָגט היינט, נאָר סאַנדאַלן, איבערגעבונדן מיט אַזעלכע רימענדלאַך.

ווערט שוין ייִנגעלע-רינגעלע טשיקאַווע און פרעגט ביים אַלטן מאַן:—ווער ביסטו?

ענטפערט דער אַלטער מאַן—מָרדכַי הַיהודי:

ווייסט שוין ייִנגעלע-רינגעלע ווער דאָס איז, ווייל ער ווייס די גאַנצע מַעֲשׂה פון פּורים, ווי אַזוי דער נאַרישער קיניג אַחַשְׁוֵרוֹשׁ האָט איבערגעענטפערט אַלע ייִדן צו הָמָן הָרָשָׁע, ער זאָל זיי אויסהַרגענען, נאָר מָרדכַי הַיהודי האָט געהאַט אַ שוועסטערקינד אֶסְתֵּר, וועלכע איז געוואָרן דעם קיניג אַחַשְׁוֵרוֹשׁעס ווייב. האָט זי שוין געזען, אַז מע זאָל די ייִדן ניט אויסהַרגענען און הָמָנען זאָל מען אויפהענגען אויף דער תְּלִיָּה, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר מָרדכַיען, און די ייִדן האָבן געמאַכט אַ יום-טוב פּורים און ס'איז געוואָרן שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה.

אַז ייִנגעלע-רינגעלע האָט דערהערט, אַז דאָס איז מָרדכַי הַיהודי, האָט ער זיך אָנגערופן.

— אַזוי, מָרדכַי הַיהודי!

ער האָט זיך גאָר געוווּנדערט, וואָס ער זעט מָרדכַי הַיהודי פאַר זיינע אויגן; און דער אַלטער זאָגט צו אים נאָכאַמאָל:—יאָ, מָרדכַי היהודי.

— און וואוהין גייסטו?

— פּורים צו דער סעודה

האָט זיך ייִנגעלע-רינגעלע זייער דערפרייט און גענומען טאַנצן און שפּרינגען און זינגען:

— מָרכַי הַיהודי.

גייט פּורים צו דער סעודה!

רופט זיך אָן מָרדכַי הַיהודי צו ייִנגעלע-רינגעלע:

—איך האָב דיר געזאָגט, ווער איך בין און וואוהין איך גיי, טאָ זאָג מיר איצטער, ווער דו ביסט און וואוהין דו גייסט?

ענטפערט ייִנגעלע-רינגעלע:

— ווייסט גאָר ניט ווער איך בין? איך בין דאָך ייִנגעלע-רינגעלע! רופט זיך אָן מָרדכַי הַיהודי:

— אַזוי? דו ביסט דאָס ייִנגעלע־ריגגעלע, וואָס מע שרייבט פון אים אַזוי פיל מַעשׂיות?

ענטפערט ייִנגעלע־רינגעלע:

— יאָ, איך בין דאָס ייִנגעלע־רינגעלע און איך גיי דאָס צום מֶלֶך אין פּאַלאַץ.

שאָקלט מָרדכי הַיהודי מיטן קאָפּ צו ייִנגעלע־רינגעלע:

— אַזאַ קלוג ייִנגעלע ווי דו, זאָל נאָר וועלן גיין צום מֶלֶך אין פּאַלאַץ! איך בין אַמאָל שוין געווען דאָרטן, און איך זאָג דיר, אַז עס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. עס איז ניט ווערט דער גאַנג. וועמען וועסטו דאָרטן זען? אַ מֶלֶך אַ שוטה, ווי אַ חַשוֵרוש און אַ מיניסטער אַ שלעכטן, ווי הָמָן הָרָשע. פאָלג מיר, און קום מיט מיר צו דער סעודָה וועסטו מער הַנָאָה האָבן.

טראַכט ייִנגעלע־רינגעלע, צי זאָל ער גיין צום מֶלֶך אין פּאַלאַץ אָדער מיט מָרדכי הַיהודי פּורים צו דער סעודָה?

האָט ער אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז עס איז ביי אים געבליבן, ער זאָל בעסער גיין פּורים צו דער סעודָה מיט מָרדכי הַיהודי.

און אין וועג האָבן זיי באַגעגנט נאָך אַ סך קינדער.

זיינען זיי געגאַנגען און געגאַנגען און געגאַנגען, ביז וואַנען זיי זיינען אַלע געקומען צו אַ שיינעם גרויסן פיינעם פּאַלאַץ. אָבער דאָס איז ניט געווען דעם מַלְכּס פּאַלאַץ, נאָר אֶסתֵר הַמַלְכָּהס.

— נו, קינדער!—האָט זיך מרדכי היהודי אָנגערופן צו זיי,—לאָמיר אַריין צו אסתר המלכה אין פּאַלאַץ און עסן דאָרטן די סעודה.

זיינען אַלע קינדער, און אויך ייִנגעלע־רינגעלע, אַריין מיט מָרדכי היהודי אין פּאַלאַץ, און זיי זיינען געגאַנגען און געגאַנגען, פון איין חֶדֶר צום צווייטן, ביז זיי זיינען געקומען צום זאַל, וווּ עס זיינען געווען געגרייט די טישן פאַר דער סעודה.

און אויבנאָן אויף אַ טראָן איז געזעסן אֶסתֵר המַלכּה, אָנגעטאָן אין אירע בִּגדי־מַלְכות, וואָס דער מֶלֶך אַחַשוֵרוש האָט איר געמאַכט פון זייד און פּורפּור־וואָל, אויסגעניייט מיט גאָלד און זילבער, און פרעגנדז זיינען אַרונטערגעהאַנגען, פרעגנדז גאָלדענע און זילבערנע און אויך פיל פּערל. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ קרוין.

ווי אסתר המלכה האָט דערזען די קינדער און אויך ייִנגעלע־רינגעלע, אַרומגייענדיק מיט מרדכי היהודי, האָט זי זיך זייער דערפרייט און האָט צו זיי געזאָגט:

— בְּרוּכים הַבָּאים! אַ גוט יום־טוב אייך, ליבע קינדערלאַך!

און די קינדער האָבן אַלע אין איין קול געענטפערט:

— געבענטשט זאָל זיין די מַלכָּה אֶסתֵּר!

דאַן האָט די קעניגין געזאָגט צו די קינדער:

— נו, זעצט זיך, ליבע קינדער, בײַ די טישן, עסט און טרינקט, זייט פריילאַך און זינגט! איר וועט באַלד אויך קריגן שַלַח־מָנות און אָרימע לייט וועלן קריגן מַתָּנות און די פּורים־שפּילער וועלן קומען.

האָבן זיך די קינדער צעזעצט אַרום די טישן און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען.

און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און אַ קול פון יענער זייט האָט געזונגען:

— מאַכטס אויף, מאַכטס אויף!
לאָזט מיך אַריין, לאָזט מיך אַריין!
ווייסט איר ווער עס קען דאָס זיין?
הַמֶלֶך הַכָּבוד—די גאַנצע וועלט.
היינט איז פּורים, מע גייט פאַרשטעלט.

און די באַדינער, וואָס שטייען בײַ דער טיר, האָבן זי גלייך געעפנט, און די פּורימשפּילער זיינען אַריין אָנגעטאָן אין פאַרשטעלטע קליידער און מיט מאַסקעס אויף די פּנימער. און דער עלטסטער פּורימשפּילער האָט גענומען אויף איין פוס שפּרינגען און זינגען:

— פאַרפלוכט זאָל ווערן הָמָן,
וואָס איז געווען דער ערגסטער!
געבענטשט זאָל ווערן מָרדכַי,
וואָס איז געווען דער בעסטער!
געבענטשט זאָל זיין די מַלכָּה,
וואָס האָט געהייסן אֶסתֵּר!

און די איבעריקע פּורימשפּילער האָבן אונטערגעכאַפּט אַלע אין כאָר:

— פאַרפלוכט זאָל ווערן הָמָן,
געבענטשט זאָל ווערן מָרדכַי!

און דער עלטסטער פּורימשפּילער האָט דאַן צום סוֹף אויסגעזונגען:

— היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס!
גיט אונז אַ גראָשן און טרייבט אונז אַרויס!

מע האָט זיי אָבער געגעבן מער ווי אַ גראָשן און זיי ניט אַרויסגעטריבן. אַדרַבָּא, מע האָט זיי צעזעצט בײַ די טישן און געגעבן עסן און טרינקען, און דערנאָך האָבן זיי ערשט פריילאַך געמאַכט דעם עולָם

מיט זייער פּורימשפּיל. און אַלע קינדער, און אויך יינגעלע־רינגעלע, האָבן גוט פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט. און ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָט זיך יינגעלע־רינגעלע אויפגעכאַפּט.

רעטעניש.

איך בין באַוווּסט, געשמאַק בין איך,
איך בין פון טייג געמאַכט אין קיך;
איך בין נישט רונד, דרייעקיק נאָר,
אַ גרויס פאַרשוין אַ טאָג אין יאָר
מיך עסן גערן יונג און אַלט...
ווי איז מיין נאָמען? טרעפט זשע באַלד.
ווער ס'טוט אַ לעק און טוט אַ נאַש,
דער ווייס, אַז איך הייס...

מראַכט צו אַ מעשהלע צום בילד.

דער פוקס און דער באָק.

לויפט זיך אַזוי אַ פוקס איבערן פעלד, לויפט, פאַרקוקט זיך אויף די קראָעס און פאַלט פלוצים אַריין אין אַ ברונים. אין ברונים איז אַפילו ניטאָ קיין טראָפּ וואַסער, דערטרינקען זיך קען מען ניט, אָבער אַרויסשפּרינגען איז אויך שווער. זיצט דער פוקס אין ברונים און דאגהט: מיטאַמאָל קומט אָן דער באָק דער חכם. ער גייט זיך, טרייסלט מיטן בערדל, מאַכט מיט די הערנער און קוקט אויף אַלע זייטן. דערזעט אַ ברונים, גייט ער צו און קוקט אַריין אַהין. געפינט ער דאָרטן דעם פוקס.



— וואָס טוסטו דאָ, פיקסעלע?—פרעגט ער אים.

— איך רו זיך אָפּ, מיין טייערער. דאָרטן אויבן איז הייס, בין איך אַריינגעקראָכן אַהער. דאָ איז אַזוי קיל, אַזוי גוט!... קאַלטע וואַסער וויפיל מע ווילל!



און דעם באָק ווילט זיך גראָד טרינקען.

—דאָס וואַסער איז עפּעס געשמאַק? פרעגט ער ווייטער.

— אַ חיות! — ענטפערט דער פוקס—זייער קאַלט...

שפּרינג אַריין אַהער, אויב דו ווילסט: דאָ וועט קלעקן אָרט פאַר אונז ביידן.

דער באָק האָט גאָרניט געטראַכט און איז גלייך אַריינגעשפּרונגען אין ברונים אַריין. דער שפּרונג זיינער איז געווען אַזוי אומגעלומפּערט, אַז ער האָט שיר ניט צעמזיקט דעם פוקס.

— גערעטעניש אייגער! אַפילו אַ שפּרונג טאָן קענסטו ניט! זע, ווי דו האָסט מיך פאַרשפּריצט.—האָט זיך גענומען קלאָגן דער פוקס.

און ער טוט אַ שפּרונג צום באָק אויפן רוקן, פון רוקן אויף די הערנער און—טרוז פונם ברונים.

דער באָק איז אין ברונים שיר ניט אומגעקומען פון הונגער. מע האָט אים קוים געפונען און אַרויסגעשלעפּט פאַר די הערנער.

דער פוקס און די ווייַנטרויבן.

א פּיקסל גייט פאַרביי אַ ווייַנגאָרטן,
און טרויבן זעט ער וואַקסן דאָרטן...
אים ווילט זיך זייער געניסן
פון דעם געשמאַקן ביסן.
ער האָט אַן אַפּעטיט אַ שטאַרקן,
נאָר... ס'איז צו הויך דער פּאַרקאַן.

ער קוקט אַהין, אַהער—
אַרייַנקריכן איז זייער שווער...
— עט—זאָגט ער—כ'מיין,
די פּירות זייַנען נאָר פון וויַיטן שיין...
עס קאָן זיי גאָר ניט עסן קיינער,
ווייל הייליק מאַכן זיי די ציינער.

די קלוגע מייז.

היינט אויף דער לעקציע האָט משהלע דערציילט דעם לערער, אַז די מייז האָבן בייַנאַכט פאַרשלעפּט אַן איי, וואָס די מאַמע האָט אָנגעגרייט פאַר אים אויף פרישטיק. די מאַמע האָט אַוועקגעלייגט די איי אויפן באַנק און מ'האָט זי געפונען אַ צעבראָכענע אונטערן באַנק אין אַ גרוב. דער קלאַס האָט אַ סך געלאַכט פון דער געשיכטע. מ'האָט זיך פונאַנדערגערעדט וועגן מייז און אַלע האָבן דערציילט פון זיי אַ סך וואונדער. די קינדער האָבן זיך פריער גאָרניט פאָרגעשטעלט, אַז די מויז איז אַזאַ קלוגע חיה. דער לערער האָט אויך דערציילט וועגן מייז אַ פּאָר געשיכטעס:

אַמאָל האָבן צוויי מייז געפונען אַן איי און געוואָלט זי אויפעסן. אינדעם איז דורכגעפלויגן אַ קראָע. די מייז האָבן זיך דערשראָקן

און געוואָלט באַהאַלטן די אייער, די קראָע זאָל זי ניט צוכאַפּן. ווי אַזוי אָבער מאַכט מען דאָס? טראָגן די אייער קענען זיי ניט. קייקלען האָבן זיי מורא — זי קען זיך צעברעכן.



האָבן זיי אַזוי געטאָן: איינע פון זיי האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן רוקן, אַרויפגענומען אויף זיך די איי און צוגעהאַלטן זי מיט די פיסלאַך. די אַנדערע האָט אָנגענומען די חבֿרטע פאַרן עק און ווי אַ שליטן אַוועקגעשלעפּט זי אין דער נאָרע אַריין.

*

אין איינעם אַ לאַנד זיינען דאָ אַ סך טייכלאַך. אויף די ברעגעס פון די טייכלאַך לעבן זייער פיל מייז. די מייז קומט אויס זייער אָפט אַריבערצוקלייבן זיך פון איין ברעג אויפן אַנדערן. שווימען אָבער קענען זיי ניט. וואָס טוען זיי? מאַכן זיך די קלוגע מייז אַליין אַ שיפל. זיי צו שלעפּן צום ברעג אַ שטיק טרוקענע מיסט, לייגן אַרויף אויף דעם זייער עסנוואַרג און לאָזן דאָס פאַרזיכטיק אַראָפּ אין וואַסער. דאַן שפּרינגען זיי אַליין אויך אַרויף אויפן מיסט, לאָזן אַראָפּ די עקן אין וואַסער און הייבן אָן מיט זיי צו רודערן אַזוי ווי מיט רודערס. אויף אַזאַ אופן פירן זיי צו דאָס שיפל צום אַנדער ברעג.

דער נאָדלער און דער האָז.



אַ האָז האָט באַגעגנט אַ נאָדלער און געזאָגט צו אים:

— אַזוי ביסטו זיך אַ גאַנץ שיינער, נאָר דו האָסט איין חסרון: דיינע פיס זיינען קרומע, כּסדר זיי פּלאָנטערן זיך.

דער נאָדלער איז געוואָרן אין כּעס און האָט געענטפערט: „וואָס לאַכסטו אזוי? איך מיט מיינע קרומע פיס קען לויפן בעסער, ווי דו מיט דיינע גלייכע. אָט וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל נאָר צוגיין אויף אַ רגע אַהיים, דערנאָך וועלן מיר זיך וועטן, ווער וועמען ס'וועט איבעריאָגן".

דער נאָדלער איז געקומען צו זיך אַהיים און זאָגט צו זיין ווייב:

„איך האָב זיך אַביסל איבערגערעדט מיטן האָז: מיר ווילן זיך וועטן, ווער וועמען ס'וועט איבעריאָגן".

רופט זיך אָפּ דעם נאָדלערס ווייב: „דו ביסט מסתּמא משוגע געוואָרן. ווי וועסטו זיך יאָגן מיטן האָז? ער איז דאָך אזא פלינקער און דו קױם וואָס דו ריירסט זיך מיט דיינע פיסלאַך".



ענטפערט דער נאָדלער: „ער האָט פלינקע פיס און איך האָב אַ פלינקן שכל. דו טו אַקאָרשט וואָס איך הייס. קום מיט מיר אין פעלד אַריין".

און זיי זיינען אַרויס אויף אַ צעאַקערטן פעלד. דאָרט רופט זיך אָפּ דער נאָדלער צו דער ווייב: „דו באַהאַלט זיך ביי איין עק פון דער רינווע, וואָס צווישן די בייטן, און איך וועל זיך מיטן האָז לאָזן לויפן פון דעם צווייטן עק; אַז ער וועט זיך פונאַנדעריאָגן, וועל איך זיך גלייך אומקערן צוריק, און אַז ער וועט קומען צו לויפן צום עק רינווע, ווי דו וועסט זיין, זאָלסטו אַרויסגיין פון דיין באַהעלטעניש און זאָגן: „איך בין שוין לאַנג דאָ". ער וועט דיך ניט דערקענען און וועט מיינען, אַז דאָס בין איך".

דעם נאָדלערס ווייב האָט זיך באַהאַלטן אין דער רינווע, און דער נאָדלער מיטן האָז האָבן זיך געלאָזן לויפן פונעם צווייטן עק

בייט. אַז דער האָז האָט זיך פונאַנדערגעיאָגט, האָט זיך דער נאָדלער אומגעקערט צוריק און זיך באַהאַלטן אין גראָבן.

דער האָז איז געקומען צו לויפן צום צווייטן עק רינווע, ער גיט אַ קוק—דעם נאָדלערס ווייב זיצט שוין דאָרטן. ווי זי האָט דער־זען דעם האָז, האָט זי אויסגערופן: „זעסט, איך וואַרט שוין דאָ פון אַ צייט!"

דער האָז האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז דעם נאָדלערס ווייב, און ער טראַכט זיך ביי זיך: „וואָס איז דאָ פאַר אַ נס? ווי אַזוי האָט ער דאָס מיך איבערגעיאָגט?"

— ווייסט וואָס, קום זיך נאָך אַ מאָל יאָגן!—זאָגט ער.

— קום!—ענטפערט דעם נאָדלערס ווייב.

דער האָז האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף צוריק. געקומען צום צווייטן עק, ער זעט:—דער נאָדלער זיצט שוין דאָרטן.

ע, ברודערל, דו ביסט נאָך ערשט איצט אָנגעקומען, און איך בין שוין דאָ פון אַ צייט!"—זאָגט צו אים דער נאָדלער.

— „וואָס קען דאָס זיין?—קלערט זיך דער האָז.—דאַכט זיך, איך בין אַזוי גיך געשפּרונגען און פונדעסטוועגן האָט ער מיך איבערגע־יאָגט. נו, וועלן מיר איצט פּרוּוון לויפן נאָך אַ מאָל, איצט וועט ער מיך שוין געוויס ניט איבעריאָגן".

— לאָמיר לויפן נאָך אַ מאָל!—לייגט ער פאָר.

— גוט!—ענטפערט דער נאָדלער.

דער האָז איז שיר פון זיין הויט ניט אַרויסגעשפּרונגען. ס'האָט אים אַזש פאַרכאַפּט דער אָטעם. אָבער אַז ער איז געקומען צום צווייטן עק גראָבנדל האָט ער פאָרט געפונען דעם נאָדלער. און אַזוי איז ער געשפּרונגען פון איין עק גראָבן צום צווייטן, ביז ער האָט זיך אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון די כּוחות. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך אונטערגעגעבן און זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז מער וועט ער זיך שוין קיינמאָל ניט באַרימען.

ווי אזוי די שוואַלבן העלפֿן איינע די אנדערע.

אַ שוואַלב איז אַרומגעפֿלויגן לעבן אַ הויז און האָט זיך פֿאַר־פּלאָנטערט אין אַ שנירל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו אַ פֿענסטער. די שוואַלב האָט זיך געפּרוּווט אַרויספּלאָנטערן, געוואָלט פֿליען ווייטער, אָבער זי האָט עס שוין ניט געקענט. דאַן האָט זי גענומען הויך שרייען. אויף איר געשריי זיינען אָנגעפֿלויגן אַ סך שוואַלבן. זיי זיינען געפֿלויגן אַרום דעם געפֿאַנגענעם און געצוויטשערט גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן אַן עֵצָה, ווי אַזוי צו העלפֿן דעם אומגליקלאַכן חָבֵר. באַלד איז איין שוועלבעלע צוגעפֿלויגן צום געפֿאַנגענעם און האָט דערלאַנגט אַ פּיק דאָס שנירל לעבן דעם אָרט, ווו די שוואַלב האָט פֿאַרפּלאָנטערט דאָס פּיסל. נאָכדעם איז צוגעפֿלויגן נאָך איינע און האָט אויך געטאָן אַ פּיק אויפֿן זעלביקן אָרט. דערנאָך — אַ דריטע, אַ פֿערטע און אַזוי זיינען אַלע שוועלבעלאַך צוגעפֿלויגן און רַק געפּיקט דאָס שנירל. דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן צעריסן דאָס שנירל און באַפֿרייט די חַבֵרטֶע.

נוטע חַבֵרים.

איינמאָל האָב איך מיט מיינעם אַ חָבֵר געשפּאַצירט אין וואַלד. מיר זיינען זיך אַזוי געגאַנגען און געשמועסט צווישן זיך. פּלוצים לאָזט מיין חָבֵר אַרויס אַ דערשראָקן געשריי.

איך טו אַ קוק — ערשט ניט ווייט פֿון אונז האָט זיך צווישן די קוסטעס באַוויזן אַ גרויסער געל־גרויער קאָפּ פֿון אַ וואָלף. פֿאַר שרעק האָבן מיר זיך ניט געקענט רירן פֿון אָרט. „אָט טוט ער זיך אויף אונז אַ וואָרף" — האָבן מיר געקלערט. אָבער דער גרויער קאָפּ איז געבליבן שטיין פֿונווייטן, און איך האָב באַמערקט, אַז זיין קוק איז געווען ניט קיין בייזער, נאָר עפּעס אַ דערשראָקענער און מידער.

— ער טשעפּעט ניט! — האָט געזאָגט צו מיר מיין חָבֵר, ער איז.

קאָנטיק, זאָט, ער שטשירעט ניט די ציין... אוי, זע!—רופט ער פּלוצים אויס—ער האָט דאָך גאָר קיין ציינער ניט. אַ ליידיקער מויל, אָן איין צאָן!..

איך האָב זיך אַ ביסל איינגעבויגן און דערזען, אַז דער וואָלף האָט טאַקע קיין איין צאָן ניט אין מויל. ער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אונז מיט אַזוינע רחמנותדיקע אויגן.



— אַהאַ, איצט פאַר־שטיי איך שוין פאַרוואָס ער איז אַזוי רויִק—האָב איך געזאָגט.

דער וואָלף האָט אויף אונז נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן מיט זיינע צעשראָקענע אויגן, און זעענדיק, אַז מיר טשעפּען אים ניט, איז ער אַוועק ווייטער. איך האָב באַמערקט, אַז ער הינקט אַביסל אונטער און שלעפּט קוים די פיס.

— פון וואַנען לעבט ער?—האָב איך זיך געטראַכט—מיט וואָס דערנערט ער זיך? אָן ציינער קען ער דאָך דאָס קלענסטע חַיָהלע ניט אָנכאַפּן.

מיר זיינען אַוועק ווייטער. דער וואַלד־שומר האָט אונז דערזען און פאַרבעטן צו זיך אין ביידל. מיר האָבן אים דערציילט וועגן אונזער באַגעגעניש מיטן וואָלף.

— אַך, דער אַלטער וואָלף! יאָ, איך קען אים. ער איז שוין גאָר גאָר אַן אַלטיטשקער. ער וואָלט שוין לאַנג געפּגרט, ווען די חבֵרים וואָלטן אים ניט אויסגעהאָלפן.

— וועלכע חבֵרים?—האָבן מיר אויסגעשריען אין איין קול.

— זיינע אייגענע ברידער—די וועלף. איר קוקט ניט, וואָס דאָס זיינען בייזע חַיות. איינער צום אַנדערן זיינען זיי גוט. אָט, למָשל, דער אַלטער וואָלף. ער האָט דאָך שוין גאָר קיין כוח ניט. ס'איז אים שוין לאַנג צייט צו שטאַרבן. און זיי האָבן אויף אים רחמָנות און ברענגען אים עסן. איך האָב אַמאָל אַליין געזען...

איינמאָל ליג איך אַזוי אין וואַלד, ערשט איך זע,—ניט ווייט פון

מיר ליגט דערזעלביקער אלטער וואָלף. זיין קאָפּ איז אזוי גרוי, ווי ביי אַן אלטן מענטשן, די אויגן—אַזויגע רַחמָנותדיקע. און לעבן אים שטייט אַ יונגער שטאַרקער וואָלף. ער האָט געבראַכט עטלאַכע קליינע מוילוואָרפן און אַוועקגעלייגט זיי לעבן אלטן. אליין עסט ער ניט, נאָר ער שטייט און קוקט אויפן אַלטן, גלייך ער זאָגט אים: „עס, זיידעניו!" און דערביי זיינען זיינע אויגן ניט קיין בייזע, ניט ווי בעת ער קוקט אויף אונז.

און דער אַלטער שטייט און קוקט אויף אים נאָך רַחמָנותדיקער, נאָך פריינדלאַכער; ער וויל עסן, נאָר ער קען ניט אָפּבייסן.

וואָס זשע האָט געטאָן דער יונגער? ער האָט גענומען און צעריסן די הַיְהלאַך אויף שטיקלאַך און דערלאַנגט דעם אַלטן, פּונקט ווי די וועלפיכע דערלאַנגט עסן אירע וועלפעלאַך. איך בין געבליבן שטאַרק פאַרוואונדערט. איך האָב זיך אָבער קיין ריר ניט געטאָן, ביז וואַנען דער אלטער האָט אויפגעגעסן גאָר די פלייש און דער יונגער איז אַוועקגעלאָפן.

בעת איך האָב גענומען גיין, האָט מיך דער אַלטער וואָלף דערזען. ער האָט זיך דערשראָקן, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט לויפן. ער האָט, ווייזט אויס, קיין כּוח ניט געהאַט און איז געשטאַנען אזוי איינגע־קאָרטשעט. נו, כ'האָב אַפילו געהאַט ביי זיך אַ ביקס, אָבער כ'האָב אים ניט אָנגערירט. „אויב אַנדערע האָבן אויף דיר רַחמָנות—האָב איך געטראַכט—וועל איך אויך אויף דיך רַחמָנות האָבן. לעב זיך דיר, אַלטיטשקער, ווי לאַנג ס'איז דיר נאָך געבליבן צו לעבן.

צווישן בערן.

אין געדיכטעניש פון וואַלד אונטער אַן אַלטער סאָסנע, וואָס אַ דונער האָט אַמאָל איינגעשלאָגן, געפינט זיך אַ בערס אַ נאָרע; אין דער נאָרע האָט געוואוינט אַ בעריכע מיט דריי יונגע בערעלאַך. איינער איז געווען עפּעס עלטער און די צוויי איבעריקע זיינען געווען נאָך גאָר קליינע.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן ביים זונען־אויפגאַנג האָט די מאַמע אַרויס־

געפירט אירע קליינע קינדער אויפן שפּאַציר צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן. פאָרויס איז געגאַנגען די מאַמע אליין, הינטער איר— א קליין בערעלע מיט זיין שוועסטערל, און פון הינטן—דער עלטערער בערל: ער האָט געהאָלפן האָדעווען די קליינע בערעלאַך, און איז געווען זייער ניאַנקע.



געגאַנגען זיינען זיי פּאַמעלעך, האָבן זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט און באַקוקט יעדעס שטיינדל, יעדעס צווייגל. די מאַמע האָט געלערנט די קינדער, ווי צו געפינען שפּייז: זי האָט צעקוועטשט עפּעס א זשוק און אים אויפגעגעסן; זי האָט געכאַפּט א זומער-פייגעלע און אָפּגעגעבן עס די קינדער. אָט איז געווען א שׂמחה! דאָס זומער-פייגעלע האָט געקיצלט די נעז ביי די בערן, און זיי האָבן געפּאַרשקעט, גענאָסן און געשפּרונגען אזוי לאַנג, ביז פון דעם זומער-פייגעלע איז קיין זכר ניט געבליבן.

דער עלטערער בערל, די ניאַנקע, האָט געפונען אן אָרט מיט א סך פּאָזימקעס. ער האָט פאַרזוכט די יאַגדעס און פון געשמאַקייט שיר זיין צונג ניט אראָפּגעשלונגען צוזאַמען מיט די פּאָזימקעס דאָרטן דערביי האָט ער אויך געפונען א מוראַשניק. די בער[illegible] האָט גענומען צעגראָבן דעם מוראַשניק.

די מוראַשקעס האָבן גלייך אָפּגעשאָטן אירע לאַפּ[illegible] און

זיך געסטאַרעט זי אײַנצובײַסן, נאָר זיי האָבן מיט דער בעריכע גאָרנישט געקאָנט מאַכן; די געדיכטע קודלעס האָבן זי באַשיצט פון די מוראַשקעס, און די בעריכע האָט גאַנץ רואיק געלעקט די לאַפּעס און געשלונגען צענדליקער און הונדערטער מוראַשקעס מיטאַמאָל. די קליינע בערעלאַך האָבן נאָכגעטאָן דער מאַמען און זייער קליינעם ברודערל. אַזוי האָבן זיי צעשטערט עטלאַכע מוראַשניקעס, און זיינען זיך אַוועק ווייטער.

באַלד האָבן זיי געפונען יונגע סאָסנעס, און דאָס געזינטל האָט זיך גענומען פלייסיק אַרומברעכן און עסן די יונגע זאַפטיקע צווייגעלאַך. אויף אייןביימל איז געזעסן אַ פייגעלע מיט נאַסע פליגעלאַך פון רעגן. די בערינע האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס און מיט די פאָדערשטע אַ טרייסל געטאָן דעם בוים. דאָס אָרים פייגעלע איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. די בעריכע האָט זי געכאַפּט און באַטיילט מיט אים די קינדער.

נאָכדעם האָט זי זיך צוגעלייגט אַ ביסל אָפּרוען, און די בערעלאַך האָבן גענומען זיך שפּילן: קייקלען זיך אויף דער ערד און קריכן אויף די ביימער. דאָס קליינע שוועסטערל איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ בוים, האָט זיך שטאַרק צעשלאָגן אַ פוס און אָנגעהויבן צו קוויטשען. דער עלטערער, די ניאַנקע, האָט דערפאַר געכאַפּט אַ חלק פון דער מאַמען:

— אָט אַזוי פּאַסט מען דאָס אויף אַ קינד? ווי לאָזט מען דאָס אַ קליין קינד קלעטערן אויף אַ הויכן בוים?

פלוצים האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל, און די בעריכע האָט דערשמעקט דעם ריח פון האָניק. זי האָט גלייך צונויפגענומען די קינדער און זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזן זוכן די האָניק. דער בינשטאָק האָט זיך געפונען אויף אַ מהלך פון אַן ערך אַ האַלב וויאָרסט. די בערן האָבן אַ גוטן חוש הריח און זיי האָבן אים געפונען. דער בינשטאָק איז געווען אין אַ פוסטן לינדן־בוים. די בעריכע האָט אויפגעבראָכן דעם בוים און האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן די האָניק. די יונגע בערעלאַך האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן דערוווּסט דעם טעם פון האָניק. די בינען זיינען באַפאַלן די נאַשערס, האָבן געוואָלט אַריינלאָזן אין זיי זייער גיפט, נאָר די געדיכטע פוטערס האָבן גוט באַשיצט די בערן פון די שטעך פון די בינען.



פרילינג.

דער פרילינג גייט, דער פרילינג גייט,
אַ פריש, אַ פריילאַך ווינטל ווייט
אין וואַלד, אין פעלד, אין גאָרטן.
דאָס ווינטל ווייט, דאָס ח׳נטל פליט.
אַ ליד, אַ זיסעס פרילינג=ליד
דערהערט דאָס קינד פון דאָרטן.
די שטראַלן שיינען, און פון זיי
צעגייט דער לעצטער אַייז און שניי.

דער העלד.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער שנייאיקער ווינטער. ווען ס׳איז אָנגעקומען דער פרילינג, האָט דער שניי אָנגעהויבן זיך צו שמעלצן. צום אומגליק זיינען נאָך געשטאַנען רעגנדיקע וועטערן. די טייכן האָבן זיך ראַפּטום אויפגעפנט און ס׳איז געוואָרן אַ געוויסער.

אין איין שטאָט האָט דאָס וואַסער פאַרגאָסן אַלע הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים ברעג טייך; די קריעס האָבן זיך געקלאַפּט אָן די הייזלאַך און געבראָכן זייערע ווענטלאַך; אַלע מענטשן פון אָט די הייזלאַך האָבן זיך באַצייטנס געראַטעוועט. מער ניט אין איין קליינעם

שטיבל איז פאַרבליבן אַ מוטער מיט צוויי קליינע קינדערלאַך. זי האָט גענומען די קינדערלאַך אויף די הענט, אַרויסגעבויגן זיך דורכן פענסטער און שרעקלאַך געשריען פון שרעק. אַרום שטיבל זיינען געשווומען גרויסע קריעס. זיי האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן די ווענט, און דאָס שטיבל האָט זיך קוים־קוים געהאַלטן.

דאָס האָבן געזען מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף יענער זייט טייך. אַ גרויס רחמנות האָט זיי אָנגענומען אויף דער אומגליקלאַ־כער מוטער מיט אירע קינדערלאַך. אייניקע האָבן אַפילו געוויינט פון צער, צוזעענדיק, ווי די אָרימע מאַמע פּייניקט זיך. העלפן אָבער האָט מען ניט געקאָנט. ס'איז אַפילו געווען אַ שיפל, נאָר ווי זאָל מען שווימען צווישן אַזעלכע קריעס?

— מע קאָן נאָך אַליין דערטרונקען ווערן.

מיטאַמאָל איז פון געזעמל אַרויס אַן אומבאַקאַנטער מענטש, אָרים געקליידעט, און האָט געזאָגט:

—ווי לאָזט מען דאָס מענטשן אומקומען? איך שווים זיי צו ראַטעווען!

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין שיפל און געלאָזן זיך שווימען צום שטיבל. אַלע זיינען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און האָבן געקוקט ווי דער אומבאַקאַנטער האָט זיך דורכגעשטופּט מיט זיין שיפל צווישן די שטיקער אייז. באַלד האָט ער דערגרייכט ביזן שטיבל.

אַ געשריי פון פרייד האָט זיך ביי אַלעמען אַרויסגעריסן, ווען דער דרייסטער אומבאַקאַנטער האָט אַריינגעזעצט אין שיפל די מוטער מיט אירע צוויי קינדער.

— אָט איז אַ כוואַט! אָט דאָס איז מיט אַן אֶמֶת אַ גוט האַרץ!— האָבן אַלע זיך ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן.

דער אומבאַקאַנטער איז צוגעשווומען צום ברעג, האָט אַרויס־געזעצט די פרוי מיט די קינדער און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

גרוסן.

כ'קום צו אייך פון ברייטע פעלדער
מיט די פריינדלאַכסטע גערוסן:
די באַנייטע זון פון פרילינג
האָט געשיקט אייך הייסע קושן.

און דער וואַלד—אַ סאָסנע־רֵיח,
און די לאָנקע—פרישע בלומען,
און דער פרילינג האָט פאַרבעטן
איר זאָלט קומען, איר זאָלט קומען!

די הֲכָנוֹת צו פֵּסַח.

— דאַנקען גאָט, געפּטערט דעם פּורים געזונטערהייט, און מע קאָן שוין אָנהייבן אין זינען האָבן אַריינברענגען דעם פּסח אין אַ גוטער שָׁעָה! — אַזוי האָט זיך אָפּגערופן די מאַמע צו זיך אַליין אויף מאָרגן נאָך שושן־פּורים און אויסגעקוקט מיט די אויגן אַלע ווינקעלאַך אין זאַל, אַרומגעגאַנגען און געזוכט אַן אָרט, ווי אַ הון, בְּשָׁעַת זי דערפילט, אַז זי באַדאַרף זיך לייגן. אין עטלאַכע טעג אַרום איז באַשאַפן געוואָרן אַ ביסל היי מיט צוויי קלעצלאַך, און אויף די קלעצלאַך אַ שפּאָגל־נייע דייזשקעלע, איבערגעדעקט מיט אַ גראָבן, נאָר אַ ווייסן ציכטיקן לייוונט. און מיך האָט מען צוגערופן אינאיינעם מיטן טאַטן און אָנגעזאָגט אַמאָל דרייסיק, איך זאָל זיך נאָר ניט דערוועגן ניט צוגיין פון דער נאָענט, ניט אַ קוק טאָן פון דער ווייטן, ניט אַ שמעק טאָן אַפילו אין יענעם ווינקל אַריין.

פון דער מינוט אָן האָט דער זאַל באַקומען ביי מיר אין די אויגן דווקא גאָר אַ באַזונדערן חן, און עס האָט מיך אַהינצו געצויגן, ווי אַ מאַגנעט, און איך האָב באַקומען אַ שטאַרקן חשק אַ קוק טאָן אַהינצו, אין יענעם ווינקל אַריין, כאָטש פון דערווייטן. אַוועקגעשטעלט זיך פון יענער זייט טיר, בְּשָׁעַת מַעֲשֶׂה געקייט דעם אָנבייסן — ברויט מיט שמאַלץ — האָב איך אַריינגעקוקט און געשפּיגלט זיך אין אונזער שיינעם, ליכטיקן זאַל.

— פאַרכאַפּט זאָלסטו ניט ווערן! מיטן גאַנצן חָמֵץ ביי דער טיר; ברענען זאָלסטו ניט אויפן פייער! — אַזוי זאָגט די מאַמע, נעמט מיך אָן מיט צוויי דינע שאַרפע פינגערלאַך פון איר רעכטער האַנט ביי מיין לינקן אויער און פירט מיך צום טאַטן.

— נאַ, זע, קוק כאָטש אָן דעם קַדיש דיינעם! מיטן ברויט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט קוקן אַהין, וווּ דער פּסחדיקער באָרשטש שטייט!

— דער טאַטע מאַכט כלומרשט אַן ערנסט פּנים, שאָקלט מיטן קאָפּ, שטעלט אויף די ליפּן און קנאַקט מיט דער צונג.

— טץ — טץ — טץ! אַוועק, דו יִמַח־שמו׳ניק איינער!

און אַז די מאַמע קערט זיך אָפּ אין אַ זייט, דערזע איך אויפן טאַטנס ליפּן אַ גרינג באַהאַלטן שמייכעלע.

טראכט צו מעשהלאך צו די בילדער.

פּסח.

גלי, שטײנדעלע,
קלאַפּ, העמערל,
לאַך, טײַכעלע,
וואַש און רײַב
דעם ווינטער אָפּ.

קלינג, שטײסעלע,
קנאַק, מצֶהלע,
שפּיל, ווײַנעלע,
שײַן און בענטש
דעם פּסח אונז.

טריף, רעגעלע,
צוויטש, פײגעלע,
שמעק, ערדעלע,
ציר און פּוץ
דעם יום־טוב אויס.

פּײטל און פעדקאַ.

פעדקאַ איז אײן אײנע יאָרן מיט פּײטלען. אַ גאַנצן ווינטער ליגן די בײדע קינדער, יעדער בײַ זײַן טאַטן אויפן אויוון, ציען זיך צום פענסטער און בענקן אײנס נאָך דאָס אַנדערע. זעלטן, זעלטן ווען זײ האָבן די זכיה צו זען זיך. נאָר אָט איז אַוועק דער ווינטער, דער לאַנגער בײזער ווינטער. אָט האָט זיך אויפגעדעקט די שוואַרצע ערד פון איר ווײסן קאַלטן שלײער. און אַ שײַן האָט געטאָן די זון, און אַ טריקן האָט געטאָן דאָס ווינטל. און אַ גרעזל האָט זיך באַוויזן, און דאָרטן באַרג־אַראָפּ דאָס טײַכל זשומזשעט, און דאָס קעלבל האָט צעלאָזט די נאָזלעכער און נישטערט, און דער האָן האָט צוגעמאַכט אײן אײגל און שטײט אַ פאַרטראַכטער. און אַלעס אַרום און אַרום האָט אויפגעלעבט, אַלעס גריסט, אַלעס פרײט זיך: ס'איז ערב פּסח!—דעמאָלט קען מען שוין מער ניט אײַנהאַלטן אין שטוב ניט פּײטלען, ניט פעדקאַן.

ביידע כאַפּן זיך אַרויס אויף גאָטס וועלט, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זיי ביידן גלייך, און ביידע נעמען זיי זיך פאַר די הענט און מע לאָזט זיך לויפן אַהין, צום באַרג, וואָס שמייכלט צו זיי ביידן גלייך: „קינדער, אַהער!‟ און מע שפּרינגט אַקעגן דער זון, וואָס גריסט זיי ביידן גלייך און רופט זיי ביידן צו זיך: „קינדער, אַהער!‟ ביידע האָבן זיי וואָס צו דערציילן—אַזאַ לאַנגן ווינטער ניט געזען זיך. פייטל באַרימט זיך פאַר זיין חבֿר פעדקאַ, אַז ער קאָן שוין כּמעט דעם גאַנצן אַלף־בית. און פעדקאַ באַרימט זיך, אַז ער האָט אַ בייטש. באַרימט זיך פייטל, אַז ביי זיי איז היינט ביינאַכט פּסח. ביי זיי איז שוין דאָ מצות אויף אַלע אַכט טאָג פּסח און וויין אויף אַרבע כּוסות. „געדענקסט, פעדקאַ, פאַראַיאָרן האָב איך אַרויסגעטראָגן אַ מצה?‟ „מאַצאַ?‟—זאָגט פעדקאַ און איבער זיין חנעוודיקער מאָרדע צעגיסט זיך אַ ברייט שמייכעלע. אפּנים, ער האָט זיך דערמאָנט דעם טעם פון דער פאַראַיאָריקער יידישער מצה... „ביסט אַ בעלן, פעדקאַ, פאַרזוכן איצט אַ שטיקל מצה? פרישע מצה?‟—אַ שאלה אַ ביסל, אויב פעדקאַ איז אַ בעלן? מע דאַרף נאָך פרעגן! „נו, קום־זשע אַהין‟, זאָגט אים פייטל און ווייזט אים אויפן באַרג, וואָס גרינט צו זיי און ווינקט צו זיי: „אַהער, קינדער, אַהער!‟... און ביידע דראַפּען זיך אַרויף אויף אַ באַרג, בלייבן שטיין אַ ווײַלע ווי פאַרכישופט, קוקן דורך די פינגער אויף די שפּילנדיקע שיטערע שטראַלן פון דער ליבער זון און טוען זיך אַ וואָרף ביידע אויף דער נאָך פייכטלאַכער ערד, וואָס שמעקט שוין מיט גרינעם, און פייטל שלעפט אַרויס פון אונטערן פאָלע אַ פרישע, אַ ווייסע, אַ קיילאַכדיקע מצה, אָנגעשטאָכן אין דער לענג און אין דער ברייט פון ביידע זייטן מיט קליינע לעכעלאַך. און פעדקאַ באַלעקט זיך שוין באַצייטנס, נאָך איידער פייטל האָט צעשפּאָלטן די מצה פונקט אויף דער העלפט און צעטיילט זיך מיט זיין חבֿר. „וואָס וועסטו זאָגן, פעדקאַ, אויף דער מצה?‟—וואָס זאָל פעדקאַ זאָגן, אַז ס'איז ביי אים אַ פול מויל מיט מצה, וואָס טרעשטשעט אונטער די ציין און צעגייט אויף דער צונג, אַזוי ווי שניי? נאָך איין מינוט—און אויס מצה. „מער נישטאָ?‟...—טוט אים פעדקאַ אַ קוק אַריין מיט גרויע אויגן אונטערן לייבסערדאַק און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ נאָך פוטער. „דו וואָלסט דען געגעסן נאָך?‟—פרעגט אים פייטל תּמעוואַטע, קייענדיק דאָס לעצטע שטיקל מצה, און קוקט אויף אים שעלמיש מיט כיטרע שוואַרצע אייגלאַך. אַ שאלה אַ ביסל, אויב פעדקאַ וואָלט געגעסן נאָך! „טאָ וואַרט אַ ביסל—זאָגט אים

פייטל,—איבעראַיאָר וועט זיין נאָך״... ביידע צעלאַכן זיך פון דער המצאָה און, ניט געזאָגט איינער דעם אַנדערן קיין וואָרט, גלייך ווי מע האָט זיך צונויפגערעדט פריער, טוען זיך ביידע אַ וואָרף און אַ קאַטשע אַראָפּ, ווי צוויי קנוילן, גיך־גיך, באַרג־אַראָפּ.

זון אין הימל.



זון אין הימל! זון אין הימל!
שיק אונז, שיק אונז ליכט אַ סך,
ליכט אויף בערג און ליכט אויף גריבער,
ליכט אין שטוב ווי אויפן דאַך.

זון אין הימל! שיק דיין ליכט אונז
פאַר דעם פויגל אויפן צווייג,
פאַר דעם לעמעלע אין שטעלכל,
פאַר דעם הינדעלע אין שטייג.

שיק דיין ליכט פאַר אַלץ, וואָס אָטעמט,
אין דער שטאָט און אויפן פעלד,
פאַר די מענטשן, פאַר די גראָזן,
פאַר דער גאַנצער גרויסער וועלט.

דאָס אָנקומען פון די בושלען.

ס'איז געווען אַ שטילער פרימאָרגן. די זון איז נאָך געשטאַנען נידעריק אויף דעם ריינעם הימל. דאָס פרישע העל־גרינע גראָז איז נאָך געווען באַשאָטן מיט העלע טראָפּנס טוי, וואָס האָבן געלייכט און געפינקלט אויף דער זון.



אין דעם פרימאָרגן האָבן זיך איבער אַ קליין דערפל באַוויזן צוויי פויגל, שוועבנדיק הויך־הויך אין דער ריינער בלויער לופט, אזוי הויך, אַז זיי האָבן אויסגעוויזן ווי צוויי פליענדיקע פינטעלאַך. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, אַפּנים אויסקוקנדיק דאָס אָרט.—און פּלוצלונג האָבן זיי אָנגעהויבן זיך אַראָפּצולאָזן; אָבער ניט גלייך, נאָר זיך דרייענדיק כּסדר, ווי אַ רעדל, פונקט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַראָפּצופליען גלייך און אַראָפּ אַראָפּגעלאָזט האָבן זיי זיך ניט אויף דער ערד, נאָר אויף דעם שפּיץ פון אַ הויכן טשערעטענעם*) דאַך פון אַ קליין אַלט שטיבל, וואָס איז געשטאַנען גאָר אין עק דאָרף.

דאָס זיינען געווען צוויי בושלען, צוויי גרויסע, שיינע, הויכע פויגל, אינגאַנצן שניי־ווייס, אַחוץ די עקן פון די לאַנגע פליגל, וואָס זיינען געווען שוואַרץ. אַן איידל שיין און שטאַרק לייב, אַ ביסעלע לענגלאַך, אויף הויכע, דינע, בלייך־רויטלאַכע פיס; אַ קליין שיין קעפּעלע מיט אַ לאַנגן רויטן שנאָבל מיט גרויסע, טונקעלע קלוגע אויגן. און געקומען זיינען זיי פון די ווארימע לענדער, וו זיי האָבן דעם ווינטער פאַרבראַכט.

•

אַביסל זיך אָפּגערוט, האָבן זיי באַלד מיט חשק זיך גענומען בויען אַ נעסט. אויסגעקליבן האָבן זיי דעם העכסטן און דעם שפּיציקסטן

---

*) טשערעט=קאַמיש—קיילעכדיקע שטעקעלאַך, וואָס וואַקסן ביים ברעג טייך.

דאַך; געטאָן האָבן זיי דאָס אויס מורא פאַר די ווייסע חבֿרהניקעס, וואָס האָבן ליב קריכן אין די נעסטן און זיי צעוואָרפן, צונעמען די אייער, וואָס די פייגעלאַך לייגן דאָרטן, אָדער גאָר אוועקטראָגן די יונגע פייגעלאַך און זיי דערהרגענען.

די ביידע בושלען האָבן זיך גענומען אָנטראָגן פאַרדאַרטע, טרוי־קענע צווייגלאַך פון דעם נאָענטן וועלדל: יעדע מינוט זייַנען זיי גע־קומען צו פליען מיט צווייגלאַך אין מויל און צונויפגעלייגט אויפן עק דאַך אַ קיילאַכדיקע וואַנט אַלע מאָל אַלץ העכער און גרעבער.

אַזוי האָבן זיי געאַרבעט אַ טעג אַכט. דערפאַר האָבן זיי זיך געמאַכט אַ נעסט גאָר אַ וווּנדער: שטאַרק, גרויס און הויך,—די קינדערלאַך, וואָס וועלן געבאָרן ווערן, זאָלן ניט אַריבערפאַלן. אינעווייניק איז די גאַנצע מיט געוועזן אויסגעבעט מיט גראָז, היי, שטרוי, שטיקלאַך שמאַטעס און וואַטע, אַפילו שטיקלאַך פּאַפּיר, אַלץ, כּדי עס זאָל זיין ווייך צו לייגן די אייער און אויסצוזיצן זיי.

איצט, אַז אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק און אַזוי גוט גע־מאַכט, האָבן זיך אונזערע בושלען געפילט גאָר גליקלאַך. וואָס האָט זיי איצט געפעלט? יונג און שיין, אַ ווייך וואַרים נעסט אין אַ שיינער געגנט, און מיט וואָס זיך צו דערנערן איז אויך דאָ.

ניט ווייט פון דעם נעסט האָבן זיך געצויגן פעלדער און וועלדער און צווישן זיי האָבן זיך געפונען פיל זומפן, וווּ די בושלען האָבן געקאָנט גרינג באַקומען ווערים, פרעש און יאַשטשערקעס, מיט וועלכע זיי נערן זיך און דערנערן מיט זיי זייערע קליינינטשקע.

צוויטשי, צוויטשי!...

צוויטשי, צוויטשי, צוויטשעריי—
פרילינג קומט שוין אויף דאָס ניי.
פייגל גרויסע,
פייגל קליינע
אַלע פריילאַכע און שיינע
קומען מיט אַ צוויטשעריי,
מיטן פרילינג אויף דאָס ניי.

—פון וואַנען פליט איר, חבֿרה־לייט?
—צוויטשי, צוויטשי, פון דער ווייט,
פון די פעלדער,
פון די וועלדער,
פון די וואַרימע ווייטע לענדער,
צוויטשי, צוויטשי פון דער ווייט
צו אייך, קינדער חבֿרה־לייט.

איך און דאָס קעלבל.

איך גיי מיט אייך אין געוועט אויף וויפיל איר ווילט, אַז קיינער אין דער וועלט איז נישט געווען אַזוי צופרידן מיטן וואַרימען ליכטיקן נאָך־פּסח, ווי איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, מאָטל, און דעם שכנס קעלבל, וואָס מע רופט דאָס „מעני".

ביידע גלייך האָבן מיר דערפילט די ערשטע שטראַלן פון דער וואַרימער זון אינם ערשטן וואַרימען נאָך־פּסחדיקן טאָג, ביידע גלייך האָבן מיר דערשמעקט דעם ריח פונם ערשטן גרינעם גראָזעלע, וואָס קריכט, שפּראָצט אַרויס פון דער נאַר וואָס אָפּגעדעקטער ערד, און ביידע גלייך זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פונם פינסטערן ענגשאַפט צו מקבל פּנים זיין דעם ערשטן זיסן ליכטיקן וואַרימען פרילינגס־מאָרגן.

אַרויסגעכאַפּט זיך אויף גאָטס פרייע ליכטיקע וועלט, האָבן מיר ביידע, איך און מעני, זיך גענומען אויסדריקן אונזער צופרידנהייט. איך האָב אויפגעהויבן ביידע הענט אַרויף, אויפגעעפנט דאָס מויל און אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע וואַרימע לופט אַזוי פיל, וויפיל איך האָב געקאָנט,—און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך וואַקס אין דער הויך, און עס ציט מיך אַרויף, אַרויף אין דער טיפער־טיפער בלויער יאַרמלקע אַריין, דאָרט, ווו די שיטערע רויכיקע וואָלקנס שוועבן, דאָרט, ווו די ווייסע פויגלען טיקן זיך, באַווייזן זיך און ווערן פאַרשוווּנדן מיט אַ קוויטש און מיט אַ צוויטשעריי, און עס רייסט זיך אַרויס פון מיין אָנגעפילטער ברוסט אָן מיין וויסן אַ מין געזאַנג, אַ געזאַנג אָן ווערטער, אָן נאָטן, אָן אַ שום ניגון.

גאַנץ אַנדערש האָט דאָס אויסגעדריקט מעני, דעם שכנס קעלבל.

מעני, דעם שכנס קעלבל, האָט קודם אַריינגעשטעקט די שוואַרצע נאַסע מאָרדע אין מיסט אַריין, אַ שאַר געטאָן מיטן פאָדערשטן פיסל די ערד אונטער זיך אַמאָל דריי, פאַרריסן דעם עק, אויפגעשפּרונגען נאָכדעם אויף אַלע פיר, און אַרויסגעלאָזט אַ טומפּיקן „מעו!"

איך האָב מיך געמוזט צעלאַכן און כ'האָב נאָכגעמאַכט פּונקט דעם אייגענעם „מע" מיטן זעלביקן נוסח, וואָס מעני. מעני'ן איז דאָס, ווייזט אויס, געפעלן, וואָרום עס האָט לאַנג נישט גענומען, האָט דאָס קעלבל איבערגעחזרט דאָס אייגענע נאָכאַמאָל, מיטן זעלביקן נוסח און מיטן שפּרונג. איך האָב דאָס באַלד נאָכגעטאָן מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיטן קול און מיטן שפּרונג. אַזוי עטלאַכע מאָל: איך אַ שפּרונג, דאָס קעלבל

אַ שפּרונג, דאָס קעלבל אַ „מע“, איך אַ „מע“. ווער ווייסט, ביז וואַנען די שפּיל וואָלט זיך געצויגן, ווען ניט אַ שנייד פון אונטן אין האַלז אַריין פון מיין עלטערן ברודער אֵלִיָהו מיט אַלע זיינע פינף פינגער:

— קיין חרפּה ניט! אַ בָחור פון פינף יאָר שטעלט זיך אוועק טאַנצן מיט אַ קעלבל!... אין שטוב אַריין גיי, דו הולטיי איינער!...

אמאָל איז געווען...

אמאָל איז געווען אַ פּאַסטוך פון
שאָף,
איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ שלאָף.
האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף,
ערשט—נישטאָ די שאָף.

גייט ער זיך אַרויס אויפן שליאַך,
זעט ער—מע פירט אַ וואָגן מיט
עפּעלאַך,
האָט ער געמיינט: פון זיינע שאָף
די קעפּעלאַך.

גייט ער זיך אַרויס אויפן שליאַך,
זעט ער—מע פירט אַ וואָגן מיט
דערנערלאַך,
האָט ער געמיינט, דאָס איז פון
זיינע שאָף די הערנערלאַך.

גייט ער זיך אַרויס אויפן שליאַך,
זעט ער—מע פירט אַ וואָגן מיט
שטיינדעלאַך.
מיינט ער: פון זיינע שאָף די
ביינדעלאַך.

גייט ער אָבער אַרויס הינטערן באַרג,
זעט ער—די שעפּעלאַך טאַנצן און שפּרינגען.
האָט גענומען דאָס פּאַסטוכל לאַכן און זינגען.

דער פרילינג קומט!



דער פרילינג קומט, דער פרילינג קומט!
דאָס טייכל ווישט, דאָס טייכל ברומט.
די זון פון העלן הימל שיינט—
איך האָב געזען שוין שוואַלבן היינט,
די פרי־יאָר־געסט, די ליבע געסט,
זיי פלעכטן שוין ביי אונז אַ נעסט.

ווי פריי און ליכטיק איז אין פעלד!
אַ נייע וועלט, אַ שיינע וועלט.
אַ גוטער מַלאַך האָט ביינאַכט
די בלימלאַך אויף דער ערד געבראַכט,
און ס'פליען פלאַטערלאַך אַרום
פון גראָז צו גראָז, פון בלום צו בלום.

און רוישיק איז אין אַלטן וואַלד,
ער וועט אינגאַנצן גרין זיין באַלד;
די צווייגן ציען זיך אַרויף,
די ברוינע קנאָספּן בליען אויף,
עס רוישט און שאַלט און זינגט און ברומט:
דער פרילינג קומט! דער פרילינג קומט!

די בינען אין אָנהייב פרי־יאָר.

ס'איז אָנגעקומען דער פרי־יאָר. די זון האָט גענומען וואַרימען. דער שניי אויף די פעלדער איז צעגאַנגען. צווישן די פאַראַיאָריקע גרעזער האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פרישינקע, גרינינקע גרעזעלאַך. אויף די ביימער האָבן זיך געעפנט די קנאָספּן, און ס'זיינען אַרויסגעקראָכן פון זיי די יונגינקע בלעטעלאַך.

די בין האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר ווינטער־שלאָף, האָט אויס־

געריבן די אייגעלאַך מיט די האָריקע לאַפּקעלאַך און האָט אויפגעוועקט אירע חבֿרטעס.

און זיי האָבן אַלע אַרויסגעקוקט אין דרויסן צו זען, צי איז שוין צעגאַנגען דער שניי און אייז, צי איז שוין פאַרשוווּנדן דער קאַלטער ווינט.

האָבן די בינען דערזען, אַז די זון שײַנט שוין העל, אַז אומעטום איז ליכטיק און וואַרים. זײַנען זיי אַרויס פון בינשטאָק און אַוועקגעפלויגן צום עפּלבוים.

— האָסטו אפֿשר, עפּל-ביימעלע, עטוואָס שפּײַז פאַר אונז, בינען? מיר זײַנען פאַרחלשטע, פאַרשמאַכטע פון הונגערן אַ גאַנצן ווינטער.

— ניין, בינעלאַך, איר זייט צו פרי געקומען: מײַנע בלומען זײַנען נאָך באַהאַלטן אין די קנאָספּן—האָט דער עפּל-בוים געענטפערט:— פרעגט זיך נאָך בײַם קאַרשן-בוים.

זײַנען די בינען אַוועקגעפלויגן צום קאַרשן-בוים.

— טײַערער קאַרשן-ביימעלע! האָסט ניט וואָס-עס-איז פאַר די פאַרהונגערטע אָרימע בינען?

— קומט צו מיר מאָרגן געוואָר ווערן, ליבינקע,—האָט דער קאַרשן-בוים געענטפערט:—הײַנט איז נאָך אויף מיר קיין איין בלימעלע ניטאָ; ווען זיי וועלן זיך פונאַנדערוויקלען, וועל איך אײַך צונעמען מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

די אומעטיקע, פאַרשמאַכטע בינען האָבן שוין געוואָלט זיך אומקערן אַהיים. נאָר פּלוצים האָבן זיי דערזען אונטער אַ קוסט אַ קליין בלוי בלימעלע. דאָס איז געווען אַ פײַלכל. דאָס פײַלכל האָט געעפנט פאַר די בינען זײַן בעכערל, וואָס איז געווען פול מיט שמעקעדיקן זיסן זאַפט. די הונגעריקע בינען האָבן זיך אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען און געבראַכט אַהיים דעם ערשטן האָניק.

קומט אַרויס!...

מיט מיין נייער לאָפּעטקע
גראָב איך אין מיין גאָרטן:
גראָב איך אויס אַ גריבעלע,
זוך איך בלומען דאָרטן.

קומט אַרויס, איר קווייטעלאך!
קומט אַרויס, איר בלומען!
אויבן דאַרפט איר וואוינען איצט.
שניי וועט מער ניט קומען.

אין אַ פינסטער שטיבעלע
האָט איר זיך באַהאַלטן?
כ'האָב שוין באַלד מיין לאָפּעטקע
גראָבנדיק צעשפּאָלטן.

און איך ווייס ניט וואו איר וואוינט,
כ'קען אייך ניט געפינען;
קומט אַרויס, דער גאָרטן איז
אָנגעטאָן אין גרינעם.

כ'מאַך פאַר אייך אַ שטיבעלע
אין די גרינע גראָזן;
קומט אַרויס, איר בלימעלאך
אָנגעטאָן אין ראָזן.



מ אַ י.

ווידער איז דער מאַי געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט;
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
האָבן ווידער אויפגעוואַכט.

ווידער בליט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאַנצט עס אומעטום —
יעדעס בלעטל, יעדעס בלום.

דער ערשטער מאַי.

(פון די מעשׂהלאַך — „דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע“.

דאָס יינגעלע מיטן רינגעלע האָט זיך זייער שטאַרק געגרייט צום ערשטן מאַי. איין קלייניקייט — דער ערשטער מאַי! ער וועט דאָך זיכער זיין מיט אַלע קינדער צום מאַי־יום־טוב און ער וועט זיין דער קיניג און דער שכנהס מיידעלע וועט זיין די קיניגין. ער האָט שוין אַלצדינג פאַרטיק: די קרוין פון קאַרטאָן מיטן גאָלדן פּאַפּיר אַרומגעקלעפּט און דעם פּורפּור־מאַנטל געמאַכט פון פּאַפּיר.

מאָרגן, מאָרגן וועט דאָס זיין! נו, און דערווייל דאַרף מען גיין שלאָפן און אויסשלאָפן זיך גוט און אויפשטיין מאָרגן פריש און געזונט.

האָט זיך יינגעלע־רינגעלע געלייגט שלאָפן, און ווי נאָר ער

איז איינגעשלאָפן—אַהאַ, ער איז דאָ דער מַלאך פון די חַלומות און ער שלעפּט אים שוין פאַרן הענטל: „קום!“.

— וווהין?—פרעגט אים יינגעלע-רינגעלע.

צעלאַכט זיך דער בַעל-הַחָלום און זאָגט.

— וואָס הייסט וווהין? וווהין מיר גייען אַלע מאָל. האָסט זיך גאָר פאַרגעסן, אַז דו ווילסט גיין צום מֶלֶך אין פּאַלאַץ און זען דאָרטן אַלע חִדושים און קריגן אויך דעם מֶלַכס פייפעלע, מיט וואָס ער רופט אַרויס די מְכַשפים און מְכַשֵפות פון כּישוף-אינזל?

— איך האָב זיך טאַקע פאַרגעסן—האָט יינגעלע-רינגעלע געענט-פערט—מירן טאַקע גיין אַהין.

און זיי זיינען אַוועק. אויפן וועג גיט דער בַעל-הַחָלום אַ פרעג:— האָסטו, יינגעלע, דיין רינגעלע?

ווייזט אים יינגעלע דאָס רינגעלע און זאָגט: אָטאָ

מאַכט דער בַעל-הַחָלום:

— נו, אויב אַזוי, דאַרפסטו מיך נִיט. דיין רינגעלע וועט דיך שוין פירן, און איך וועל אַוועק צו אַנדערע יינגעלאַך, וועלכע האָבן ניט קיין רינגעלאַך. האָב דיר אַ גליקלאַכן וועג.

איז יינגעלע אַוועק מיט זיין רינגעלע.

גייט ער אַזוי און גייט, און אומעטום איז שוין מאַי.

עס פליען אום שוואַלבן, וואָראָבייטשיקעס, לאַרכן, בלוי-פייגעלאַך און רויט-בריסטלאַך. און זיי זיינען אַלע אַזוי לוסטיק און פריילאַך. ווער עס פישטשעט און ווער עס זינגט, איטלאַכס ווי עס קאָן.

יינגעלע-רינגעלע האָט זיך פאַרקוקט אויף זיי און גאָר פאַרגעסן וווהין ער דאַרף גיין.

און דאָ האָט ער דערזען דעם גרויסן שוואַרצן זשוק, וואָס מע רופט אים מאַי-זשוק. און אָט איז דער מאַי-דאָרן מיט שטעכלקעס אויף די צווייגן. און אָט איז מאַי אַליין אָדער בעז, ווי מע רופט דאָס, די בלומען מיטן לילאַ קאָליר, און אָט זיינען די לאַווענדל-בלומען, וועלכע האָבן אויך אַ לילאַ קאָליר, נאָר עטוואָס בלויער. און די לופט איז פול מיט גַן-עֵדֶן-ריחות, און יינגעלע-רינגעלע זעט אַלץ און שמעקט אַלץ און ער ווערט גאָר אַנטציקט און ער שרייט אויס:—אָ, ווי פיין! אָ, ווי שיין!

און דערנאָך פאַלט אים איין: ער וועט אָנרייסן בעז און לאַוועג-

דלען און אוועקטראָגן דאָס צום מֶלֶך אין פּאַלאַץ און געבן אַביסל דעם בֶּן־מֶלֶך און אַביסל דער בַּת־מַלְכָּה. און לאַנג טראַכט ער ניט און טוט דאָס טאַקע. אָנגעריסן בעז און לאָוועדלען און ער גייט ווייטער.

גייט ער און גייט, ערשט ער באַגעגנט אַ פּראָצעסיע מיט מוזיק און געזאַנג. עס מאַרשירן מענטשן אָן אַ שיר, אָנגעטאָן אין אַרבעטס־קליידער מיט געצייג אין די הענט. ווער עס טראָגט אַ האַק און ווער אַ האַמער, ווער אַ זעג און ווער אַ דלאָטע, ווער אַ רידל און ווער אַ שער און אַלע זינגען זיי:

„ערשטער מאַי ערשטער מאַי,—
אַלע מענטשן זיינען פריי,
פריי פון זאָרגן, פריי פון נויט,
דער וואָס אַרבעט, דעם קומט ברויט!"

און פאָרויס פאַר דער פּראָצעסיע איז געפאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד דער פירער. פרעגט בײַ אים ייִנגעלע־רינגעלע:

— וואָס פאַר אַ פאַראַד איז דאָס בײַ אײַך?

ענטפערט אים דער פירער פון דער פּראָצעסיע:

— היינט איז דאָך דער ערשטער מאַי און מיר זיינען אַרבעטער, און דער ערשטער מאַי איז אונזער יום־טוב.

גיט זיך אַ כאַפּ ייִנגעלע־רינגעלע:—איך ווייס! איך ווייס!

רופט זיך אָן דערנאָך דער פירער פון דער פּראָצעסיע:

— און בײַ אײַך, קינדער, איז דאָך היינט אויך יום־טוב. גייסט גאָר ניט, ייִנגעלע, צו דער קינדערשער מאַיוווקע?

ענטפערט ייִנגעלע־רינגעלע:—איך גיי גאָר צום מֶלֶך אין פּאַלאַץ. און ער דערציילט דעם פירער פון דעם אַרבעטער־פאַראַד די גאַנצע מַעֲשֶׂה.

צעלאַכט זיך דער פירער און אַלע אַרבעטער נאָך אים און זיי זינגען אַלע אויס:

—„ייִנגל, ייִנגל, זיי קיין נאַר!
מ'דאַרף קיין מֶלֶך, מ'דאַרף קיין האַר!
אַלע מענטשן זיינען גלײַך,
ניטאָ קיין אָרים, ניטאָ קיין רײַך!"

האָט זיך ייִנגעלע־רינגעלע פאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד. ווען ער האָט צוריק אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער דערזען, אַז דער אַרבעטער־פאַראַד איז שוין ניטאָ, און עס שטייען גאָר

אַרום אים אַ סך קינדער, אָנגעטאָן יום־טובדיק און זיי טאַנצן און זיי זינגען:

— קינדער, קינדער, היינט איז מאַי

אַלץ איז פריש, אַלץ איז נײַ!

און זיי האָבן אויך יינגעלע רינגעלע אַרײַנגענומען אין קאַראַהאָד און ער האָט מיט זיי געטאַנצט און געזונגען.

אַז זיי האָבן געענדיקט טאַנצן און זינגען, רופט זי אָן איין מיידעלע אין אַ רויט קליידעלע צו יינגעלע־רינגעלען:—זאָג אַקאָרשט, יינגעלע, ביסטו דאָס ניט יינגעלע מיטן רינגעלע?

ענטפערט יינגעלע־רינגעלע.—יאָ, האָסט געטראָפן, מיידעלע אין רויט קליידעלע.

זאָגט ווייטער דאָס מיידעלע אין רויט קליידעלע צום יינגעלע מיטן רינגעלע:—און דו גייסט דאָס צום מלך אין פּאַלאַץ?

ענטפערט יינגעלע־רינגעלע:—האָסט ווידער געטראָפן, מיידעלע אין רויט קליידעלע.

מאַכט זי צו אים:

— צו וואָס דאַרפסטו גיין צום מלך אין פּאַלאַץ? זיי בעסער אַליין אַ מלך. היינט מאַכן מיר אַליין אַ יום־טוב, וועסטו זיין דער קיניג פון אונזער מאַי־יום־טוב.

זאָגט יינגעלע־רינגעלע:

— גוט, אָבער ווער וועט זיין מיין מלכּה?

ענטפערט מיידעלע אין רויט קליידעלע:

— איך וועל זיין די קיניגין פון מאַי?

זאָגט יינגעלע־רינגעלע: גוט.

האָט מיידעלע רויט־קליידעלע זיך זייער דערפרייט און זי האָט אויסגעשריען צו אַלע קינדער:

— יינגעלע־רינגעלע וועט אונזער קיניג זיין!

און אַלע קינדער האָבן גענומען שרייען:

— לעבן זאָל יינגעלע־רינגעלע דער קיניג פון מאַי־לאַנד און זיין קיניגין מיידעלע רויט־קליידעלע!

און יינגעלע־רינגעלע האָט גלייך אָנגעטאָן זיינע קיניגלאַכע מאַי־קליידער און מיידעלע רויט־קליידעלע האָט אויך אָנגעטאָן אירע קיניגלאַכע מאַי־קליידער און דער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבן מיט גרויס פּאַראַד.

די קינדער האָבן גענומען מאַרשירן. אַפריער איז געגאַנגען אַ קאַפּעליע מוזיק, דורכויס פון קינדער, פּייקלער און פּייפלער און טרו־מייטער. דערנאָך זיינען געגאַנגען ייִנגעלע־רינגעלע דער קיניג און מיידעלע רויט־קליידעלע די קיניגין.

זיי זיינען געגאַנגען אונטער אַ חופּה מיט פיר שטאַנגען, געהאַלטן פון פיר ייִנגלאַך, אָנגעטאָן אין רויטע הויזן מיט גאָלדענע לאַמפּאַסן. און נאָך אַזאַ ייִנגל איז געווען דער פּאַזש, וועלכער האָט נאָכגעטראָגן די שלעפּע פון דער מאַי־קעניגינס קלייד. און דער קיניג האָט אויף זיין קאָפּ געטראָגן די קאַרטאָנענע קרוין און די קיניגין האָט אויפן קאָפּ געטראָגן אַ קראַנץ פון בלומען און בלומען זיינען געווען אויך איינגעפלאָכטן אין אירע האָר. און הינטער דעם קיניג מיט דער קיניגין זיינען געגאַנגען די איבעריקע קינדער, יעדעס קינד אויף אַן אַנדער אופן אָנגעטאָן.

אַזוי זיינען די קינדער געגאַנגען, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ פּאַרק, און אין פּאַרק האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די רעכטע שׂמחה. אויף אַ גרויסער גרינער לאָנקע איז אין מיטן געשטאַנען דער מאַי־שטאַנג, אַ הויכער שטאַנג באַפּוצט מיט בלומען און בענדער. און די קינדער האָבן זיך גענומען דרייען אַרום דעם דאָזיקן שטאַנג, דרייען זיך און טאַנצן און זינגען:

„קינדער, קינדער, היינט איז מאַי,
אַלץ איז פריש, אַלץ איז נייַ!“

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מאַי־סעודה, אָבער דאָ איז צוגעקומען ייִנגעלע־רינגעלעס מאַמע און האָט אים גענומען וועקן:

— שטיי אויף, מיין קינד! דאַרפסט שוין גיין צום מאַי־יום־טוב!

רייבט ייִנגעלע־רינגעלע די אויגן און ער זאָגט:

— איך בין דאָך שוין געווען, מאַמע!

גיט די מאַמע אַ שמייכל און זי זאָגט:

— דאָס איז דאָך געווען אין חלום און איצטער וועט דאָס זיין אויפן וואָר.

דאָס זריעה־קערנדל.

ניט קיין ווארים, ליכטיק שטיבעלע
האָט דער פויער מיר געמאַכט:
אין אַ קאַלט און פינסטער גריבעלע
ליג איך איינזאַם טאָג און נאַכט!

אַך, פינסטער איז מיר,
ענג איז מיר דאָ!
קיין טויער, קיין טיר,
קיין פענסטער ניטאָ—
איך ליג דאָ אין שטויב און אין שימל.

עס מוז זיין אַ סוף,
עס וועט זיין אַ סוף
צום פראָסט און צום שטורים,
צום פינסטערן שלאָף!
דער פרילינג דער פרילינג וועט קומען.

איך לעב אָבער, ברידער,
איך לעב!—ווייל איך וואַרט,
איך ווייס דאָך, ניט אייביק
וועט הערשן די נאַכט—
די וואָלקנס באַדעקן דעם הימל!

מיט ליכט און מיט ווארימקייט,
פרייד און געזאַנג,
און פריילאַך וועט שפּראָצן
מיין גאָלדענע זאַנג
פון צווישן דעם גראָז און די בלומען.

דער קלוגער זשוק.

— קוים געכאַפּט!—האָט אַ פֿויגל אויסגעשריען, כאַפּנדיק דעם מאַי־זשוק אין שנאָבל,—איך האָב די כּוחות אָנגעוואָרן!...



—ליבער פֿויגל,—האָט זיך דער זשוק געבעטן,—לאָז מיך אָפּ, איך וויל לעבן.

און ער האָט דערבײַ אַזוי טרויעריק געהודזשעט, אַז ס'איז געווען אַ רחמנות.

— צו וואָס טויג דיר דאָס לעבן, דו אָרימער, שוואַכער זשוק?—האָט דער פֿויגל געפֿרעגט.

—אַך, מיר ווילט זיך אַזוי לעבן, זען גאָטס וועלט, וואַרימען זיך אויף דער זון, אָטעמען די לופֿט... איך האָב דאָך ערשט נעכטן די וועלט דערזען.

— דאָס לײַגסטו שוין! אַזאַ גרויסער—און כּלומרשט, ערשט נעכטן פֿון איי אַרויס.

— גלויב מיר, פֿייגעלע, איך לייג ניט,—האָט דער זשוק אין ציטערניש אָנגעהויבן הודזשען:—לאָז מיך נאָר אָפּ, ניט שטיק מיך, וועל איך דיר דערציילן פֿון מײַן קינדהייט, וועלכע איז גאָר ניט ענלאַך אויף אײַערע. איך וועל דאָך טײַ־ווי ניט קענען אַנטלויפֿן; זעסט דאָך, אַז מײַנע פֿליגעלאַך זײַנען צעקנייטשט. און מײַן געשיכטע איז זייער אַן אינטערעסאַנטע.

דער פֿויגל איז געווען טשיקאַווע צו הערן אינטערעסאַנטע געשיכטעס; האָט ער עטוואָס פֿרײַגעלאָזן דעם זשוק, און דער זשוק האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— איך געדענק זיך נאָר פֿון דער רגע, וואָס איך האָב מיך אויסגעשיילט פֿון אײַעלע. איך בין דעמאָלט געווען אַ לאַנג ווערימל און געלעגן אין דער ערד. אַרום איז געווען אַזוי פֿינסטער, קאַלט... און עסן האָט זיך געוואָלט... איך האָב מיך אָנגעהויבן צו באַוועגן, קריכן, און בין דערקראָכן ביז אַ וואָרצל פֿון אַ בוים. כ'האָב אָפּגעביסן אַ ברעקעלע—געשמאַק. דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן קריכן פֿון בוים צו בוים, פֿון גראָז צו גראָז און געגעסן די וואָרצלען...

— אַך, דו טויגעניכטס!—האָט דער פֿויגל אויסגעשריען—פֿון קליינערהייט אָן האָסטו שוין געבראַכט שאָדן. אָט עס איך דיך דערפֿאַר אויף.

— וואַרט, פֿייגעלע,—האָט זיך דער זשוק געבעטן,—איך האָב

נאָך דעם עיקר ניט דערציילט. ווייטער איז אינטערעסאַנטער. גאַנצע דריי יאָר האָב איך אַזוי פאַרבראַכט אונטער דער ערד.

— דריי יאָר!—איז דער פויגל אויפגעבראַכט געוואָרן,—דריי יאָר, און ס'איז ניט געוועז, ווער עס זאָל דיך באַשטראָפן פאַרן שאָדן!

— ניין, פייגעלע, אַ פולע ברידער מיינע זיינען טאַקע באַשטראָפט געוואָרן. דער מוילוואָרף האָט זיי אויפגעגעסן הונדערטערוויַיז. נאָר מיך האָט קיינער ניט אָנגערירט. אויפן פערטן יאָר האָב איך דערפילט, אַז מיין הויט איז האַרט געוואָרן. איך האָב פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט, בין געוואָרן אַ פאַרשלאָפענער. איך האָב מיך אויפגעהויבן העכער צו דעם אויבערפלאַך פון דער ערד, האָב זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָפּקע און בין איינגעשלאָפן.

— הער נאָר, ברודער,—האָט דער פויגל איבערגעשלאָגן—ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע, און איך וויל עסן.

— וואַרט נאָך איין ביסעלע,—האָט דער זשוק געענטפערט און אויסגעגלייכט די פליגעלאַך,—איצט הייבט זיך ערשט אָן דאָס אינטע-רעסאַנטסטע. איך בין איינגעשלאָפן און אָפּגעשלאָפן אָפשר אַ האַלב יאָר. אויף דער ערד, האָט מען מיר נאָכדעם דערציילט, איז געלעגן שניי, ס'האָט געקנאַקט אַ פראָסט, נאָר איך האָב ניט געפילט. געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער. אָבער איינמאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אַ פרישער, אַ שטאַרקער. איך קוק מיך אַרום—ערשט כ'בין גאָר אַן אַנדערער. כ'האָב שוין אַ קאָפּ, אַ ברוסט, אַ שנעבעלע, זעקס פיסלאַך, צוויי פּאָר פליגעלאַך; אויפן קאָפּ אַ פּאָר הערנער מיט בערשטעלאַך צו רייניקן די אויגן. הַכּלל—כ'בין געוואָרן אַ מאַי-זשוק מיט אַלע פּיטשעווקעס.

— און האָסט זיך גלייך געכאַפּט אַרומפרעסן די בלעטער פון די ביימער,—האָט דער פויגל זיך געבייזערט,—אָט וועל איך דיך...

— וואַרט, וואַרט, נאָך איין רֶגע, אָט ענדיק איך שוין די מַעֲשֶׂה. הער נאָר: איך בין ניט לאַנג פאַרבליבן אונטער דער ערד. איך האָב מיך אַ ריס געטאָן און באַפרייט. אויסגעגלייכט די פליגעלאַך, געטאָן אַ הודזשע און אַ פלי הויך, הויך, הויך...

און ביי די ווערטער האָט זיך דער זשוק געטאָן אַ ריס און אַ פלי אין דער הויך אַזוי געשווינד, אַז דער פויגל איז געבליבן אַ צעטומלטער.

— אַך דו, סאַר אַ פאַלשער נֶפֶשו—האָט דער פויגל אויסגעשריען,— האָט זיך געמאַכט פאַר אַ נעבאַכקע, כּלומֶרשט האָט קיין כּוח ניט, און איז אַוועקגעפלויגן!...

נאָר איצט האָט שוין דער זשוק פון אים געלאַכט:
— זיי געזונט, גוטער ברודער, ערשט בין איך שוין געקומען צום אינטערעסאַנטסטן אָרט פון מיין געשיכטע, אַדיע!

דאָס גערטל.

אוי, איך וועל אַ פרייד דערלעבן!
מיר אין גאָרטן אָפּגעגעבן
אַ בייט אַ גאַנצע, שוואַרצע ערד,—
פייגעלאַך איר הערט?

בלעטלאַך זויבער איך געניי;
דער הימל—ניט געקאַרגט קיין טוי.
וואַקסן בלימעלאַך, ווי גאָלד,—
איר האָט זיי האָלט?

געאַקערט דורך האָב איך די בייט
און מיט בלימלאַך אויסגעזייט;
אַ בלימל נאָך אַ בלימל שפּראָצט—
פייגעלאַך, איר גלאָצט?

שפּרינגט אייך, פייגעלאַך, און היפּט,
נאָר קיין בלעטעלאַך געציפּט!
קיין שאָדן נישט געמאַכט ביי מיר,
פייגעלאַך, קיין ריר!

לאָזט זיי בליען, לאָזט זיי שמעקן,
אַניט, איר זעט?—כ'האָב אַ שטעקן
און דעריאָג אייך, אויב איר שטערט!
פייגעלאַך, איר הערט?!

אַ מעשה מיט פינף אַרבעסלאַך.



פינף אַרבעסלאַך זיינען געזעסן אין איין שויטעלע: די אַרבעסלאַך זיינען געווען גרינע, דאָס שויטעלע איז אויך געווען אַ גרינס, און דעריבער האָט זיך אויסגעדוכט די אַרבעסלאַך, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ גרינע. און די אַרבעסלאַך זיינען זיך געוואַקסן, און זיי זיינען זיך געזעסן אַלע רואיק איינס לעבן דעם אַנדערן. די זון וואַרימט זיי,

דאָס רעגנדל וואַשט זיי. זיי גיסן זיך אָן און ווערן אַלץ גרעסער און זאַפטיקער. אין זייער קליינעם הייזעלע איז אַזוי גוט! בייטאָג איז ליכטיק, ביינאַכט פינסטער. און אַזוי גייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

ס'זיינען אַריבער עטלאַכע וואָכן. די זון האָט גענומען נאָך שטאַרקער וואַרימען. דאָס שויטעלע איז געוואָרן געל. אויך די אַרבעסלאַך האָבן גענומען ווערן געל און האַרט.

— די גאַנצע וועלט ווערט געל—האָבן געטראַכט די אַרבעסלאַך. און זיי זיינען געווען גערעכט, ווייל אַחוץ זייער שויטעלע האָבן זיי קיינזאַך ניט געזען, און עס איז זיי געוואָרן אומעטיק.

— אַזוי קען מען איינגאַנצן פאַרהאַרטעוועט ווערן!—האָט געזאָגט דאָס גרעסטע אַרבעסל. איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? מיר דוכט, אַז דאָרטן, הינטערן שויטעלע איז פאַראַן עפּעס אַן אַנדער וועלט, אַ נייע. ס'איז געוויס פאַראַן! אוי, וואָלט איך ווען אַ קוק טאָן אויף איר! שוים זשע וועלן מיר דאָ אייביק בלייבן זיצן אינם שויטעלע?

און אָט איז דעם אַרבעסלס ווונטש דערפילט געוואָרן. איין טאָג איז אין זייער קליינעם נעסטעלע געווען הייס און ענג. אַלע פינף אַרבעסלאַך זיינען געזעסן איינגעקאָרטשעטע, אומעטיקע. פּלוצים האָבן זיי דערפילט עפּעס אַ שטאַרקן שטויס. עפּעס האָט זיי צוזאַמען מיט זייער הייזעלע אַ וואָרף געטאָן אינדערהייך אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעקלאַפּט אָן די ווענטלאַך פון זייער שויטעלע. די אַרבעסלאַך האָבן זיך דערשראָקן און האָבן אויסגעשריען:

— וואָס וועט איצט מיט אונז זיין?

—זאָל זיין, וואָס עס דאַרף זיין—האָט געזאָגט דאָס קלענסטע אַרבעסל.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ—קראַך! דאָס שויטעלע האָט געפּלאַצט, און אַלע פינף אַרבעסלאַך האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אויף דער ליכטיקער וועלט. און ס'איז זיי געוואָרן אַזוי גוט אויף דער פריי, אַז זיי האָבן אַזש אַ געשריי געטאָן פאַר פרייד.

זיי זיינען געלעגן ביי אַ ייִנגעלע אויף דער האַנט. דאָס ייִנגעלע האָט געזאָגט: „דאָס וועלן זיין טייערע קוילן פאַר מיין ביקסל!" און ער האָט גלייך אָנגעלאָדעוועט דאָס ביקסל מיט אַלע פינף אַרבעסלאַך און, אָנגעשטעלט עס אויף די טויבן, וואָס זיינען געזעסן אויפן דאַך.

—„וואָס וועט איצט מיט אונז זיין?—האָבן געטראַכט די אַרבעסלאַך און זיי זיינען געבליבן ליגן פאַרחלשטע. און דאָס קליין אַרבעסל האָט ווייטער געזאָגט: „זאָל זיין, וואָס עס דאַרף זיין!"

מיטאמאָל—פּיף! פּאַף! דאָס ביקסל האָט אויסגעשאָסן און די אַרבעס-לאַך האָבן גענומען פליען הויך—הויך.

— זעט, זעט, איך פלי פריער פאַר אַלעמען, קיינער וועט מיך ניט קענען דעריאָגן!—האָט אויסגעשריען דאָס ערשטע אַרבעסל.

— אַך, אַך, ווי גוט, ווי פריילאַך עס איז! איך וואָלט וועלן שטענדיק אַזוי פליען!—האָט געשריען דאָס צווייטע.

— אוי, סאַר אַ שרעק דאָס איז! איך וואָלט שוין וועלן גיכער ערגעץ זיך אַוועקלייגן,—האָט דערשראָקן געשעפּטשעט דאָס דריטע.

— איך פלי הויך, העכער פאַר אַלעמען, איך פלי גלייך צו דער זון!—האָט שטאָלץ געזאָגט דאָס פערטע, דאָס גרעסטע אַרבעסל.

און דאָס פינפטע, קליינע אַרבעסל האָט ווידער אַ טראַכט געטאָן: „זאָל זיין, וואָס עס דאַרף זיין!"

און די אַרבעסלאַך זיינען אַרויפגעפאַלן אויפן דאַך און זיך גענומען קייקלען אַראָפּצו. די טויבן זיינען זיך צוערשט צעפלויגן, נאָר דער-ווייַנדיק, אַז איבערן דאַך קייקלט זיך עפּעס, האָבן זיי זיך אומגעקערט און גענומען פּיקן די אַרבעסלאַך. אָבער זיי האָבן אויפגעפּיקט נאָר דריי אַרבעסלאַך. די איבעריקע צוויי—דאָס גרעסטע און דאָס קלענסטע אַרבעסל—האָבן זיי ניט געפונען.

דאָס גרעסטע אַרבעסל האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון דאַך און איז אַרייַנגעפאַלן אין אַ פעסל מיט רעגנוואַסער. דאָס איז געווען ניט קיין אָנגענעמע זאַך. נאָך גוט, וואָס אין פעסל איז געווען ווייניק וואַסער, אַניט וואָלט דאָרט דאָס אַרבעסל גאָר דערטרונקען געוואָרן.

ליגט זיך אַזוי דאָס אַרבעסל אַ טאָג, און צוויי און זעט, אַז עס הייבט אָן אָנקוועלן און פולער ווערן פונם וואַסער. און עס איז געוואָרן אַזוי ווייך און זאַפטיק! דאָס נאַרישע אַרבעסל האָט זיך דער-פרייט און זיך געטראַכט: „סאַר אַ גליק דאָס איז, איך וועל דאָ אויס-וואַקסן אַ גרויסע, אַ גרויסע!"

און דאָס אַרבעסל איז געוואָרן זייער גרויס ביי זיך.

ס'זיינען אַריבער נאָך עטלאַכע טעג. ס'האָבן גענומען גיסן רעגנס, און אונזער אַרבעסל איז געוואָרן זייער גרויס, געשוואָלן און מיאוס. זיין הייטל איז געוואָרן אָנגעווייקט און איז אָפּגעשטאַנען פון קערפּערל.

און דאָס אָרימע אַרבעסל האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געקומען אַ סוף צו זיינע יאָרן. עס איז אַרויפגעשווומען אויבן אויפן וואַסער,

האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער שיינער וועלט, האָט אַרויס־געלאָזן אַ זיפץ און איז געשטאָרבן. זיין הײַטל האָט געפּלאַצט, דאָס קערפּערל איז צעפאַלן און פאַרפוילט געוואָרן.

און ווו איז אַהינגעקומען דאָס קלענסטע אַרבעסל.

בעת עס איז צוזאַמען מיט די שוועסטערלאַך געפלויגן פון ביקסל אַרויפצו, איז עס פון זיי אָפּגעשטאַנען, ווייל עס איז געווען גרינגער פון זיי. ניט דערפליענדיק צום דאַך, איז עס אַרויפגעפאַלן אויף אַ פענסטער־ברעט און האָט זיך פון דאָרט אַראָפּגעקייקלט אין אַ שפּאַלט צווישן די אַלטע ברעטלאַך פון אַ פענסטער־ראָם. אונטער די ברעטלאַך איז געווען מאָך און פייכטע ערד. אין שפּאַלט, ווו דאָס אַרבעסל איז געלעגן, איז געווען פינסטער און פייכט. נאָר אַ קאַרגער שיין פון דער זון פלעגט אַהער צוקומען. אָבער דאָס אַרבעסל איז אויך מיט דעם געווען צופרידן.

— זאָל זיין, וואָס עס דאַרף זיין! — האָט עס ווידער געטראַכט און גענומען געדולדיק וואַרטן.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגעקומען דער ווינטער. דאָס שפּעלטל איז געוואָרן באַדעקט מיט שניי, און דאָס אַרבעסל איז רויק איינגעשלאָפן. אַזוי האָט עס אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן ווינטער. ס'איז אָנגעקומען דער פרילינג און די וואַרימע שטראַלן פון דער זון האָבן ווידער אויפגעוועקט דאָס אַרבעסל. און ס'איז מיט אים געשען דאָס, וואָס ס'האָט געדאַרפט געשען: פון אים זיינען אַרויסגעוואַקסן צוויי קליינע שפּראָצעלאַך. איינס האָט גענומען וואַקסן אַראָפּצו, אין דער ערד אַריין, דאָס צווייטע האָט זיך געצויגן אַרויפצו, צום ליכט. און אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן זיך פונם שפּעלטל באַוויזן יונגע גרינע בלעטעלאַך. פון דעם קליינעם יונגן אַרבעסל איז געוואָרן אַ פרישׁ גרין געוויקסעלע. די ערד האָט אים שפּייז געגעבן, דער רעגן האָט אים צו טרינקען געגעבן און די זון האָט אים געגלעט און גע־צערטלט און געוואַרימט דאָס בלאַסע שטענגעלע. און עס איז געוואָרן אַלץ גרינער און גרינער. עס האָט אַרויסגעלאָזן אַלץ נייע און נייע בלעטעלאַך און איז געוואַקסן אַלץ העכער און העכער, ביז עס איז דערגרייכן צום פענסטער־ברעט פונם בוידים־שטיבל.

*

און אויפן בוידים האָט געוווינט אַן אָרימע אַלמָנָה מיט איר קראַנקער מיידעלע. ס'איז שוין אַוועק אַ גאַנץ יאָר, ווי דאָס מיידעלע

איז קראַנק. זי איז געווען אַזוי שוואַך, אַז זי האָט שטענדיק געמוזט ליגן, און ניט געקענט אויפשטיין פון בעט. זייער אָפט פלעגט די מוטער פאַרגיסן טרערן, קוקנדיק אויף איר איינציק קינד. זי האָט געמיינט, אַז דאָס מיידעלע וועט באַלד שטאַרבן. אָבער דאָס מיידעלע איז ניט געשטאָרבן און אויך ניט געוואָרן בעסער. עס איז זיך אַזוי געלעגן אויפן בעט אַ קראַנקע און אַ שוואַכע.

די מוטער פלעגט אויף גאַנצע טעג אַוועקגיין אַרבעטן. זי פלעגט טאָן די שווערסטע אַרבעט. און קוים קוים פאַרדינען אויפן לעבן. דאָס מיידעלע פלעגט גאַנצע טעג ליגן אַליין, שטיל און געדולדיק וואַרטן אויף דער מוטער.

ס'איז אָנגעקומען דער פרילינג. די זון האָט וואַרימער און פריינדלאַכער גענומען אַריינקוקן אינם קליינעם פענסטערל.

איינמאָל—ס'איז נאָך געווען זייער פרי—בעת די מוטער האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין צו דער אַרבעט, האָט אַ וואַרימער זונענשטראַל אַריינגעקוקט דורכן שייבעלע און איז אַרויפגעפאַלן אויף דער פאָדלאָגע פונם אָרימען שטיבעלע. דאָס קראַנקע מיידעלע האָט אַ קוק געטאָן אויפן פענסטער און האָט פלוצים אויסגעשריען:

— מאַמע, זע, וואָס איז דאָס דאָרטן פאַר אַ גרינס אויף דער ראַם? דו זעסט, עס באַוועגט זיך פונם ווינט.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט אים אויפגעעפנט.

— אַך, האָט זי אויסגערופן,—דאָס איז אַ שמעקעדיק אַרבעסל! ווי אַזוי איז אַהער אין שפּאַלט אַריינגעפאַלן דאָס זוימענדל? איך קען דאָס גאָר ניט פאַרשטיין. ווילסט, וועל איך דיך צורוקן נענטער אַהער?

און זי האָט צוגערוקט דאָס בעטל פון איר קראַנקן טעכטערל האַרט צום פענסטער, כדי דאָס קינד זאָל קענען זען דאָס אַרבעסל.

—איצט וועט דיר שוין זיין פריילאַכער,—האָט די מוטער געזאָגט,—דו זיצט ווי אין אַ גאָרטן.

און זי האָט זיך מיט איר געזעגנט און איז אַוועק צו דער אַרבעט.

דאָס מיידעלע איז טאַקע געוואָרן אַ ביסל פריילאַכער. זי האָט געשמייכלט, קוקנדיק אויף די גרינע בלעטעלאַך פונם אַרבעסל, אויף דער העלער זון, וואָס האָט געוואַרעמט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אויף די וואָלקנדלאַך, וואָס זיינען געפלויגן איבערן הימל. דעם גאַנצן טאָג איז איר געווען אַזוי גוט, אַז זי האָט אַפילו אָנגעהויבן אונטערצומורמלען אַ לידעלע. זי האָט דאָך נעבעך אַ גאַנץ יאָר ניט אָנגעזען קיין איין

גרין בלעטעלע. דורכן פענסטער פון זייער בוידים־שטיבל האָבן זיך מער ווי די דעכער פון די דערבײַיקע הײַזלאַך ניט געזען.

פון דעם טאָג אָן האָט דאָס מיידעלע גאַנצע טעג פאַרבראַכט בײַם אָפענעם פענסטערל, געקוקט מיט ליבע און צערטלאַכקייט, ווי איר ליב אַרבעסל וואַקסט. אויך די מוטער האָט ליב געקראָגן דאָס אַרבעסל, זעענדיק ווי דאָס מיידעלע פרייט זיך מיט דעם. זי האָט מיט אַ שטעקעלע אונטערגעשפּאַרט דאָס שטענגעלע כּדי דער ווינט זאָל עס ניט צעברעכן. בײַם שטעקעלע האָט זי דורכגעצויגן אַ פאָדים ביז צום פענסטער־ראָם, כּדי דאָס שטענגעלע זאָל זיך קענען אַרום אים אַרומפלעכטן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען: דאָס שטענגעלע איז געוואַקסן אַלץ העכער און העכער און אין איין שײנעם פרימאָרגן האָט דאָס מיידעלע דערזען אויף אים די ערשטע ווייס־ראָזע בלומען. זי האָט פאַר פרייד גענומען פּאַטשן מיט די הענטלאַך און אַפילו זיך אַנידערגעשטעלט אין בעטעלע, זיך צוגעבויגן צום בלימעלע און עס אַ שמעק געטאָן.

— מיין ליב, ליב אַרבעסל! — האָט זי צערטלאַך געמורמלט און געגלעט דאָס בלימעלע מיטן הענטל.

אָך, מאַמינקע, ווי גוט, ווי גוט ס'איז מיר! — האָט זי אויסגערופן בעת די מוטער איז געקומען אַהיים: — און ווייסט, וואָס נאָך, איך פיל, אַז איך וועל געוויס אינגיכן געזונט ווערן. דו זעסט, איך קען שוין אַליין זיצן.

דאָס מיידעלע איז געווען גערעכט: מיט יעדן טאָג איז איר אַלץ געוואָרן בעסער. און די מוטער האָט גענומען גלויבן, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איר מיידעלע וועט אַראָפּגיין פון בעט. און פונקט ווי דאָס מיידעלע האָט נאָכגעקוקט ווי אַזוי דאָס אַרבעסל וואַקסט, אַזוי האָט די מוטער מיט פרייד נאָכגעקוקט, ווי אַזוי איר מיידעלע ווערט אַלץ בעסער און געזינטער.

און צום סוף איז געקומען דער פריילאַכער טאָג, ווען דאָס מיידעלע איז צום ערשטן מאָל אַראָפּ פון בעט און די מוטער האָט זי דורכגעפירט איבערן צימער. דאָס איז געווען אַן אמתער יום־טוב אויפן בוידים. די מוטער האָט געוויינט פאַר פרייד, דאָס מיידעלע האָט גע־לאַכט און געזונגען און דאָס גרינע אַרבעסל האָט זיך געוויגט בײַם פענסטערל און האָט זיך געוויס אויך געפרייט, ווייל עס האָט אַרײַנ־געטראָגן אַזוי פיל פרייד און טרייסט אין דעם לעבן פון די אָרימע מענטשן.

גליקלאַך אַרבעסל!

מיין קוויטל.

כ'האָב אין גאָרטן אויף אַ בייטל
מיר פאַרפלאַנצט אַ שיינטשיק קוויטל,
און באַגיס עס און גיב אַכט,
בין אין גאָרטן—טאָג און נאַכט.

ליבע זון, שיק דיינע שטראַלן!
וואָלקן, לאָז דיין רעגן פאַלן!
וועט מיין קוויטל וואַקסן גיך
און אין פאַרבן פּוצן זיך.

* * *

צייט אַרומזען די אַלטאַנקע,
און פאַרריכטן וואָס עס פעלט:
די שטאַכעטעלאַך די שלאַנקע
און די בענקלאַך אין געצעלט.

לינד און וואַרים איז דער וועטער,
און עס אַרבעט זיך געשמאַק!
כ'קלאַפּ די טשוועקעס, כ'הובל ברעטער,
פריילאַך זינגען זעג און האַק...

די גוטע רעגנטראָפּעלאַך.

עטלאַכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָט געדויערט ביי רֶב לייבן איידער ער האָט באַאַרבעט זיינע פעלדער. פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט פלעגט ער פאַרברענגען אין פעלד, געהאָרעוועט שווער, איבער די כוחות. נאָר אָט איז די אַרבעט פאַרענדיקט. דאָס פעלד איז צעאַקערט צעבראָנעוועט, פאַרזייט.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און רֶב לייבס זומערקאָרן איז אויפגעגאַנגען, האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען וואַקסן.

צום אומגליק האָבן זיך אָבער צו פרי אָנגעהויבן גרויסע היצן. די זאַנגען זיינען געל געוואָרן און קיין קערנער האָבן זיך ניט געוויזן.

— פאַרפאַלן די גערעטעניש!—טראַכט זיך רֶב לייב—ווי וועל

איך דאָס דורכלעבן דעם ווינטער?... אַלע טאָג קומט ער אויפן פעלד, קוקט אַלץ אויפן הימל—צי וואָלקנט זיך נִיט אויף אַ רעגן.

איינמאָל שטייט ער אַזוי אויפן פעלד און בּאַגֶהט. דערזעען אים צוויי קליינינקע רעגנטראָפּעלאַך. רופט זיך אָפּ איין טראָפּעלע צום אַנדערן:—אַ רַחמָנות אויף אַ יידן!... וויפיל ער האָט זיך דאָס צעמאַטערט, אָט דער אַלטער רֶב לייב, איידער ער האָט פאַרזייט זיינע פעלדער און איצט וועט זיין גאַנצע מי פאַרלאָרן גיין. מיר וואָלט זיך אַזוי וועלן קומען אים צו הילף!...

— טאַקע אַ רַחמָנות—האָט דאָס אַנדער טראָפּעלע געענטפערט—אָבער וואָס קענסטו אַליין אויפטאָן? דו בּיסט דאָך אַזאַ קליינטשינקע, דו וועסט דאָך נִיט בּאַנוצן אַפילו דאָס קלענסטע גרעזעלע.

דאָס איז אֶמֶת—האָט איינגעשטימט דאָס ערשטע טראָפּעלע—אָבער דאָך וועל איך אים אֶפשר בּרענגען כאָטש אַ שטיקעלע טרייסט.

דאָס אַנדער טראָפּעלע האָט אַ קוק געטאָן אויפן ערשטן און אַ טראַכט געטאָן:—איך וועל פון אים נִיט אָפּשטיין, איך וועל אויך נאָך אים נאָכגיין. און בּיידע טראָפּעלאַך זיינען אַראָפּגעפאַלן: איינס—צו רֶב לייבן אויפן שטערן, דאָס צווייטע—אויף אַ קאָרנזאַנג.

— אַ דאַנק דיר, גאָט!—האָט זיך רֶב לייב דערפרייט—דאַכט זיך עס טריפּט... איצט וועל איך שוין נִיט בּלייבּן אָן בּרויט.

דערווייל האָבּן זיך צונויפגעזאַמלט נאָך אַ סך רעגנטראָפּעלאַך.

— וואָס זאָגט איר, ווי אונזערע חַבֵרים האָבּן דאָס דערפרייט דעם אַלטן רֶב לייבן?—האָבּן די טראָפּעלאַך גערעדט צווישן זיך.

— איך וויל אויך גיין אים דערפרייען!—האָט זיך בּאַטראַכט איין טראָפּעלע.

— איך גיי אויך! איך אויך!—האָט זיך בּאַלד דערהערט פון אַלע זייטן. און די אַלע טראָפּעלאַך האָבּן מיטאַמאָל אַ גאָס געטאָן אויף דער ערד.

די קאָרן האָט זיך פאַרריכט. די זאַנגענקעפּלאַך זיינען אָנגעקוואָלן געוואָרן מיט קערנער און רֶב לייב האָט געהאַט אַ גוטע גערעטעניש.

* * *

טראָפּנס, טראָפּנס, רעגנטראָפּנס,
מאַכט די ערד אונז פייכטער;
מאָרגן אויפן פעלד די אַרבעט
וועט אונז ווערן לייכטער.

נאָכן אַקער וועל איך מאָרגן
גײַין דער זון אַנטקעגן;
טראָפּנס, טראָפּנס, רעגנטראָפּנס,—
מיר איז ליב דער רעגן.

טראָפּנס, טראָפּנס, רעגנטראָפּנס
מאַכט די ערד אונז פעטער;
יעדער טראָפּן וועט אַן אוצר
ברענגען פאַר אונז שפּעטער

די מאַרגאַריטקע.

הינטערן שטאָט, לעבן סאַמע וועג, איז געשטאַנען אַ קליין שטי־בעלע, און פאַר דעם שטיבעלע איז געווען אַ גאָרטן, אַרומגעצאַמט מיט אַ געפאַרבטן פּאַרקאַן.

האַרט בײַם פּאַרקאַן, אין שיינעם גרינעם גראָז, איז געוואַקסן אַ באַשיידענע קליינע מאַרגאַריטקע, מיט ווייסע זילבערנע בלעטעלאַך און מיט אַ געל־גאָלדן הערצעלע. די זון פלעגט באַלייכטן און וואַרימען די מאַרגאַריטקע מיט דערזעלביקער ליבע, ווי זי פלעגט וואַרימען די גרויסע פּראַכטפולע בלומען אין גאָרטן, און די מאַרגאַריטקע איז גע־וואַקסן פון שעה צו שעה.

איינמאָל אינדערפרי איז זי געשטאַנען אינגאַנצן אַ פונאַנדערגע־עפנטע און אירע קליינע ווייסע בלאַנקעדיקע בלעטעלאַך האָבן אויס־געזעען, ווי ווייסע שטראַלן, וואָס גייען אַרויס פון אַ קליינער גאָלדענער זון.

דער מאַרגאַריטקע האָט גאָרניט געאַרט, וואָס זי וואַקסט ניט אין גאָרטן, נאָר גאָר דאָ, אין דעם געדיכטן גראָז; איר האָט ניט געאַרט, וואָס זי איז ניט מער, ווי אַן איינזאַמער אָרימער בלימל, וואָס קיינער ווייס ניט פון איר.

ניין, איר האָט דאָס גאָרניט געאַרט. זי איז געווען זייער צופרידן און פריילאַך. זי האָט אויפגעהויבן איר קעפּל גלייך צו דער זון, האָט

געקוקט אויף איר און זיך צוגעהערט צו די לידער פון שפּיל־פויגל, וואָס האָט געזונגען דאָרטן אין דער הויך, אין דער בלויער לופט.

די מאַרגאַריטקע איז געווען אַזוי גליקלאַך, גלייך, ווי ס'וואָלט געקומען אַ גרויסער יום־טוב. זי האָט זיך זייער געפרייט, וואָס דער שפּיל־פויגל זינגט אַזוי שיין און גיט אַזוי גוט איבער אין זיין ליד אַלץ, וואָס זי, די מאַרגאַריטקע, פילט, נאָר קען עס אַליין ניט אַרויסגעבן.

מיט גרויס אַכטונג האָט געקוקט די מאַרגאַריטקע אויף דעם גליקלאַכן פייגעלע, וואָס קען פליען און זינגען. זי האָט זיך אָבער ניט געדאַוּהט וועגן דעם וואָס זי אַליין קען עס ניט.

— איך הער דאָך און זע,— האָט זי ביי זיך געקלערט,— די זון וואַרימט מיך, דאָס שטיל ווינטעלע קושט מיינע בלעטעלאַך, איך בין זייער גליקלאַך.

אין גאָרטן זיינען געוואַקסן אַ סך שטאָלצע בלומען, און וואָס ווייניקער זיי האָבן געשמעקט, אַלץ גרעסערע בעלי־גאווהס זיינען זיי געווען. די פּיאָנען האָבן זיך געבלאָזן מיט אַלע כּוחות, כּדי אויסצוזען שענער און גרעסער פאַר די רויזן, די פּילפּאַרביקע פּראַכטפולע טולפּעס האָבן גאַנץ גוט געוווסט, אַז זיי זיינען שיין, און האָבן נאָך העכער פאַררייסן די קעפּ אין דער הויך.

זיי האָבן זיך גאָר ניט אַרומגעקוקט אויף דער באַשיידענער ווייסער מאַרגאַריטקע. זי אָבער האָט געקוקט אויף זיי און געקלערט:— זיי זיינען דאָך אַזוי שיין, די בלומען אין גאָרטן; זיי זיינען דאָך אַזוי רייך. דאָס גליקלאַכע פייגעלע קומט געוויס שטענדיק צו גאַסט צו זיי. גוט, וואָס איך וואַקס דאָ נאָענט, קען איך כאָטש אַלץ זען.

אין דער זעלביקער רגע, ווען די מאַרגאַריטקע האָט אַזוי אַ טראַכט געטאָן, האָט דער שפּיל־פויגל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, נאָר ניט צו די פּיאָנען, ניט צו די טולפּעס, נאָר אויפן גרינעם גראָז, צו דער אָרימער קליינער מאַרגאַריטקע. זי האָט זיך פאַר גרויס שמחה אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט גאָרניט געוווסט, וואָס צו טאָן.

דאָס פייגעלע איז אַרומגעשפּרונגען אַרום דעם בלימעלע און האָט געשווישטשעט:

— סאַ ווייכינקער גרעזעלע, סאַ שיינינקער קליינינקער בלימעלע!...

דאָס הערצעלע אַ גאָלדענע, דאָס קליידעלע אַ זילבערנע. און באמת איז טאַקע דאָס הערצעלע ביי דער מאַרגאַריטקע געווען ווי גאָלד, און די קליינע ווייסע בלעטעלאַך—ווי זילבער.

די מאַרגאַריטקע איז געווען אַזוי גליקלאַך!

דער שפּיל־פויגל האָט איר אַ קוש געטאָן מיט זיין שנעבעלע, האָט דורכגעזונגען זיין לידעלע, זיך געזעגנט מיטן בלימעלע און האָט זיך ווידער אויפגעהויבן הויך־הויך אין דער בלויער לופט.

ס'איז אוועק געוויס אַ פערטל שעה, איידער די מאַרגאַריטקע איז געקומען צו זיך. האַלב פאַרשעמט, אָבער אַ גליקלאַכע האָט זי אַ קוק געטאָן אויף די בלומען אין גאָרטן, זיי האָבן דאָך אַוודאי אַלץ געזען. זיי פאַרשטייען דאָך געוויס, ווי גליקלאַך זי איז איצט.

נאָר די טולפּעס האָבן, ווי פריער, געהויבן מיט גאווה זייערע קעפּ אין דער הויך. זיי זיינען אַזש רויט געוואָרן פאַר כעס. די פּיאָנען זיינען אויך געווען זייער בייז. די מאַרגאַריטקע האָט זייער גוט געזען, אַז די בלומען זיינען שלעכט אויפגעלייגט, און דאָס האָט איר פאַרשאַפט גרויס קלעמעניש.

אין דערזעלביקער מינוט איז אַריין אין גאָרטן אַ מיידל מיט אַ גרויסן שאַרפן מעסער אין האַנט. זי איז גלייך צוגעגאַנגען צו די טולפּעס און האָט אָנגעהויבן אָפּצושניידן זייערע שטאָלצע קעפּ איינעם נאָך דעם אַנדערן.

— ווי שרעקלאַך דאָס איז, — האָט אַ קלער געטאָן די מאַרגאַריטקע און האָט אַ זיפץ געטאָן: — שוין, אָט איז שוין געקומען זייער סוף.

דאָס מיידל האָט אָפּגעשניטן די טולפּעס און איז אַוועק. די מאַרגאַריטקע האָט זיך זייער געפרייט, וואָס זי וואַקסט דאָ אין גראָז, הינטערן גערטל, און קיינער באַמערקט זי ניט.

פאַרנאַכט, ווען עס איז פאַרגאַנגען די זון, האָט זי אויפגעלייגט אירע קליינע בלעטעלאַך און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. עס האָט זיך איר געחלומט די זון און דאָס קליינע פייגעלע.

אויפן אַנדערן פרימאָרגן, ווען די מאַרגאַריטקע האָט ווידער אויסגעצויגן אירע קליינע הענטעלאַך, די ווייסע בלעטעלאַך, צו דער גאָלדענער זון און צו דער בלויער לופט, האָט זי ווידער דערהערט דעם שפּיל־פויגל. נאָר פאַרוואָס איז היינט זיין ליד אַזוי טרויעריק? יע, דער אָרימער שפּיל־פויגל האָט שוין היינט ניט געקענט זיין אַזוי פריילאַך, ווי נעכטן; מע האָט אים געכאַפּט און אַריינגעזעצט אין אַ שטייגל, וואָס ביים אָפענעם פענסטער פון שטיבעלע.

פון וואָס האָט דער שפּיל־פויגל אַזוי טרויעריק געזונגען? ער האָט דערציילט פון דער פרייהייט, פון דער גאָלדענער זון, פון דער

פרישער לופט; ער האָט געזונגען פון שטילן ווינטעלע, פון די פרישע זאַנגען אין פעלד און פון זיינע וווּנדער-שיינע רייזעס, וואָס ער פלעגט דורכמאַכן גאָר-גאָר הויך, פונאַנדערשפּרייטנדיק זיינע פליגעלאַך.

אַ גרויסער אומגליק האָט געטראָפן דעם פויגעלע: ער איז אַריינ-געפאַלן אין אַ שטייגעלע.

די קליינע מאַרגאַריטקע האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט העלפן דעם אָרימען שפּיל-פויגל. וואָס טוט מען אָבער? ווי העלפט מען אים? זי האָט גאָר ניט געקענט צוטראַכטן. די ווייסע מאַרגאַריטקעלע האָט פאַרגעסן אָן אַלץ. זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אַרום און אַרום איז אַזוי גוט, אַז די זון וואַרימט אַזוי ליבלאַך, ווי פריער, אַז פּונקט אַזוי ווי פריער בלאַנקען אויף דער זון אירע זילבערנע בלעטעלאַך.

יע, זי האָט פאַרגעסן אָן אַלץ, אָן אַלץ. זי האָט געקלערט נאָר וועגן דעם געפאַנגענעם פויגעלע, אָבער זי האָט אים מיט גאָרניט ניט געקענט העלפן.

אין דער צייט זיינען פון גאָרטן אָנגעקומען צוויי יינגלאַך. איינער פון זיי האָט געהאַלטן אין האַנט דעמזעלביקן שאַרפן מעסער, מיט וועלכן דאָס מיידל האָט נעכטן אָפּגעשניטן די טולפּעס. זיי זיינען צוגעקומען גלייך צו דער מאַרגאַריטקע. זי האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען, וואָס זיי ווילן פון איר האָבן.

— אָט דאָ קענען מיר אויסשניידן זייער אַ גוטע שטיקל ערד פאַר אונזער שפּיל-פויגל,—האָט געזאָגט איין יינגל און האָט אויסגעשניטן אַ פירקאַנטיקע שטיקל ערד, אַזוי, אַז די מאַרגאַריטקע איז געבליבן אינמיטן.

— רייס אַרויס דעם בלימל!—האָט ווייטער דאָס יינגל געזאָגט.

די מאַרגאַריטקע האָט אַזש אַ ציטער געטאָן פאַר שרעק: אויב מע וועט זי איצט אַרויסרייסן, וועט זי דאָך שטאַרבן, אָבער איצט, דווקא איצט האָט זי אַזוי געוואָלט לעבן, כּדי אַרייננצופאַלן צום שפּיל-פויגל אין שטייגעלע.

— ניין, לאָז דעם בלימעלע, זאָל עס דאָ בלייבן, עס קוקט דאָך אַזוי שיין אַרויס פון דעם גרינעם גרעזעלע.

די מאַרגאַריטקע איז געבליבן שטעקן אין דער גרינער ערד, און די יינגלאַך האָבן זי אַוועקגעטראָגן צום שפּיל-פויגל אין שטייגעלע.

דאָס אָרים פייגעלע האָט אַזוי אומעטיק באַוויינט איר פאַרלאָרענע פרייהייט. זי האָט זיך אָנגעשלאָגן מיט די פליגעלאַך אָן די אייזערנע גראַטעס פון איר תּפיסה און האָט אַזוי געפּישטשעט.

די מאַרגאַריטקע האָט אים געוואָלט טרייסטן, אָבער זי איז געווען שטום און האָט ניט געקענט זאָגן קיין איין טרייסט־וואָרט.

עס איז אַחיבעה דער גאַנצער פרימאָרגן.

— כ'האָב ניט קיין איין טראָפּעלע וואַסער, — האָט געפּיפּטשעט דער פויגל, — אַלע זיינען אַוועק און האָבן פאַרגעסן מיר געבן טרינקען. אין האַלז איז מיר טרוקן. עס ברענט מיר, כ'קען ניט אָטעמען. אוי, איך שטאַרב, כ'מוז מיך זעגענען מיטן וואַרימען שײַן פון דער זון, מיטן פרישן גרינס... מיט אַלץ, מיט אַלץ! כ'וועל דאָס שוין קיינמאָל מער ניט זען!

— דאָס אָרים פייגעלע האָט געוואָלט כאָטש אַ ביסעלע זיך אָפּפרישן. עס האָט אַריינגעשטעקט זיין פּיקערל אין דער פייכטער ערד, וואָס די יינגלאַך האָבן פאַר אים געבראַכט. אָט־דאָ האָט עס דערזען די ווייסע מאַרגאַריטקע. עס האָט זי צאַרט אַ קוש געטאָן און טרויעריק געזאָגט:

— אָרים קליין בלימעלע, דו וועסט דאָ אויך פאַרטריקנט ווערן, דו וועסט דאָ אויך שטאַרבן!...

אָנשטאָט דער פרייהייט, אָנשטאָט דער גאַנצער ברייטער וועלט האָבן די מענטשן מיר געגעבן נאָר דיך און אַ קליין שטיקל גרינע ערד. זיי מיינען, אַז יעדער גרעזעלע קען מיר פאַרבייטן אַ בוים און יעדע פון דיינע ווייסע בלעטעלאַך — אַ שמעקעדיקע בלום.

— וואָלט איך כאָטש אַ ביסעלע געקענט אים טרייסטן, — האָט געקלערט די מאַרגאַריטקע, אָבער זי האָט ניט געקענט אַ ריר טאָן מיט קיין בלעטעלע. נאָר דער רֵיח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אירע דינע צאַרטע בלעטעלאַך, איז געווען פיל שטאַרקער ווי שטענדיק.

דער שפּיל־פויגל האָט עס אויך באַמערקט און, כאָטש ער איז אויסגעגאַנגען פאַר דאָרשט און האָט געצופּט איין גרעזל נאָכן אַנדערן, האָט ער זיך דאָך צום בלימעלע ניט צוגערירט.

ס'איז געקומען דער אָוונט. דעם אָרימען פייגעלע האָט נאָך אַלץ קיינער קיין וואַסער ניט געבראַכט. עס האָט שוין מער קיין כּוח ניט געהאַט. דאַן האָט עס פונאַנדערגעשפּרייט זיינע שיינע פליגעלאַך און האָט אַ ציטער געטאָן. דערנאָך האָט עס אָנגעהויבן צו זינגען אַזוי אומעטיק־אומעטיק. זיין קעפּעלע האָט זיך אָנגעבויגן צו דער מאַרגאַריטקע, און עס איז אויסגעגאַנגען פון דאָרשט און בענקשאַפט.

די מאַרגאַריטקע האָט שוין זיינט ניט געקענט צובריפּנעמען, ווי

נעכטן אירע זילבערנע בלעטעלאַך און רויִק אײַנשלאָפן. זי האָט קרענקלאַך און טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּעלע און איז פֿאַרוועלקט געוואָרן.

*

אויפן אַנדערן טאָג זײַנען געקומען די ייִנגלאַך און איצטער ערשט האָבן זיי דערזען, אַז דער קליינער שפּיל-פֿויגל איז שוין טויט.

זיי האָבן אָנגעהויבן ביטער צו וויינען. דערנאָך האָבן זיי אויסגעגראָבן אין גערטל אַ גריבעלע, באַפּוצט עס מיט בלעטער און מיט בלומען, אַרײַנגעלייגט דאָס פֿייגעלע אין אַ רויט שיין קעסטעלע און באַגראָבן עס אין דער ערד.

דאָס שטיקל ערד מיטן פֿאַרוועלקטן בלימעלע האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן זאַמדיקן וועג און קיינער האָט גאָרניט אַ קלער געטאָן וועגן דער, וואָס ס'האָט מערער פֿאַר אַלעמען ליב געהאַט דעם אָרימען פֿייגעלע, און אַזוי געוואָלט אים טרייסטן.

דאָס ייִנגעלע און דאָס פֿייגעלע.

גענאַנגען איז אַ ייִנגעלע
אין פֿעלדער צווישן זאַנגען
און האָט אַ קליינינק פֿייגעלע,
אַ שוועלבעלע, געפֿאַנגען...

דאָס פֿייגעלע:
באַפֿריי מיך, שיינינק ייִנגעלע,
אוי, לאָז מיך, לאָז מיך פֿליען,
אין פֿעלדעלע, אין וועלדעלע,
צום נעסטעלע לאָז ציִען...

דאָס ייִנגעלע:
דו ביסט געפֿאַנגען, פֿייגעלע,
איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן,
איך מאַך פֿאַר דיר אַ שטייגעלע
מיט פֿעדערלאַך, מיט גראָזן...

מיט גרעזעלאַך מיט בלימעלאַך..!
וועסט מילך מיט חלה עסן—
די פֿעלדעלאַך, די וועלדעלאַך
זײַ מוזטו דיך פֿאַרגעסן...

דאָס פֿייגעלע:
איך דאַרף ניִשט, שיינינק ייִנגעלע,
איך דאַרף ניִשט מילך מיט חלה,
קיין בלימעלאַך אין שטייגעלע—
נאָר פֿליען גלייך מיט אַלע!...

אוי, האָב רחמנות, ייִנגעלע,
איך האָב אַן אַלטע מאַמען...
אוי, וויינען וועט די מאַמעשי,
אַז איך וועל זיך פאַרזאַמען...

רחמנות האָט דאָס ייִנגעלע
און לאָזט דאָס פייגל—קליין
—נו, פלי זיך פריי, מיין פייגעלע,
אַ וווּ דו ווילסט אַליין!

די ל״ג-בעומר-סעודה.

ס'איז אַ שיינער, אַ ליכטיקער, אַ פריילאַכער זומער-טאָג. דער הימל איז לויטער-בלוי. די פייגעלאַך זינגען. עס גלוסט זיך אין דרויסן אויף דער לופט, עס ציט אַהין, ווייט-ווייט פון דער שטאָט אַרויס, דאָרט, ווו עס שפּראָצט אַ גרעזעלע און די ביימער זיינען באַדעקט מיט גרינע בלעטעלאַך, דאָרט, ווו גאָטס פייגעלאַך טאַנצן און שפּרינגען, פישטשען און זינגען...

אין יענעם פרימאָרגן האָבן מיר זיך געכאַפּט, איך און מיין ברודער מאָטל, אויפשטיין וואָס פריער, גענומען דאָס אָנבייסן מיט זיך און מאַרש צו ליפּאַ שלום-אייזיקס! ער איז דער עלטסטער פון די תּלמידים און דאָרט איז פאַראַן אַ הויף אַ גרויסער, וואָס דאָרט פלעגן מיר פאַרברענגען דעם אַנדערן האַלבן טאָג פרייטאָג, שפּרינגען אויף איין פוס, שפּילן אין „קוצי-באַבע“, אין „עקאַך און מקח“, אָדער אין „קאַמער-קאַמער-הויז“ און אין אַנדערע שפּילערייען.

אַז מיר זיינען געקומען צו ליפּאַ שלום אייזיקס, האָבן מיר שוין דאָרטן געטראָפן די גאַנצע חבֿרה. אַרום און אַרום זיינען מיר געווען פיר און פערציק פאַרשוין, תּלמידים פון צוויי חדרים.

— אָט זיינען שוין די יאָסעלאַך מיט די מאָטעלאַך אויך דאָ! ווייזט, וואָס האָט איר געבראַכט?—רופט זיך אָן ליפּאַ שלום-אייזיקס און ער הייבט אָן צונויפנעמען די מתּנות, וואָס יעדערער האָט געבראַכט צו דער סעודה, און אויסרופן אויף אַ קול איטלאַכן צום גראַם.

— מענדל, מע מעג עסן פון דיין פענדל! אַנו, וויין, וואָס האָסטו דאָרטן? צוויי אייערבייגל, אַ שטיק לעקאַך, אַן איי מיט זעקס גראָשן.

— איציק, שפּיציק, נאָדל-טעשל! גיי אין קלייט, כאַפּ אַ פלעשל! עפּעס זע איך ביי דיר, קיין עין הרע ניט אַ גאַנצן אוצר! צוויי קיכלאַך,

דריי אייער, אַ שטיק דאַרע קישקע, עטלאַכע צוקער־לעקעכלאַך מיט מאַנדל־בייגעלאַך און האָזענע ניסלאַך, עפּעס גאָר אַ גרוזמאַ—אָהאָ! און נאָך צען גראָשן דערצו! אַ וואוילער יונגל!...

— יענקעלע—בענקעלע—פלעשעלע—בול־בול־בול! באַוויז זיך אַרויס מיט דיין גוטס! אַ בולקע, אַ גאַנצע פערטל עוף, אַ גלעזל גענזנשמאַלץ... וואָס איז דאָס? אַ פלעשל מעד? הערסטו? ביסט דאָך עפּעס גאָר אַ מזיק, כ׳לעבן!...

— משה׳לע—שטייסעלע—קלאַפּ אין שול, אַלטע ווייבער שלאָפן! קום נאָר אַהער! האָסט געבראַכט בראַנפן? האָב איך דיך ליב! וואָרום ווי האָט איר געזען אַ סעודה אָן בראַנפן?...

— אָבי—פּאָטער, קלמן—טאָטער, טאָטער—קלמן—שניאור־זלמן, זלמן־שניאור, שלאָף אין שלייער... באַוויז, באַוויז, שעם זיך ניט, אַ האַלבע איי סך־הכל?... אַ שטיקל ברויט מיט האָניק?... איין מטבע! גיב אַהער! נישקשה, עס מאַכט ניט אויס, דערויף איז דאָך ל״ג־בעומר, אַ שותפותדיקע סעודה!

— טאָפּל טוטאַריטוטו! *) ווייז, וואָס האָסטו דאָרטן? אַ טאָפּיטע מיט אַ שטיטל בולטע, מיט אַ טעפּל טנאָבל. וואָס האָט די מאַמע אַזוי־ווינציק דעדעבן?... ליפּאַ שלום־אייזיקס מאַכט אים נאָך, ווי ער רעדט מיט דער „טוף“. חברה קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, און קאָפּל אַליין לאַכט אויך.

— יואליק—בייליק, האָט דעם גרעסטן חלק! דו ביסט דאָך עפּעס אַ נגידס אַ ייִנגל. ביי דיר קאָן אַוודאי זיין אַ גאַנצער אוצר פון ביצים און פון שמאַלץ, פון ווייַן און פון בראַנפן און פון כל־טוב! איאָ! איך האָב געטראָפן? צוויי בולקעס, אַ גאַנצע האַלבע געבראָטענע קאַטשקע, אָהאָ! אַ צענדליק אייער און טיי און צוקער; היינט ניסלאַך, מיט באָקסער מיט ראָזינקעס מיט מאַנדלען, און פּאָמעראַנצן און אַ לימענע אויך—ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן! קום אַהער, לאָמיך דיך כאַטש זאָגן אַ דאַנק!

יואליק דעם נגידס גייט צו, די הענט אין די קעשענעס, מיט גרויס גדלות, און ליפּאַ שלום־אייזיקס דערלאַנגט אים אַ שנעל אין בעזר אַריין. צווישן עולם ווערט אַ געלעכטער.

— אַצינד, קינדער, זעצט זיך אויס אַלע אָטאָ דאָ, צווישן די קלעצער—זאָגט ליפּאַ שלום־אייזיקס—לאָמיר זיך אָקאָרשט נעמען צו

*) קאָפּל קוקאַריקו—קאָן ניט אויסריידן קיין „ק“.

דער סעודה! ווער האָט אַ גלעזל? גיב אַהער! לאָמיר טרינקען לחיים, לחיים, מלך! אַז מע טרינקט, איז מען פריילאַך; לחיים, נח, פון פלעשל ציט מען כּוח! קום אַהער, ניסל, נעם בראַנפן אַ ביסל! לחיים, שעפסל, מאַך אַ שנעפסל! לחיים, אַברם משה, דו האָסט דאָך ליב אַ כוסה אַ גרויסע, לחיים, טאָפּל! דאָס זאָל דעבן דעזונט מיט דליט מיט אַלדעס דוטס! טרינט אויס דאָס דאַנצע דלעזל, אַניט דיס איך דיר אַריין אין דאָרדל מיט דוואַלד, וועסטו ערדער מאַכן!...

אַלע לאַכן, און קאָפּל אַליין לאַכט אויך.

— קינדער! זאָגט, וווהין גייען מיר היינטיקס יאָר? — טוט אַ פרעג ליפּא נאָך דער סעודה.

עס ווערט אַ געשריי, אַ געפילדער; איטלאַכער זאָגט זיין מיינונג, וווהין מ'זאָל גיין.

— אויף יענער זייט בית־עולם! — שרייט מלך דער אַלמנהס.

— אויף דער ליוואַדע! — מאַכט נח דעם שוחטס.

— צו דער ציגעלניע! צו דער ציגעלניע! — שרייען עטלאַכע קולות מיטאַמאָל.

— שאַט! — רופט זיך אָן ליפּא שלום־אייזיקס — גענוג אַייך קריגן זיך! ווייסט איר, וווהין מיר זאָלן גיין היינטיקן ל״ג־בעומר?

— וווהין? וווהין?

— קיין גאַלאַגאַנאָווקע!

— קיין גאַלאַגאַנאָווקע! קיין גאַלאַגאַנאָווקע! — שרייען אַלע אין איין קול און אַפילו קאָפּל קוקאַ־רעקו העלפט קוויטשען אויף זיין דין קעלכל:

— „דאַלאַדאַנאָווטע! דאַלאַדאַנאָווטע!"

און ס'איז געבליבן, אַז מיר גייען קיין גאַלאַגאַנאָווקע.



ביימעלע.

עס וואַקסט אין פעלד אַ ביימעלע —
אַ ביימעלע אַליין.
און ס'קומען קליינע שטיפערלאַך
צו ביימעלע צוגיין.

זיי קומען אָן און שפּילן זיך
מיט ביימעלע אין פעלד,
און שפּילן אין באַהעלטערלאַך
פאַר גרויסינקע פאַרשטעלט.

זיי שפּילן זיך און יאָגן זיך
און טאַנצן אין דעם פעלד,
ווי גוט עס איז, ווי ווויל עס איז
צו לעבן אויף דער וועלט!

ס'איז ווויל און גוט צום ביימעלע,
צו קינדערלאַך אַרום.
עס שאָקלט זיך דאָס ביימעלע,
און קוקט זיך פריילאַך אום.

און ס'שיינט אַ טאָג אַ ליכטיקער
אַריבער וועלט און לאַנד,
און נעמט אַרום די שטיפערלאַך
מיט ביימעלע באַנאַנד.

און טייער איז און ליכטיק איז
און שיין און מלא חן —
עס וואַקסט אין פעלד אַ ביימעלע,
אַ ביימעלע אַליין.

עס קומט דער אָוונט אָבער אָן,
און ס'גייט די זון אַוועק,
אוי, גייען אויך די וועוויריקלאַך—
די קינדער זייער וועג.

גייט משהלע און אַהרעלע
און בערעלע פאַרטראַכט:
עס קומט שוין אָן, עס נעענטערט זיך,
עס פאַלט שוין צו די נאַכט.

זיי גייען צו דעם טאַטעשי,
צו מאַמעשי אַוועק —
פאַרבלייבן וועט דאָס ביימעלע
אַליין, אַליין — אַ שרעק!

אַליין פאַרבלייבט דאָס ביימעלע
אויף פינסטער און אויף קעלט:
עס בלייבט אַליין דאָס ביימעלע,
דאָס ביימעלע אין פעלד!

און בענקען בענקט דאָס ביימעלע
נאָך שטיפערלאַך און פרייד,
און ס'ציטערט אים דאָס הערצעלע,
ווי נאָר דער טאָג פאַרגייט.

עס פליסטערט מיט די בלעטעלאַך,
און ס'איז אים מאָדנע קאַלט
פון טויעלאַך, וואָס וואַשן עס,
ווען נאַכט און פינסטער פאַלט.

באַהאַלט עס זיך אין שאָטנדלאַך
פון זיך, פון זיך אַליין,
ביז — ס'קומט אַ גוטער ווינטעלע
צו ביימעלע צוגיין.

ער קומט צוגיין אַ שטילינקער,
און גלעט, און וויגט עס איין.
ס'וועט מאָרגן, זאָגט דאָס ווינטעלע,
אַ נייער טאָג וועט זיין!

עס וועלן קומען קינדערלאַך
צו דיר, און אויף דער פריי
צו שפּילן זיך מיט ביימעלע,
מיט ביימעלע אויפסניי.

און ווען עס זינגט דאָס ווינטעלע
די לידעלאַך פון שלאָף,
און טוליעט עס, און צערטלט עס,
און גלעט עס אָן אַ סוף,

און קעמט די גרינע בלעטעלאַך
דעם ביימעלע ביים קאָפּ —
דאַן לאָזט אַראָפּ דאָס ביימעלע
די צווייגעלאַך אַראָפּ.

און דרעמלט־איין, און ס'חלומט אים
אַ וווּנדער אָן אַ שיעור:
עס שטייען דאָ, און ס'וואַקסן דאָ
די קינדערלאַך מיט מיר.

עס וואַקסן זיי די פיסעלאַך
פון דרערד אַרויס פאַרשטעקט,
און — ס'זיינען אַלע קינדערלאַך
מיט בלעטעלאַך באַדעקט.

שטאָט הענטעלאַך גאָר צווייגעלאַך,
און לעקעלאַך אָנשטאָט,
עס וואַקסן גרינע בלעטעלאַך,
ווי גוט, אָ, ליבער גאָט!

זיי ריידן אַלע שטום־לשון,
און ס'איז אַ מאָדנע פרייד:
און יעדן רויש פון בלעטעלאַך
דאָס ביימעלע פאַרשטייט.

און ס'שטייט אַזוי דאָס ביימעלע
פון חלום שטיל באַגליקט,
פון גוטן שלאָף און ווינטעלע,
פון ווינטעלע פאַרוויגט.

און ווען עס ענדיקט ווינטעלע
דאָס לידעלע באַזאַכט,
און ס'איז אינגאַנצן פינסטער שוין,
און ס'איז לחלוטין נאַכט —

דאַן בלייבט אַליין דאָס ביימעלע
אַ שלאָפנדיקע שטיין —
אין פעלד אַ קינדער־ביימעלע,
אַ ביימעלע אַליין.



מע האָט מיך אָפּגעשאָרן.

פֿאַרוואָס בין איך יענעם ל״ג בעומר נישט געגאַנגען אין וואַלד, נישט געגעסן קיין אייערקיכלאַך און האָב אַ גאַנצן טאָג אָפּגעריטשעט אויפֿן בוידעם?— פֿאַר אַ נאַרישקייט, פֿאַר האָר. אָבער גערעכט בין איך געווען. דאָס מעגט איר מיר גלויבן אויף מיין ערן=וואָרט.

די מעשה איז אַזוי געווען: איך האָב געקרייזלטע האָר, און וואַקסן זיי ביי מיר גיך און פֿאַרדרייען זיך פֿון פֿאָרנט אין „קוטשערעס״, אין גרויסע און קליינע קרייזעלאַך און פֿון הינטן דרייען זיי זיך אויך אַרויף ווי שופֿרות׳לאַך, און, אַז איך טו אָן דאָס היטעלע, זיצט עס ווי איינגעפּאַסט, טאַקע ווי עפּעס אַ קרוינדל אויפֿן קאָפּ. און ס׳פּאַסט מיר—אַ שרעק! איר מעגט מיר גלויבן: נישקשה, איך האָב געגנוג מיך אָנגעקוקט אין שפּיגל, ווייס איך שוין. אַלע זיינען מיר מקנא געווען, און מער פֿון אַלעמען—מיין שוועסטערל. ביי מיין שוועסטערל איז לאַנגע, דינע האָר. אָבער וואָס הייסט דינע, טאַקע ווי שפּינוועבס, און גלאַטע=גלאַטע, איר זאָלט זאָגן—כאָטש איין קנייטשעלע. אַלע מאָל, ווען זי האָט באַדאַרפֿט גיין אויף אַ פֿאָרשטעלונג, פֿלעגט זי צוויי טעג פֿריער איינפֿלעכטן די האָר מיט פּאַפּירלאַך, זיי פּרעסן און ערשט נאָך דעם אַלעם—ווי נאָר זי האָט אַרויסגענומען די פּאַפּירלאַך: אַהאַ! די הערעלאַך הייבן זיך שוין אָן ווידער אויסציען, אויסגלייכן! טאַקע עפּעס ווי נאָר אויף צו להכעיס. און דעמאָלט פֿלעגט עס דאָס שוועסטערל פֿייערן אויף מיר.

— ביי אים דאַרפֿן זיין קוטשערעס! ווייסט ניט, אויף וואָס ער דאַרף זיי?

און זי איז געווען אויף מיר מלא חימה. פֿרעגט, פֿאַרוואָס? וואָס בין איך שולדיק, אַז עס דרייען זיך פֿאָרט ביי מיר די האָר; איך זאָל זיי אַפֿילו אָפּגיסן מיט אַ הייסן אָקריפּ, וועלן זיי זיך אויך ניט אויסגלייכן. וואָס זשע בין איך דאָ שולדיק?

און ניט נאָר דאָס שוועסטערל האָט געפֿייערט אויף מיר פֿאַר די האָר,—אַלע: די מומע, די באָבע און מער פֿון אַלעמען—נחמה, דאָס

שטוב־מיידל. אַלע מאָל, ווען זי פלעגט מיך נעמען צוואָגן, פלעגט זיך טאָן חושך אין שטוב.

— גוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ האָר ביי אים? איכל בלייבן אָן הענט פון זיי!—האָט זי געטַענעט און געסקובעט מיטן קעמל די קוטשערעס, אויסגעריסן שטיקער פון זיי. איך האָב געוויינט און געשריִען, די שטוב איז געגאַנגען כאַדאָראָם.

און נאָך די אַלע גוואַלדן און נאָך די ווייטאָקן, וואָס איך האָב מיך אָנגעליטן, האָט ערשט די מאַמע גענומען די שער און דעם קעמל און האָט מיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעשאָרן די האָר, מע זאָל מיך קאָנען צוואָגן. און דעריבער בין איך שטענדיק אַרומגעגאַנגען אָן אָפּגעשאָרענער מיט „טרעפּ“ אויפן קאָפּ. אוי, האָב איך פיינט געהאַט די דאָזיקע טרעפּ! און עס האָט מיר אַזוי באַנג געטאָן די קוטשערעס! פרעגט זיי וואָס? באַשר וואָס—נחָמה זאָל מיך קאָנען צוואָגן. גלייך עמיצער בעט זיי, מע זאָל מיר וואַשן דעם קאָפּ, אַז בסך־הכּל האָב איך עס פיינט ווי חזיר; אַלע פרייטאָג ווי איך פלעג נאָר דערזען — מע רוקט שוין די טשאַוואַנעס מיטן לויג אין אויוון אַריין, פלעג איך באַלד אַנטלויפן פון שטוב, ווו פעפער וואַקסט.

אָבער אין ספירה טאָר מען דאָך ניט שערן, זיינען מיר דעמאָלט אָנגעוואַקסן קוטשערעס אַ גאַנצער וואַלד! אַך, זיינען דאָס געווען קרייזעלאַך! דערפאַר איז אָבער דעמאָלט אויך געווען אַ צוואָגן מיט אַ קעמען, שוין איינמאָל אַ קעמען! ס'איז געווען הימל עפן זיך פון מיינע געשרייען און פון נחָמהס גוואַלדן. אֶמת, נאָכן צוואָגן—בין איך געווען אַ מלכּות. די וועלט האָט מיר מקנא געווען אויף מיין קאָפּ האָר. ווען איך פלעג אַרויסגיין אין גאַס, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַלע קוקן אויף מיינע קוטשערעס און קוועלן, און איך בין שיין, ווי גאָר די וועלט. אַזעלכע קוטשערעס, אַזעלכע קוטשערעס!

עֶרֶב ל״ג־בעומר זיינען זיי שוין געווען ווי ביי שמשון הגיבור. איך האָב געגלויבט, אַז אין זיי ליגט אַ כּוח, אַז זאָלן זיי נאָך אַביסל אונטערוואַקסן, וועל איך ווערן אַ שמשון הגיבור. און איך בין געשטאַנען און זיך געשפּיגלט אינם שפּיגל און האָב איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסן מער ניט לאָזן שערן די האָר, אַ סוף מיט אַן עק!

די מאַמע האָט אָבער אַנדערש געטראַכט.

— מע דאַרף אים מאָרגן אָפּשערן!—האָט זי געזאָגט צום טאַטן, און מיר האָט אַ טיאַך געטאָן אין האַרצן. ניין, איצט וועט דאָס ניט

זיין! און איך האָב אָנגעהויבן פּלוטעווען, זוכן תּירוצים, ווי אַזוי זיך אויסצובאַהאַלטן, ניט זיין מאָרגן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, ביז ל״ג-בעומר וועט אַריבער, וועט מען דאָך ווידער ביז שבועות ניט קאָנען שערן... האָב איך אויסגעטראַכט, איך דאַרף גאַנץ פרי זיין אין חדר, דער רבי האָט אָנגעזאָגט קומען גאַנץ פרי. און איך האָב געטריבן נחמהן מיר אָפּקאָכן די אייער, גיכער פאַרטיק מאַכן די קיכלאַך.

— וואָס יאָגט ער אַזוי די נשמה?—האָט נחמה געשריען, און איך האָב געגליט. ווער ווייס—אפשר נעמט זיך די מאַמע שוין צום שערן, איידער איך וועל נאָך אַוועקגיין אין חדר! און אַז איך האָב דערזען די מאַמע צוגיין צו דעם קאָמאָד און עפענען דעם אייבערשטן שופלאָד, ווו עס ליגט דאָס שערל, האָב איך געכאַפּט פיר אייער, אַביסל ראָזינקעס, אַ צוקערלעקאַכל און אַוועק אין חדר אָן קיכלאַך, אָן אַ קאָפּיקע געלט, אָן ווישניק ווי אַלע מאָל. איך בין געווען פאַרפלאַמט און צעטראָגן און בין געלאָפן עפּעס אַזוי פריילאַך. איכל גיין אין וואַלד ניט קיין אָפּגעשאָרענער, דער שענסטער פון אַלע ייִנגלאַך, דער שטאַרקסטער. איכל זיין שמשון הגיבור. איכל אין וואַלד קערן וועלטן, רייסן ביימער, צעמאָלן אויף שטויב, איכל געבן אַ געשריי, וועלן אַלע בלעטער פון די ביימער אָפּפאַלן, איכל...

— שטיי, שטיי, ווו יאָגסטו?—האָב איך דערהערט הינטער זיך נחמהס קול און אַ טופּען פון פיס. און איידער איך האָב באַוויזן זיך רעכט אַרומקוקן, האָבן מיך שוין געהאַלטן נחמהס שטאַרקע הענט און געשלעפּט צוריק אַהיים.

— מ׳דאַרף אים אָפּשערן און ער לויפט, פרעג וואָס? איך בין אָן אַ נשמה געבליבן יאָגנדיק אים!

אַזוי שרייט נחמה און שלעפּט מיך. נאָר איך בין שוין געקומען צו זיך און גענומען זיך רייסן פון איר. איך וויל זיך ניט שערן! איכל זיך ניט לאָזן שערן!

די קולות זיינען געגאַנגען ביזן הימל. עס זיינען זיך אָנגעלאָפן ייִנגלאַך, מענטשן פון גאַס, מע האָט געלאַכט, געווערטלט זיך, מע האָט געהאָלפן נחמהן טראָגן מיך אַהיים, ביזי בזיונות!

די מאַמע, די באָבע, אַלע אין שטוב האָבן געגוואַלדעוועט. וואָס הייסט: דו ווילסט זיך ניט שערן? וואָס, אַרומגיין ווי אַ קודלאַטער שייגעץ איז שיין? מע זאָל דיך ניט קאָנען אויסצוואָגן—איז גוט! ווען דען וועט מען דיך שערן, אַז ניט היינט, אום ספירה?

הַכְּלָל—איך בין געווען איינער, און זיי—אַלע. און מיינע האָר זיינען נאָך ניט אויסגעוואַקסן אינגאַנצן, און דער כּוח איז נאָך ניט געווען אין זיי. האָט מען מיך אָפּגעשאָרן... נאָך ווי מיאוס אָפּגעשאָרן! איך האָב זיך געבריקעט, געדריגעט מיט די פיס—ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. און די טרעפּ אויפן קאָפּ זיינען אַרויס דאָס מאָל גרעסער און מיאוסער ווי אַלע מאָל. אוי, טרעפּ, לייטערס גאַנצע! גאָט זאָל אָפּהיטן! ווי אַזוי קאָן מען זיך ווייזן מיט אַזאַ קאָפּ אין חדר? ווי אַזוי האָב איך געקאָנט פראַווען אַ סעודה—אַז מע האָט מיך אָפּגעשאָרן, אָפּגעשאָרן מיט מיאוסע גרויסע טרעפּ אויפן קאָפּ!..

און איך בין אַרויף אויפן בוידעם און האָב דאָרט אָפּגעריטשעט דעם גאַנצן טאָג.

ווייסט איר שוין, פאַרוואָס איך בין ניט געגאַנגען אין וואַלד? בין איך ניט געווען גערעכט, זאָגט שוין איר?...

אַ שיינער טאָג.

אַ שיינער טאָג, אַ פרילינגס־טאָג
וואַכט אויף אין מיין זִכָּרון,
אַ ליבער טאָג, אַ גאָלדענער,
פון מיינע קינדער־יאָרן.

איך שטיי אין אונזער גערטעלע:
די וויינשל־ביימער בליען,
עס פלאַמען מיינע בעקעלאַך,
די אייגעלאַך—זיי גליען.

עס זאָגט מיר אָן די מאַמעניו
איך זאָל זיך ניט פאַרגעסן,
ווען גרייכן וועט די זון צום שטאַל,
דאַן זאָל איך קומען עסן.

דער טאַטע הערט זיך איין און קוועלט
און גיט דערביי אַ שמייכל,
און זאָגט מיר אָן: „לְמַעַן הַשֵׁם,
פאַרקריך ניט ווייט אין טייכל“.

קאַראַהאָד.

קינדער, הערט, איר ווילט מיר
פאָלגן?
זעט, ווי פריש עס איז דער סאָד!
נעמט אײַך אַלע פאַר די הענטלאַך,
לאָמיר גײן אַ קאַראַהאָד!...
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,—
לאָמיר גײן אַ קאַראַהאָד!...

כאַ=כאַ=כאַ! דער פויגל שרעקט זיך,
און די ביימער קוקן אָן...
טאַנצט זשע האַסטיקער, און יעדער
זאָל זיי ווייזן וואָס ער קאָן!...
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,—
זאָל זיי ווייזן וואָס ער קאָן!...

וואָס זשע שטייסטו ווי אַ גולם,
בערל, יאָסל—נו, געשווינדו!
היי, אַ הייב די פיסלאַך, עולם,
אַזש אַ פּאָך טאָן זאָל דער ווינט!...
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,—
אַז אַ פּאָך טאָן זאָל דער ווינט!...

איצט לאָזט לאַנגזאַמער די פיסלאַך
און שטעלט אָפּ די טענצעריי,
לאָמיר אָפּרוען צו ביסלאַך,
און דערנאָכדעם אויף=דאָס=ניי.
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,—
און דערנאָכדעם אויף דאָס ניי!



דאָס פייגעלע.

פייגעלע, דו פייגעלע!
בלייב אַ ווײַלע שטיין!
לאָז אָנקוקן דיך פייגעלע,
דו ביסט דאָך אַזוי שיין!
אַ קעפּל ווי אַ ניסעלע,
אַ דריי אַהער, אַהין...

זעט נאָר סאַר אַ פיסעלע,
מאַמינקעס, ווי דין!
שפּילט זיך מיטן שנאָבעלע,
וואַרפט עס הין, צוריק,
דערלאַנגט אין זאַמד אַ גראָבעלע,
אַ נישטער און אַ פּיק;

כאַפּט אַ ווײַסן ברעקעלע,
קוקט זיך אום דערפרייט,
אַ שאָקל מיטן עקעלע,
די פליגעלאַך צעשפּרייט—
פררר!... אין בלאָען הימעלע
פליט עס שוין געשווינד.

אויף זײַן דינער שטימעלע
רעדט עס מיטן ווינט...
אַך, לאָז אַראָפּ זיך, פייגעלע!
אַ רגעלע בלייב שטיין!
לאָז מיך זען דיך, פייגעלע,
דו ביסט דאָך אַזוי שיין!

קוקו-ריקו ררראָאָ!

אַמאָל איז געווען אַ האָן. אַ ווײַסער האָן, ווײַס ווי מילך, און אֶפשר נאָך ווײַסער, און אֶפשר אַזוי ווײַס ווי שניי. און אַ קאַם האָט ער געהאַט נאָך רויטער פון רויט; רויט ווי פײַער, און אֶפשר נאָך רויטער. זײַנע פיס זײַנען געווען אויך רויטע, ווי די פיס פון ווײַסע טויבן. און אַז ער האָט געקרייט—אוי, האָט ער געקרייט! ער האָט קיינמאָל ניט געקרייט אויף דער ערד שטייענדיק, דאָס האָט ער געהאַט פײַנט. פריער אַרויפגעפלויגן אויף אַ פּלויט, אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגלען און:

— קוקו-ריקו- ררראָאָאָ!
און באַלד—קוקו-קוקו ריקוררראַ.
און באַלד—קוקוריקו ראַאַאו.

אזוי האָבן אים געענטפערט די הענער פון אַלע זייטן, אַרום און אַרום.

פינף הינדעלאַך האָט ער געהאַט און מיט זיי האָט ער זיך געחבֿרט. איינע איז געווען אַ ווייסע און איינע אַ שוואַרצע, איינע אַ ווייסע מיט אַ שוואַרצן פליגל און איינע אַ שוואַרצע מיט אַ ווייס קעפּעלע, און די פינפטע איז געווען גאָר אַ שוואַרצע. שוין גאָר, גאָר אַ שוואַרצע מיט אַ רויטן קאַם און רויטע פיס און ביי די אייערלאַך ווייסע לעפּעלאַך. וואָס איז געווען אַ סימן, אַז זי קען לייגן אַ סך אייעלאַך.

זייער אַ גוטער, זייער אַ געטרייער איז ער געווען צו זיינע הינער. אַז ער האָט געפונען אַ קערנדל אין שטויב, האָט ער עס ניט אויפגעגעסן אַליין.

— קאָ־קאָ־קאָ—האָט ער געמאַכט, וואָס דאָס האָט געמיינט:

— הינדעלאַך מיינע, ליבינקע, טייערע, אַ קערנדל האָב איך געפונען, וועך פון אייך וויל עס? ווער פון אייך וועט קומען פריער און וועט דאָס קערנדל כאַפּן?

וואָס אָבער קומט אַרויס? ער האָט זיך ליב געהאַט צו שלאָגן מיט פרעמדע הענער, ווייל ער האָט פיינט געהאַט פרעמדע הענער, וואָס זיינען געקומען צו שפּאַצירן אויף זיין הויף און געוואָלט זיך חבֿרן מיט זיינע הינער. אוי, האָט ער געהאַט אַ כּעס! אוי, האָט ער זיך געשלאָגן! אין געשלעג האָט ער זיך געצילט נאָר אויסצופּיקן זיין שונאַ די אויגן, כּדי ער זאָל שוין ניט טרעפן דעם וועג אַהער צו קומען. האָבן עס זיינע שונאים געוווסט און האָבן זיך געהיט. און אַז ער האָט אויסגעקרייט:

— קוקו־ריקו ררראָאָאָ.—קומט מיט מיר זיך שלאָגן!
האָט מען אים געענטפערט:

— קוקו־ריקו ראָאָאָו... שלאָגן זיך מיט דיר ווילן מיר ניט, ווילסט מיט אונז ניט לעבן בשלום—קומען מיר אינגאַנצן ניט.

— קוקוריקו ררראָאָאָ!! קומט צו מיר מיט מיר זיך שלאָגן...
קומט ניט קיינער.

וואַרט ער אַ טאָג, וואַרט ער צוויי, שאַרפט ער דעם שנאָבל אָן דער ערד, שאַרפט ער דעם שנאָבל און שאַרפט, שאַרפט ער אים אַ טאָג, שאַרפט ער אים צוויי, וואַרט, אַז איינער פון זיינע שונאים זאָל קומען צו אים אַ געשלעג פאַרפירן. קומט אָבער קיינער ניט. וואַרט ער און וואַרט און קען זיך ניט דערוואַרטן.

— קאָ־קאָ־קאָ—מאַכט ער איינמאָל צו זיינע הינדעלאַך, איר בלייבט

אייך דאָ און איך וועל זיך לאָזן זוכן מיינע שונאים. קומען זיי ניט צו מיר, באַדאַרף איך גיין צו זיי. און אוי וועל איך זיי די פעדערלאַך פליקן. אוי וועל איך זיי די אייגעלאַך פּיקן.

נעמט ער און פליט אַרויף אויפן פּלויט. אַ קריי געטאָן און באַלד אין פרעמדן גאָרטן אַריין. ביים פּלויט אין פרעמדן גאָרטן איז געוואַקסן בעבלאַך, און קאַרטאָפל, און קראָ-פּעווע, און שישקעס, און בערעלאַך. און טאַקע דאָרטן האָט אויף אים שוין געוואַרט דער שונא, אַ רויטער האָן — אַ גבֿר.



פונוואַנען און פון וואָס האָט ער זיך גע-נומען? ווער קען וויסן. אָן אַ קריי, אָן אַ פּיפּס האָט זיך דאָס געשלעג אָנגעהויבן. וואָס מיר בערעלאַך, ווען מיר שישקעס, אַז שלאָגן זיך, זאָל זיך זיין געשלאָגן. אָנגעבלאָזן די פעדערן אויף די העלדזער און אַראָפּגעלאָזן די פליגל און אויסגעשפּיצט די שנאָבלען און איינער צום אַנדערן, איינער אויף דעם אַנדערן, איינער אונטער דעם אַנדערן. דער רויטער צילט דעם ווייסן די אויגן אויסצופּיקן. און דער ווייסער צילט דעם רויטן די פעדערן אויסצופליקן, די אויגן אויסצופּיקן. און ניט אומזיסט האָט דער ווייסער האָן אַזאַ רויטן קאַם און אַזעלכע רויטע, רויטע פיס — ווייל פלינק איז ער, גאָר פלינק. אָבער דער רויטער שונא איז שטאַרק, גאָר שטאַרק, און זיין שנאָבל איז אפֿשר נאָך אַ סך שאַרפער. פּיקט ער דעם ווייסן אין קעפּעלע — פּיקט ער אים זיין קאַם. פאַלן די רויטע טראָפּנס פון זיין רויטן, רויטן קאַם. פאַלן די רויטע טראָפּנס אויף זיינע פעדערן ווייס ווי מילך, אויף זיינע פעדערן ווייס ווי שניי. צילט ער, צילט ער יענעם אין די אויגן אַריינצופּיקן, פאַלן זיי ביידע אַוועק און פאַרפּלאָנטערן זיך צווישן די שישקעס און בערעלאַך. ניט קיין פּיפּס און ניט קיין געשריי. פּלאָנטערן זיך, פּלאָנטערן זיך און פּלאָנטערן זיך אַרויס און פאַלן ווידער אין געשלעג אַריין. אָט איז שוין דער ווייסער אויפן רויטן און דער רויטער ווידער אויפן ווייסן. רויטע און ווייסע פעדערלאַך מישן זיך צוזאַמען און די פעדערלאַך אין רויטע, רויטע

טראָפּנס אויסגעשמירט, קלעפּן זיך צו די שישקעס, קלעפּן זיך צו די בערעלאַך...

און אַזוי האָט מען זיך געשלאָגן ביז דער טאָג איז אוועקגעגאַנגען, ביז די נאַכט איז אָנגעקומען.

אַז די נאַכט איז אָנגעקומען, זעען דאָך די הינער שוין ניט מער, שלאָגט מען זיך ניט מער. אַז די נאַכט איז אָנגעקומען, איז מיט איר דער שלאָף געקומען. די נאַכט און דער שלאָף האָבן פון געשלעג געמאַכט אַ סוף, און הערט וואָס ס'איז געשען:

באַגינען, די נאַכט האָט אָנגעהויבן צו ווערן בלייכער, און דער מלאך פון באַגינען איז געקומען צום ווייסן האָן, אים געטאָן אַ סמאַלע אונטער די פליגל, אים אויפגעוועקט און אָנגעזאָגט:

— עס קומט, עס קומט דער טאָג.

האָט דער ווייסער האָן ווי שטענדיק אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל און אויסגעקרייט:

— קוקוריקו רררראָאָאָ,—דער טאָג איז דאָ.

איז געקומען אַ ווינטעלע פון מזרח זייט, אים אַ בלאָז געטאָן צווישן די פעדערלאַך און געשעפּטשעט: דער טאָג ער קומט, דער טאָג ער קומט... האָט ער צום צווייטן מאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל און אויסגעקרייט:

— קוקוריקו—ררראָאָאָ,—דער טאָג איז דאָ!

אָבער פאַרוואָס איז דער טאָג ניטאָ?

האָט ער צום דריטן מאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל און אויסגעקרייט:

קוקוריקו ררראָאָאָ!!!

אָבער דער טאָג איז נאָך אַלץ ניטאָ.

הייבט ער אָן איבערצושטעלן פיסעלע צו פיסעלע, פיסעלע צו פיסעלע, אפשר שלאָפן זיינע הינדעלאַך לעבן אים—ניטאָ.

פיסעלע צו פיסעלע אין דער רעכטער זייט, פיסעלע צו פיסעלע אין דער לינקער זייט—קיינער ניטאָ.

קוקט ער אַרויף—פינסטער.

קוקט ער אַראָפּ—פינסטער. עס וויל די נאַכט ניט אַרויסקריכן פון די אויגן.

טוט ער צום פערטן מאָל שוין אַ פּאַטש מיט די פליגל און ציט אויס אַזוי לאַנג:

— קוקוריקו רררראָאָאָ—דער טאָג איז דאָ.
אָבער דער טאָג איז ניטאָ.

פילט ער, ווי עס ווערט אים וואַרימער אין קערפּער. עס ווערט אים וואַרימער אין קאָפּ. הערט ער, ווי דער טאָג גייט שוין אַרום, אַרום און אַרום—טאָ פאַרוואָס וויל די נאַכט פון די אויגן ניט אַרויסקריכן.

קוקט ער אַרויף—פינסטער.

קוקט ער אַראָפּ—פינסטער.

שטעלט ער ווידער זיך איבער פיסעלע רעכטס—קיינער ניטאָ. פיסעלע צו פיסעלע לינקס—קיינער ניטאָ. קוקט ער אַראָפּ און וויל אַראָפּשפּרינגען אין דער פינסטערניש אַריין. דאַכט זיך אים, אַז ער וועט פאַלן, פאַלן און קיינמאָל אויף גאָר ניט זיך אָפּשלאָגן.

קאָ-קאָ-קאָ—איך בין דאָ. און אַ שפּרונג.—

ניטאָ וווהין צו שפּרינגען. ניטאָ פון וואַנען צו שפּרינגען.

ער איז געשטאַנען אויף אַ קלאָץ, וואָס איז געלעגן אויף דה׳ערד. ניטאָ וווהין צו שפּרינגען.

הערט ער, הערט, און הערט ווי דער טאָג גייט אַרום און שפּילט זיך מיט זיינע הינדעלאַך. דער טאָג וואַרימט אים שוין און שפּילט זיך מיט זיינע פעדערלאַך, אָבער די נאַכט וויל אַלץ ניט אַרויסקריכן פון די אויגן...

האָט ער זיך איינגעהאָרבעט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און גענומען טראַכטן.

און אָט דאָס איז געווען דער סוף פון נעכטיקן געשלעג. דער רויטער האָן האָט אים די אויגן אויסגעפּיקט, האָט זיך אין די אויסגעפּיקטע אויגן אַריינגעקליבן די נאַכט און וויל ניט אַרויס...

— קוקוריקו רררראָאָאָ!
דער טאָג איז ניטאָ...

שבועות.

דער ליבער גרינער יום-טוב גייט,
די לופט איז בלוי און ריין;
אויף יעדן גרעזעלע שטראַלט אויף
אַ העלער איידלשטיין.

דער גרינער יום-טוב קלאַפּט איצטער
די זון גייט אויף און שיינט.
ווו, זיידע, וועלן מיר דאָס גרינס
אויף יום-טוב נעמען היינט?

אויפן גרינעם בערגעלע.

אויפן גרינעם בערגעלע
וואַקסט אַ יונג, ביימעלע,
וויל דאָס ביימעלע ניט שלאָפן,
די לבֿנה טוט עס שטראָפן,

וויל נישט צומאַכן די אויגן.
כאַפּט אַרום דאָס ביימעלע
איז אַ ווינטעלע צוגעפלויגן
צו דעם גרינעם בערגעלע,

„צייט דיר דרעמלען, ביימעלע,
אויפן גרינעם בערגעלע!"
אַזוי זאָגן אויך די שטערן,
נאָר דאָס ביימעלע וויל נישט הערן,

שאָקלט שטיל און וויגט עס איין:
ביימעלע, ביימעלע, רויִק זיין!
שלאָפן מוז מען, ביימעלע גריין!
וויגט אַהער, וויגט אַהין.

דרעמלט איין דאָס ביימעלע
אויפן גרינעם בערגעלע...

גרינס אויף שבֿועות.

(פון די מעשׂהלאַך — „דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע").

דער זומער דער שטיפער איז אָנגעקומען, האָט אַ בלאָז געטאָן מיט זיין הייסן אָטעם, און אַלע קינדער, און אויך דעם ייִנגעלע מיטן רינגעלע, איז געוואָרן הייס.

און ווי עס איז זיי געוואָרן הייס, אַזוי האָבן אַלע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּאָטקעלאַך און פֿרייל[א]כע און פֿאַרשוויצטע האָבן זיי זיך צעזונגען:

קומט דער ליבער זומער, זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד.
דאָ איז אונזער וואוינונג, וואוינונג,
דאָ איז אונזער לאַנד.

שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין,
מאַמע רופט אין שטוב אַריין,
עס ווילט זיך גאָרניט גיין.

אַז עס ווערט אָבער אָוונט, מוז מען שוין אַריין אין שטוב, וואָרום מע דאַרף זיך דאָך לייגן שלאָפֿן. גייען אַלע קינדער, יעדעס אין זיין הויז אַריין לייגן זיך שלאָפֿן, און יינגעלע־רינגעלע אויך. חלומען אַלע קינדער, יעדעס קינד זיין חלום. און יינגעלע־רינגעלע חלומט זיך זיין חלום, אַלץ וועגן דעם, ווי ער גייט צום מלך אין פּאַלאַץ.

גייט ער אַזוי און גייט מיטן ברייטן וועג, און גייענדיק ווערט אים הייס. טוט ער אויס דאָס קאַפּאָטקעלע און גייט ווייטער. און גייענדיק טראַכט ער וועגן די אַלע חידושים, וואָס ער וועט זען ביים מלך אין פּאַלאַץ, און וואָס ער וועט דאָרטן טאָן. ער זאָל כאָטש ניט פאַרגעסן צו קריגן דאָס כּשוף־פּייפעלע, מיט וועלכן דער מלך רופט אַרויס אַלע מכשפים און מכשפות פון צויבער־אינזל!

און ווי ער גייט אַזוי מיטן ברייטן וועג, גייט און טראַכט, ערשט ער דערהערט מיטאַמאָל קולות זינגענדיק, אַזוי פרייליך, אַזוי לוסטיק.

אין דעם חודש סיון,	און מיר שניידן אַאיר,
די טעג זעקס און זיבן,	און מיר שניידן גראָזן,
האָבן מיר שבועות,	און די אַאיר פייפן,
אַ יום־טוב אַזאַ ליבן!	ווען די ליפּן בלאָזן.

און יינגעלע־רינגעלע האָט זיך דערמאָנט, אַז באַלד איז טאַקע שבועות און מע דאַרף אויספּוצן די הייזער מיט גרינס.

אָבער ווו זינגט מען דאָס? און ווער זינגט דאָס? און ער קוקט אין אַלע זייטן, וויל זען, פון וואַנען דאָס געזאַנג טראָגט זיך. און באַלד דערזעט ער פון אַ זייטיקן וועג אָנקומען אַ גאַנצע מחנה יינגלאַך.

די קאַפּאָטקעלאַך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, קומען אָן און זינגען דאָס לידל. שטעלט ער זיי אָפּ און פרעגט זיי:—ווּהין גייט איר, קינדער? ענטפערן זיי אַלע אין איין קול.—אָנשניידן גרינס אויף שבועות!

פאַרגעסט זיך יינגעלע־רינגעלע, אַז ער דאַרף גיין צום מלך אין פּאַלאַץ, און ער זאָגט צו די קינדער:—נעמט מיך אויך!

ענטפערן די קינדער:—דער וועג איז ברייט, קום אויך מיט.

טראַכט ער ניט און גייט מיט זיי אַוועק.

אין וועג פרעגן אים די קינדער:

— און אַ מעסערל האָסטו אויף צו שניידן דאָס גרינס?

ענטפערט יינגעלע־רינגעלע:—קיין מעסערל האָב איך ניט, נאָר איך האָב אַ רינגעלע.

צעלאַכן זיך די קינדער און זיי מאַכן:

— אַ רינגעלע האָסטו? און ווי אַזוי וועסטו דאָס שניידן מיט אַ רינגעלע?

ענטפערט יינגעלע־רינגעלע: — דאָס רינגעלע וועט ניט שניידן, אָבער דאָס וועט מיר געבן אַ מעסערל.

לאַכן ווידער די קינדער. זאָגט צו זיי יינגעלע־רינגעלע:

— לאַכט ניט! מיין רינגעלע איז ניט קיין פּראָסט רינגעלע, נאָר אַ צויבער־רינגעלע, און וואָס איך וויל, גיט דאָס מיר. אָט באַלד ט'איר טאַקע זען.

און יינגעלע האָט גענומען דאָס רינגעלע און אַ זאָג געטאָן צו אים:

„רינגעלע, רינגעלע,
טו מיר צוליב!
רינגעלע, רינגעלע,
אַ מעסערל גיב!

צי פון דעם הימל,
צי פון דער ערד,
אַ מעסערל גיב מיר,
שאַרף ווי אַ שווערד.

די קינדער האָבן שוין אָנגעגרייט די הויפּנס אויף צו לאַכן, אָבער זיי האָבן ניט געלאַכט, ווייל גלייך ווי יינגעלע־רינגעלע האָט אָפּגעזאָגט זיינע ווערטער איז פון דער ערד אַרויסגעשפּרונגען אַ מעסערל, אַ שפּאָגל־ניי מעסערל, און זיך אַוועקגעלייגט ביים יינגעלעס פיס.

די קינדער זיינען געבליבן שטיין פאַרגאַפּטע, מיט אָפענע מיילער און אַז זיי זיינען געקומען צו זיך פון זייער גרויס פאַרוווּנדערונג, האָבן זיי אַלע אין איין קול גענומען שרייען: — יינגעלע־רינגעלע, זיי אונזער פירער!

און יינגעלע־רינגעלע איז געוואָרן זייער פירער און זיי זיינען געגאַנגען ווייטער. און זיי זיינען געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ געמייזאַכץ, וווּ ס'איז געוואַקסן אַאיר און וואַסערשטע־קעלאַך און אַנדערע וואַסער־גראָזן, טאַקע דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפט האָבן.

לעבן געמייזאַכץ אָבער איז געשטאַנען אַ בושל אויף איין פוס, ווי זיין שטייגער איז. האָבן זיך די קינדער פאַר אים דערשראָקן. האָט דער בושל זיי באַרויִקט און געזאָגט צו זיי:

— האָט קיין מורא ניט, קינדערלאַך! איך וועל אייך ניט טשעפּען, איך טשעפּע נאָר די פּרעש, וואָס אין געמייזאַכץ. זאָגט מיר נאָר וווּהין גייט איר?

ענטפערט יינגעלע־רינגעלע פאַר אַלע קינדער, וואָרים ער איז דאָך דער פירער:

— מיר גייען דאָ צום געמייזאַכץ אָנשניידן גרינס אויף שבועות.

בייט איבער דער בושל דעם פוס און קוקט אָן די קינדער און גיט זיי אַ פרעג:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שבועות? איר האָט דען געשוואָרן?

צעלאַכן זיך די קינדער און יינגעלע־רינגעלע האָט געענטפערט דעם בושל:

— ניין, ס'איז ניט שבועות, וואָס מע שווערט, נאָר ס'איז שבועות אַ יום־טוב. שניידן מיר אָן גרינס און מיר מאַכן פון די גרינס רייזע־לאַך, מָגן־דָוִדס און אַנדערע צאַצקעס און פּוצן אויס די הייזער דערמיט לכּבוד יום־טוב. היינט מאַכן מיר נאָך פייפעלאַך פון די אַאיר מיט די וואַסערשטעקעלאַך.

בייט דער בושל ווידער איבער דעם פוס און ער מאַכט: — אַהאַ, איצט פאַרשטיי איך שוין. נו, טאָ גייט און שניידט אייך אָן גרינס וויפיל איר ווילט אַליין און האָט אייך אַ פריילאַך יום־טוב. אָבער די פרעש אין געמייזאַכץ זאָלט איר ניט טשעפּען!

ענטפערט יינגעלע־רינגעלע.

— מיר עסן ניט קיין פרעש, די מאַמעס וועלן אונז געבן יום־טוב בלינצעס און פּוטער־קיכלאַך מיט קאַווע.

זאָגט בושל: — נו, איז גוט, גייט שניידט!

זיינען די קינדער צוגעגאַנגען צום געמייזאַכץ און האָבן גענומען שניידן דאָס גרינס.

שניידן זיי און זיי זינגען. האָבן די פרעש דערהערט און זיי האָבן זיך דערשראָקן און באַהאַלטן זיך טיף אין געמייזאַכץ. נאָר איין פראָש, אַ יינגערער, האָט זיך דערוועקט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ און אַ געשריי טאָן אויף די קינדער מיט זיין קוואַ־קוואַ־לשון:

— וואָס שניידט איר אויס דאָס גראָז פון מיין געמייזאַכץ?

מאַכט צו אים יינגעלע־רינגעלע:

— עס וועט נאָך בלייבן גענוג פאַר דיר, נאַרישער פראָש! דו שווייג בעסער און באַהאַלט דיין נאַרישן קאָפּ טיף אין געמייזאַכץ, וואָרים אָט שטייט דאָ דער בושל.

ווי דער פראָש האָט דערהערט דעם נאָמען „בושל”, אַזוי האָט ער פאַר שרעק געגעבן צוריק אַ שפּרונג אין געמייזאַכץ אַריין און באַהאַלטן זיך מיט אַלע פרעש צוגלייך.

און די קינדער האָבן אָנגעשניטן גענוג גרינס פון אַלע מינים און זיי זיינען אַוועק זינגענדיק אַהיים.

דאָס ליד פון דעם פראָש.

גערוועזן אַ פראָש אין אַ גרין סאַמעט קלייד,
קוואַק=אַ קוואַק, קוואַק=אַ קוואַק, קוואַק=אַ קוואַק.
מיט אַ שירצל אַ ווייסן פון פאָרנט פאַרשפּרייט,
קוואַק=אַ קוואַק, קוואַק=אַ קוואַק, קוואַק=אַ קוואַק.

זיין קאַמער געפלאַסטערט פון לויטער אַאיר,
קוואַק=אַ קוואַק א. אַז. וו.
פון שטראַלן די פענסטער, פון וואַסער די טיר.
קוואַק=אַ קוואַק א. אַז. וו.

האָט געפינטלט דער פראָש מיט אייגעלאך שמאָל,
קוואַק=אַ קוואַק א. אַז. וו.
ווער האָט אַזאַ מאַנטל און ווער אַזאַ קול?
קוואַק=אַ קוואַק א. אַז. וו.

פון ברעג אינם טייך און פון טייך אויפן ברעג,
קוואַק=אַ קוואַק א. אַז. וו.
אַ זונג און אַ שפּרונג, אַזוי גייען די טעג.
קוואַק=אַ קוואַק א. אַז. וו.

ביז געקומען אַ בושל אַ הויכער צוגיין,
קוואַק א. אַז. וו.
די פיס ווי די שפּענער, דער שנאָבל ווי שטיין.
קוואַק א. אַז וו.

גענומען דעם פראָש מיטן גרין סאַמעט קלייד,
קוואַק=אַ קוואַק א. אַז. וו.
און די קינדערלאַך זיינע אַ סעודה געגרייט,
קוואַק=אַ קוואַק, קוואַק=אַ קוואַק, קוואַק=אַ קוואַק.

אַ מילכיקע סעודה.

שׂרה־פייגע שטייט אין דער יום־טובדיקער אויסגעפּוצטער קיך לעבן טישל און קאַטשעט מיט חשק אַ בלעטל טייג אויף מילכיקע קנישעס. אַרום איר איז אויסגעשטעלט אַ טאָפּ פּוטער און אַ שיסל קעז. לעבן דער מאַמען שטייען אירע צוויי קינדער, יאָסעלע און רייזעלע.

— נו, קינדערלאַך, וועלן מיר עס היינטיקן שבועות האָבן מילכיקע כרעמזלאַך!... אַזאַ פּוטער, אַזאַ קעז האָב איך שוין לאַנג ניט געהאַט. אַזאַ פרישקייט, עס שמעקט אַזש!

און שׂרה־פייגע קאָן זיך ניט איינהאַלטן און מיט אַ שפּיץ לעפל פאַרזוכט זי אַ שטיקל פּוטער מיט קעז.

— זיבן טעמען האָט עס! — זאָגט זי ווייטער און שטופּט דעם לעפל די קינדער אין די מײַלכעלאַך, זיי זאָלן אויך פאַרזוכן. נאָר די קינדער האָבן ניט ליב קיין רויע פּוטער מיט קעז. זיי האָבן ליב פאַרטיקע פריש־געבאַקענע כרעמזלאַך. זיי ווילן ניט פאַרזוכן און באַלעקן זיך פון די קנישעס, וועלכע וועלן אין אַ שעה אַרום אַרויסקומען פון אויוון.

לאַנג האָט שוין די מאַמע צוגעזאָגט די קינדער צו מאַכן כרעמזלאַך און איצטער זעען זיי מיט זייערע אייגענע אויגן, טאַקע אויף דעראמתן דעם קעז, וועלכער קוקט אַרויס פון שיסל ווי זילבער, און די פּוטער, וועלכע שיינט אַרויס פון טאָפּ. זיי זעען די מאַמען מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל, ווי זי שנײַדט אויס פון דעם אויסגעקאַטשעטן גרויסן בלאַט טייג קײַלאַכדיקע טייגלאַך און לייגט אַריין קעז און פאַרקלעפּט אַזוי קונציק. באַלד וועלן די טייגלאַך אַריבערגיין אין גליענדיקן אויוון. דער טאַטע וועט באַלד קומען און מע וועט זיך זעצן צו דער מילכיקער סעודה.

— קינדערלאַך! — רופט זיך פּלוצלונג אָן די מאַמע — לויפט אַריבער צו לאה דער שכנטע און זאָגט איר, אַז איך האָב זי געבעטן, לײַען פאַר אונז אַ בעקן.

די קינדערלאַך זײַנען, ווי צוויי פייגעלאַך, רעשדיק אוועקגעפלויגן.

— איך אַליין וועל טראָגן דעם בעקן, איך דאַרף ניט רייזעלען!

— איך וועל טראָגן, איך דאַרף ניט יאָסעלען!

— קריגט זיך ניט, טראָגט ביידע, — שרייט זיי נאָך די מאַמע, — קריגט זיך ניט!

אין עטלאַכע מינוט אַרום האָט זיך געהערט, ווי יאָסעלע מיט רייזעלען גייען צוריק מיט פּאַראַד און מיט מוזיק. ביידע טראָגן דעם

בעקן און מיט צוויי שטעקלאַך פּויקט מען אויס אַ גאַנצן מאַרש אויף דעם בעקן. און מיט די מײַלכעלאַך העלפט מען צו, ווי מיט אַ טרובע און אַ פלייט.

דאָס פּויקן אין בעקן און דאָס טראָמפּייטן מיט די מײַלכעלאַך האָט אָנגעמאַכט אַ רַעַש אין געסל. מע האָט געמיינט, אַז סאָלדאַטן מיט מוזיק קומען אָן אין שטעטל. דאָס גאַנצע געסל קינדער זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן און יעדער, ווער עס האָט נאָר געקענט זיך צורוקן צו דעם בעקן, האָט געגעבן אַ פּויק, דער מיט אַ שטעקל, דער מיט אַ שטיינדל און דער מיט אַ קולאַק.

יאָסעלע און רייזעלע זיינען געגאַנגען מיט דעם בעקן פאָרויס. לעבן זיי איז אויסגעוואַקסן עפּעס אַ לאַנג בָחור׳ל מיט אַ נישט אָפּגעווישט נעזל און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן אָפיציר.

ער האָט אַ געשריי געטאָן, אַלע קינדער זאָלן זיך אויסשטעלן ווי סאָלדאַטן. דערנאָך האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: שאַגאָם מאַררשש!!

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּויקן איבער דעם בעקן און אַ צושפּיל מיט די מײַלער. דער ווי אַ טרובע, דער ווי אַ קלאַרנעט און דער מיט צוויי שטעקלאַך געשפּילט ווי אַ פידל.

ווער ווייסט, ביז וואַנען עס וואָלט אַזוי געדויערט דער „מאַרש" מיט דעם פּויקן, ווען ס׳קומט ניט פּלוצלונג שָׂרָה־פייגע. אַז זי איז שוין פאַרטיק געוואָרן מיט דעם קלעפּן די קנישעס, פּאָלירטשיקעס און כרעמזלאַך, איז זי אַרויסגעלאָפן און האָט אַרויסגעכאַפּט ביי די „סאָלדאַטן" דעם בעקן.

אין אַ האַלבער שָעה אַרום האָבן זיך אין געסל געהערט שרעקלאַכע געשרייען. דאָס האָבן זיך געקריגט שָׂרָה־פייגע מיט דער שָכנטע.

— איבער אייער בעקן האָב איך דאָס אַ פאַרשטערטן יום־טוב, איר האָט מיר געשיקט אַ בעקן מיט אַ לאָך. די פּוטער איז אויסגערונען און אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן.

דאָס האָט געשריען שָׂרָה־פייגע.

לֵאָה די שָכנטע האָט אָבער געטַענהט:

די לאָך האָט איר געמאַכט! איך האָב געוואָלט זיין אַ גוטע און אייך געליען דעם בעקן. איצטער האָב איך אַליין ניט אין וואָס צו באַקן. איך האָב אייך געגעבן אַ גאַנצן בעקן און איר האָט מיר אָפּגעגעבן אַ צעלעכערטן.

— אַזאַ אומגליק! אַזאַ אומגליק! אַזאַ קעז מיט פּוטער איבערגע־פירט! — האָט שָׂרָה־פייגע ניט געקאָנט פאַרגעסן.

און די קולות מיט די קללות האָבן ניט אויפגעהערט.

יאָסעלע מיט רייזעלען האָבן זיך פֿאַרקליבן עהגעץ אין אַ ווינקל און לאַנג זיך ניט באַוויזן. זיי האָבן גוט געוווסט פֿון וואַנען עס נעמט זיך די לאָך און האָבן באַקלאָגט די פֿאַרברענטע כרעמזלאָך.

אַ געוויטער אין וואַלד.

אַז איך בין געווען אַ קליינינקער, האָט מען מיך איינמאָל געשיקט אין וואַלד אַריין נאָך שוועמלאַך. איך בין געקומען אין וואַלד, האָב אָנגעקליבן שוועמלאַך און געוואָלט שוין גיין אַהיים. מיטאַמאָל איז געוואָרן פֿינסטער. ס'האָט אָנגעהויבן צו דונערן און צו גיסן אַ רעגן. איך האָב זיך דערשראָקן און געזעצט זיך אונטער אַ גרויסן דעמב.

ס'האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ בליץ, אַזאַ ליכטיקער, אַז איך האָב פֿאַרמאַכט די אויגן. איבער מיין קאָפּ האָט עפּעס אַ טרעשטשע געטאָן און ס'האָט געדונערט. דערנאָך האָט מיר עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. איך בין געפֿאַלן און בין געלעגן ביז וואַנען דער רעגן האָט אויפֿגעהערט. אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט אין וואַלד אומעטום געטריפֿט פֿון די ביימער. די פֿייגעלאַך האָבן געזונגען, די זון האָט געשיינט. דער גרויסער דעמב האָט זיך צעבראָכן און פֿון אים איז געגאַנגען אַ רויך.

אַרום מיר זיינען געלעגן די שפּענדלאַך פֿון דעם דעמב.

די בגדים אויף מיר זיינען געווען אינגאַנצן נאַס און האָבן זיך געקלעפּט צום גוף. אויפֿן קאָפּ איז געווען אַ בייל. ס'האָט אַ ביסל וויי געטאָן. איך האָב געפֿונען מיין היטל, האָב גענומען די שוועמלאָך און בין אַנטלאָפֿן אַהיים.



די פאַרפלייצונג.

פיר צי פינף יאָר בין איך דאַן אַלט געווען. מיין מאַמע עָלֶיהָ הַשָׁלום איז געפאָרן אין אַ שטעטל אויף דאַטשע און האָט מיך מיטגענומען. איך געדענק דאָס שטעטל איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. אַרום און אַרום הויכע בערג און אין מאַרק—קראָמען מיט הילצערנע און בלעכענע שווערדן און ביקסן, מיט טרומייטן און פויקן און מיט אַנדערע מיני שיינע זאַכן, וואָס ס'קאָן זיך אַמאָל פאַרגלוסטן.

דאָס הויז, אין וועלכן מיר האָבן געוואוינט, איז געווען אַ לאַנגס און אַ נידעריקס מיט אַ סך פענסטער. אַנטקעגן אויף אַ בערגל איז גע-שטאַנען אַ שענק. דאָרט אין דער שענק פלעגן מיר עסן וואַרימעס.

די מַעֲשֶׂה, וואָס איך דערצייל אייך, האָט פאַסירט שפּעטער מיט אַ וואָך אָדער צוויי נאָך אונזער קומען.

איינמאָל נאָך וואַרימעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלייבן וואָלקנס. וואָס אַ מאָל האָבן זיך אָנגעקליבן מער, ביז ס'איז פון זיי געוואָרן אַ דיקע שוואַרצע כמאַרע, וואָס האָט אויסגעלאָשן דעם טאָג. מע האָט אָנגעצונדן ליכט און געוואַרט. און מע האָט זיך דערוואַרט: די דונערן האָבן געקלונגען, די בליצן האָבן געפלאַמט, דער רעגן האָט געגאָסן. זעקס אַ זייגער, זומער צייט, און פינסטער ווי ביינאַכט... און די שָׁעהן האָבן זיך גערוקט. די שוואַרצע וואָלקנס זיינען געבליבן אויפן הימל. ס'איז געוואָרן נַיין: די מאַמע האָט מיך געלייגט שלאָפן און אַליין האָט זי זיך אַביסל צוגעשפּאַרט. צום סוף איז זי אויך אַנטשלאָפן געוואָרן. אויפן טיש האָט געברענט אַ ליכט... פלוצלונג, שוין נאָך האַלבער נאַכט, מע קלאַפּט אין טיר מיט שטאַרקע קלעפּ. די מאַמע כאַפּט זיך אויף פונם שלאָף. און איך כאַפּ מיך אויך אויף: די דונערן צעלייגן אַזש די וועלט. אין דרויסן רוישן טייכן, ס'הערן זיך משוגעה'דיקע גוואַלדן און פאַר דער טיר שטייט דער מאַמעס אַ ברודער, וואָס איז ביי טאָג געקומען צו פאָרן, און שרייט: „גוואַלד! הייבט זיך אויף! הייבט זיך אויף! אַ וואָלקנבראָך, אַ פאַרפלייצונג, מע דאַרף זיך ראַטעווען!"... די מאַמע לויפט צו דער טיר און מאַכט זי אויף. זי גייט שוין אין וואַסער. דער פעטער כאַפּט מיך און נעמט מיך אויף די הענט, און מיר לאָזן זיך אַרויס אויף דער גאַס, אַריבער צו דער שענק, וואָס אויף דעם בערגל. דער מאַמען און דעם פעטער און אַלע שכֵנים, וואָס ראַטעווען זיך אויך אַריבער אין שענק, גייט שוין דאָס וואַסער ביזן מיטן לייב. נאָר איך אייבער אַליין שוועב אין דער לופטן און קוק.





טראַכט צו מעשׂהלאַך צו די בילדער.

מיך אַרום אַ פּאַרוווּנדערטער, אָבער ניט קיין דערשראָקענער. אין די הענט פונם פעטער האָב איך מיך געפילט זיכער.

אין שענק איז שוין געווען גוט. דאָס וואַסער איז נאָר דערגאַנגען ביז צו די קנעכלאַך. נאָר מע איז געזעסן אויף די טישן און געוואַרט. אָבער דערווייל האָט מען זיך נאָר דערוואַרט אויף אַ נייער שרעק, אויף אַ נייער סַכָּנָה: ווייל פּלוצלונג האָט אַ שאַל געטאָן אַ מוראדיקער דונער, ראַכט זיך, איצט איז די וועלט טאַקע צעלייגט געוואָרן. פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט קולות—דעם שענקערס שטאַל ברענט! גאַנץ נאָענט, אֶפשר פופציק טריט אונטער דער שענק. נאָר אַ רֶגַע האָט עס געדויערט און די גאַנצע שטאַל איז שוין אין פייער. אין שטוב ווערט רויט און אין דרויסן איז נאָך רויטער. „דאָס פייער זאָל זיך נאָר נישט אַריבערכאַפּן”, ציטערן אַלע.

דאָס פייער פון איין זייט, דאָס וואַסער פון דער אַנדערער זייט! און איך הער מיר צו, וואָס מע רעדט, און בין גאַנץ רויִק און שטיל, און שרעק מיך נישט. סוף-כָּל-סוף בין איך גאָר אַנטשלאָפן געוואָרן. די מאַמע האַלט מיך אין אירע אָרעמס.

צו מאָרגנס בין איך שוין ווידער אין אונזער שטוב. דער הימל איז אויסגעלייטערט. איך הער, דער שענקער איז נעבאַך אַן אָרעמאַן געוואָרן, אַלע בְּהֵמות און פערד זיינען אים פאַרברענט געוואָרן. דאָס וואַסער האָט אים פאַרוויסט זיין שטיקל נַחֲלָה. און די יידן, וואָס זיינען געקומען אַהער אויף דאַטשע, אַנטלויפן... אַ רַחמָנות!

ר ע ג ן.

קינדערלאַך, אוי, קינדערלאַך!
אַ רעגנדל גאָר ווּנדערלאַך,
שמעקנדיקע טראָפּעלאַך!
אַ רעגנדל איז גאָטס גענאָד,
קומט אַרויס און טאַנצט אַ ראָד,
מיט בלויזע פיס און קעפּעלאַך!

גאָרנישט קלערן, גאָרנישט פרעגן,
קינדער וואַקסן אויפן רעגן,
ווי די בלומען, ווי די זאַנגען!
נאַקעטע קעפּלאַך, נאַקעטע פיס,
וואַקסט פון יעדן קינד אַ ריז
ביזן הימל צו דערלאַנגען.

דער שיפער.

ס'האָט דער רעגן אויפגעהערט,
דער הימל איז שוין אויסגעקלערט.
נאָך די דעכער זייגען נאַס,
רינען טייכעלאַך אין גאַס,
רינען, רינען, רינען...
כ'האָב מיין שיפעלע געפונען,

אויפן וואַסער עס געלאָזט
און עס קומט דער ווינט און בלאָזט,
יאָגט מיין שיפעלע געשווינד.
—אויף די פליגלען פונם ווינט
פלי דיר, פלי, מיין שיפעלע!
און ווו פליסטו שיפל מיין?

—צו דער פרייער וועלט, אַהין,
ווו ס'איז ליכטיק,
ווו ס'איז גרין,
פויגל זינגט, בלומען בליט!
—שיפעלע, שיפעלע, נעם מיך מיט!





אינהאלט:

זייט

אַ ייִנגל ווי אַ פינגערל (שיר) —
פ. האַלפּערין 3
אַנדערס ניי היטעלע — ב. סלוצקי. 4
ציפּ, צאַפּ, העמערל! (שיר). — י. פיכמאַן 9
טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ! (שיר) י.ל. פּרץ „
די אמתע מאַמע — אגדה. 10
דריי מלאכים (שיר) — מאני לייב. 11
עס מוז זיין ווייט אַמעריקע. מ. קרינסקי. 12
שלאָף, מיין קינד. (שיר) שלום-עליכם. 13
אין וועלדל ביים טייכל (שיר) ש. הורוויטש 14
אין דער ליבער קאָלאָניע — י. פּאַט. 15
בלומען (שיר) — מ. בראָדערזאָן. 23
אויף אַ זומער-וואוינונג — לאה האָפמאַן 24
געפאַנגען (שיר) — פרץ הירשביין 26
קאַניקול-צייט — לויט וו. קאָראָלענקאָ 27
שפּיל אין סאָלדאַטן (שיר) ב. שאַפּיר 29
דער ערשטער טאָג אין שול —
לויט ד'אַמיטשיס 30
ביי די שניטער אין פעלד (פון די מעשה-
לאַך: „דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע")
עלבע 32
דאָס ליד פון ברויט (שיר) מאַני לייב 36
וועלוועלע — באַארבעט. 37
האַרבסט-מתנות (שיר) מ. בראָדערזאָן 42
פייוועלע — לאה האָפמאַן 43
דער וואַלד אין האַרבסט (שיר) א. רייזען 46
דו שלאָגסט זיך גאָר — י. קאַצנעלסאָן 47
אין גאָרטן (שיר) „
די פאָן — שלום-עליכם 48
די בלומען אין האַרבסט (שיר) —
ה. ראָזענבוים. 53
דאָס קעלבל — נאָך ז. פייערבערג. „
אַ מעשה וועגן מילך, האָבערנע קאַשקע
און גרויען קאָטערל מורקע — מאַמין
סיביריאַק, יידיש ש. ידידאָוויטש. 54
דאָס קעצל (שיר) ז. סעגאַלאָוויטש. 60
די הינט און דער האָן — באַארבעט. „
דאָס גוטע פערדל — וויקטאָר הוגאָ 63
דאָס פאַריתומטע שעפעלע — יעקב
שטיינבערג, יידיש סלאָוואָטער. 65
דער פעטער שנייער (שיר) מאַני לייב. 69

זייט

ווינטער — באַארבעט 70
מיין ליוסי (שיר) ל. קוויטקאָ. 71
די קינדער האָבן אויסגעהאָלפן —
לויטן „שול-חבר" 72
די מוטער צום קינד (שיר) — א. רייזע 73
דאָס אומגליק — פון ד'אַמיטשיס. 74
דער ערשטער שניי (שיר) ז. סעגאַלאָוויטש 75
ביים קראַנקן לערער — פון ד'אַמיטשיס. „
ווי אַזוי אַ שפּענדל האָט גערעדט —
לויט וואַכטעראָוו. 77
שנייעלע (שיר) — מאַני לייב. 79
דעם ווינטערס שטיק — לויטן „שול-חבר" „
צום זיידן אויף לאַטקעס (פון די מעשהלאַך
„דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע") עלבע. 81
דעם זיידנס טאַבאַק-פּושקע (שיר) —
לאה ק. האָפמאַן 84
חנוכה. — שלום-עליכם. 85
די שפּיל אין דריידל — שלום-עליכם. 86
זון-פייגעלעך (שיר) — הערשעלע. 87
חיים דער פאָנטרעגער — י. פּאַט. „
יהודית די מלכּה „ 90
ווינט און שנייעלעך (שיר) קאָפּעליאָוויטש
מיידעלע מיט די שוועבעלעך —
ה. אַנדערסען, יידיש — נסתּר. 93
דער נאַכט-וועכטער (שיר) א. רייזען. 95
צוויי פרעסט — אַ רוסישע פאָלקסמעשה. 96
ייִדישע פראָסט — מ. בראָדערזאָן. 99
ווינטער (שיר) — 101
דער שלעכטער ריז — אָסקאַר וואַילד,
יידיש — ש. ידידאָוויטש „
פורים צו דער סעודה (פון די מעשה-
לעך „דאָס ייִנגעלע מיטן רינגעלע") עלבע 106
רעטעניש. 110
דער פוקס און דער באָק — באַארבעט. 111
דער פוקס און די ווייַנטרויבן (משל) —
לויט קרילאָוו, יידיש ג. ריוועסמאַן. 112
די קלוגע מייז — באַארבעט. „
דער נאָדלער און דער האָז ל. טאָלסטאָי 113
ווי אַזוי די שוואַלבן העלפן איינע די
אַנדערע — פון רוסיש. 116
גוטע חברים — ל. טאָלסטאָי. „